STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01176

YIDISHE KLASIKER POETN

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by The Karma Foundation
in memory of
Louis & Tillie Matlofsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

אידישע קלאַסיקער פּאָעטן

(עסייען)

פאַרלאַג „באָדן"
ניו־יאָרק, 1937

פונעם זעלבן מחבר:

לידער, פארלאג אינזיך, 1924

אונדזער פיערא, פארלאג אידיש לעבן, 1927

סיסטעם און רעלאטיווקייט אין פאעזיע (וועגן מיכל ליכטן),
פארלאג אידיש לעבן, 1927

מסעות פון לעצטן שאטן, פארלאג „באדן“, 1936

אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד), פארלאג „באדן“, 1936

אידישע קלאסיקער פאעטן (עסייען), פארלאג „באדן“, 1937

Copyright 1937
By N. B. MINKOFF, New York

N. B. MINKOFF—YIDDISH CLASSICAL POETS (Essays: S. Frug, I. L. Peretz, M. Rosenfeld, Yehoash, A. Liessin and A. Reisen). —Bodn Press, New York, N. Y., 1937.

369

אינהאַלט:

ש. פרוג — — — — — — — 7

י. ל. פרץ — — — — — — — 33

מאָרים ראָזענפעלד — — — 65

יהואש — — — — — — 99

א. ליעסין — — — — — — — 145

אברהם רייזען — — — — — — 181

ש. פרוג

ש. פרוג

ווען פרוגן איז דאָ אַ לעגענדע, אַז אין רוסישן איז ער אַן „אמתער, וואָרער און גרויסער דיכטער", און אַז אין זיינע אידישע לי־דער איז ער בלויז „אַ מאַטער אָפּגלאַנץ", אַ „מידער עפּיגאָן". די לעגענדע ווערט צערונען ווען מען באַטראַכט זיינע רוסישע און זיינע אידישע לידער אין שייכות מיטן צושטאַנד פון די ביידע ליטעראַטורן פון זיין צייט.

מען קאָן אָננעמען אַז אַן „עכטער, וואָרער" דיכטער איז דער, וואָס באַנוצט זיך מיט זיינע קינסטלערישע אייגנשאַפטן אָן שום שווע־ריקייטן, כמעט אומבאַוואוסטזיניק. מען מוז אָבער צוגעבן, ניט גלויבנ־דיק אפילו אין סופּערלאַטיוון, אַז אַ „גרויסער" דיכטער איז אַ פיר־שפּרעכער, אַ סך־הכל, אַ הויכער פּונקט פון זיין עפּאָכע; ער איז דער אָנזאָגער און דער ביישפּיל פאַר אַ נייער קינסטלערישער קאָנצעפּציע. ער שאַפט אַ נייעם שפּראַך־ מעדיום און ווערט, אַזוינאָך, זיין מייסטער. זיין מאַטעריאַל, ווי אויך דער אופן ווי ער באַהאַנדלט אים, איז ספּע־ציפיש זיינער. ווי איינגעבאָרן עס זאָלן אָבער ניט זיין די אייגנשאַפטן פונם „גרויסן" דיכטער, קאָן ער זיי ניט אַרויסברענגען דערפאָלגרייך אָן דער הילף פון באַוואוסטזיניקער קולטיווירונג.

דער זין פון דערדאָזיקער דיסציפּלין ליגט אין קאָנטראָלירן דעם ניט־געצאַמטן דראַנג און אים דערפירן צו אַן אַקטיווער קינסטלערישער פאָרמירונג. צו דעם שטרעבט און דאָס דערגרייכט יעדער „גרויסער" דיכטער.

ש. פרוג איז אין רוסישן ניט געווען קיין פירשפּרעכער און אויך ניט קיין סך־הכל פון זיין עפּאָכע, ניט קיין אָנזאָגער און ניט קיין בייַ־שפּיל פאַר אַ נייער קינסטלערישער קאָנצעפּציע. ער איז דאָס אָבער פולשטענדיק געווען אין דער אידישער ליטעראַטור, ניט קוקנדיק אויף זיין פּאַסיוו־קינסטלערישער, הגם הויך־באַגאַבטער, נאַטור.

אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען פרוגס לי־דער האָבן זיך באַוויזן, זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען אין

דער רוסישער ליטעראַטור, ספּעציעל אין דער פּאָעזיע. די צייכנס פון אַ גרויסן איבערברוך אין דעם טראַדיציאָנעלן גאַנג פון דער רו־סישער וואָרט־קונסט האָבן זיך שוין געמערקט מיט איין און צוויי דע־קאַדעס פריער. די באַפרייאונג פון די פּויערים, צוערשט אַ פּאָליטישער און סאָציאַלער אַקט, האָט איבערגעבויט דעם גאַנצן קולטורעלן איינ־שטעל. זי האָט איבערגעאַנדערשט דאָס אויסזען פונם קלאַס „נאָבע־לע", וואָס פלעגט פּראָדוצירן ליטעראַטור אַ דאַנק זיין העכערן קולטור־רעלן מצב. זי האָט אויך אָנגעהויבן פורעמען אַ נייעם קולטורעלן קלאַס פון ברייטערע מיטל־קלאַס שיכטן, וואָס האָט ניט נאָר פאַרגע־זעצט די פריערדיקע ליטעראַרישע טראַדיציע, נאָר אויך פאַרקערט, רע־וואָלטירט קעגן איר. דער דאָזיקער שטריך איז געווען דער מהות פון דעם נייעם „אינטעליגענציע"־קלאַס. זיין איינפלוס, אין אָנהויב, האָט נאָך שטאַרקער געווירקט אויף דער אַלגעמיינער נעגאַטיווער באַציאונג צו „פאָרם"; און דאָס האָט אין דער דאָזיקער איבערגאַנג־צייט נאָך מער מיטגעהאָלפן צום באַרג־אַראָפּ פון דער קינסטלערישער קוואַליטעט פון דער פריערדיקער עפּאָכע. אינהאַלט איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר דער הויפּט־וויכטיקייט לגבי דער פאָרם, וואָרן פאָרם איז געטייטשט געוואָרן ווי אַן אויסערלעכקייט און ווי אַ טראַדיציאָנע־לער לבוש. די לעצטע קאָריפייען פון יענער עפּאָכע, די זיילן פונם רוסישן ראָמאַן, ווי טאָלסטאָי און טורגעניעוו, האָבן ווייניק דערפון געליטן (מיטן אויסנאַם פון דאָסטאָיעווסקין). זיי זיינען אַליין געווען מייסטערס פון פאָרם, אפילו ווען זיי פלעגן איר ניט צוטיילן צו־פיל וויכטיקייט. דערפאַר אָבער האָבן די שפּעטערדיקע שריפטשטעלער געהאַלטן אין איין איבערחזרן דעם „אינהאַלט", וואַריאירנדיק אים אפילו. און צוזאַמען מיט דער נאַכלעסיקייט פון פאָרם האָבן זיי גע־שאַפן גאַנץ אומאָריגינעלע ווערק, ווי דער פאַל איז געווען מיט זאַ־סאָדימסקין, זלאַטאָווראַטסקין, און אפילו מיט די מער טאַלאַנט־פולע, מיט פּאָמיאַלאָווסקין און גלעב אוספּענסקין.

אין דער דיכטונג איז די לאַגע ניט געווען בעסער. וואָס ווייטער פון דער פּושקין־לערמאָנטאָוו טראַדיציע, אַלץ געפאַלענער און עקלעק־טישער איז געוואָרן דער קינסטלערישער „הויכער פּונקט" פון דער פּאָ־עזיע. ביעלינסקיס אידעאָלאָגיע, דער סאָציאַלער צוועק אין דער לי־

מעראַטור, די וואַקסנדיקע אומנויטוועגדיקייט פון קינסטלערישן אויסלעב ביים אָפּגאַנג פון די „נאָבעלע“, און די פאַרשידענע נייע מעגלעכקייטן פאַר קולטור־אויסדרוק און קולטור־טעטיקייטן, וואָס די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָבן פאַרן מיטל־קלאַס געעפנט, — דאָס אַלץ האָט פאַררוקט אין הינטערגרונט די לירישע פּאָעזיע, צוליב איר ריין־סוביעקטיוון כאַראַקטער. צו דעם וואָלט מען געקאָנט צורעכענען נאָך אַ וויכטיקן מאָמענט: טיוטשעוון. ער, וואָס האָט באַדאַרפט איבערנעמען די פּושקין־טראַדיציע און קרעפטיקן זי, איז געווען אָפּגעריסן פון דער רוסישער ווירקלעכקייט. זיין „מערבדיקייט“ און די אידעאָלאָגיע פון זיין קלאַס האָבן אויך מיטגעהאָלפן, אַז ער זאָל אַוועקגעטראָגן ווערן אין אַ סענסועלער וועלט. און די דאָזיקע וועלט זיינע איז געווען אַ פּאַסיווע, צוליב דער אָפּוועזנקייט פון בולטן באַוואוסטזיין און פון אינטעלעקטועלן פאַרנעם. זיין קרעדאָ, אַז פּאָעזיע איז „דער הייליקער בוימל פון שלום“ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין וועלט.

דאָס זיינען די סיבות פאַרוואָס עס איז שווער צו געפינען אָריגינאַליטעט ביי פרוגס נאָענטע פאַרלויפער, ווי אַלעקסעי טאָלסטאָי און די „פאַרנאַסיער“ פּאָלאָנסקי און מאַיקאָוו. זיי האָבן ניט באַזיצט טיוטשעווס פּאָעטישע קוואַליקייט, געוואַגטקייט אין קאָמבינירן בילדער דורך מייסטערישער פאָרם; דאָך האָבן זיי, אויב אפילו אומבאַוואוסטזיניק, געזוכט קאָמפּראָמיסן צווישן „קונסט צוליב קונסט“ און „קונסט מיט אַ צוועק“. אין אַ געזונטן סאָציאַלן באַוואוסטזיין און אונטערן דרוק פון די קריטיקער קעגן דער עסטעטיק מצד די אוטיליטאַריער, האָבן די קאָמפּראָמיסלער ניט דערהויבן ניט די קינסטלערישע פאַרטראַכטונג און ניט זייער מעטאָד.

פונקט ווי זיינע פאָרלויפער, האָט פרוג ניט פאַרמאָגט יענע אַקטיווע קראַפט אין דעם פּאָעטישן אויסדרוק, ווי דאָס האָבן פאַרמאָגט די צוויי קעגנזייטיקע פּאָליוסן, אידעאָלאָגן פון פיינטלעכע לאַגערן, נעקראַסאָוו און פעט. זיי איז געווען פרעמד די לעבלעכקייט פון די עקלעקטיקער־פּאָעטן, און דערפאַר טאַקע האָבן זיי פאַרזעיט פילבאַדייטנדיקע קערנער פון שפּעטערדיקע צוויי ריכטונגען אין דער רוסישער פּאָעזיע. די פּאַסיווקייט פון פרוגס קינסטלעריש באַוואוסטזיין

איז געווען ענלעך אין כמעט אַלע שפּעטערדיקע דיכטער ביזן סוף פון די נײַנציקער יאָרן. קיינער פון זיי האָט ניט באַרייכערט די דערגרייכונגען פון די צוויי וויכטיקע אויסנאַמען.

נעקראַסאָוו, דער יסוד פון דער פּראָלעטאַרישער רוסישער פּאָעזיע, האָט צוליב זײַנע סאָציאַלע טענדענצן אַרײַנגעבראַכט דעם רעאַליזם, גרויס־שטאָטישקייט, דעם פּויער און די פּרימיטיווע נאַטור. פעט, דער אַנטאָגאָניסט פון דעם רוסישן סימבאָליזם, האָט צוליב זײַנע אינדיווידואַליסטישע טענדענצן אַרײַנגעבראַכט אַבסטראַקציע, פאָרם־מײַסטערשאַפט, קאָמפּאַקטקייט פון אויסדרוק, און עסטעטישן אידעאַליזם. די דערגרייכונגען פון דיזע צוויי באַנײַער זײַנען שפּעטער דעגראַדירט געוואָרן אי פון די „פּאָלקיסטן“, „נאַראָדניקעס“, ווי נאַדסאָן און פרוג, און אי פון די „עסטעטן“, ווי פּאָפּאָנאָוו און לאָכוויצקאַיאַ.

ניט באַזיצנדיק קיין אָריגינעלן קינסטלעריש־רעוואָלוציאָנערן שוואונג, האָט פרוג, אין אַזאַ עפּאָכע, ניט געקאָנט זײַן קיין פירשפּרע־כער און ניט קיין סך־הכּל פון דעם דעמלטיקן קינסטלערישן געדאַנק. ער איז געווען אַ פּאַסיווער מיטגייער אין דעם שטראָם פון פּאַרטיקע איבערחזרונגען, אומצופרידנקייטן און אָנגענומענער סענטימענטאַלער מידקייט. ער האָט מיט גאָרניט באַנײַט די רוסישע פּאָעזיע, אַ חוץ מיט דעם טענדענציעזן ציוניזם, ד. ה. מיט יענעם טעמאַטישן מאַטעריאַל, וואָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך פאַר אים, און צופעליק פאַר דער רוסישער פּאָעזיע. די אַלע מעלות, וואָס סקאַביטשעווסקי שרײַבט אים צו, ווי צ. ב. „פּשטות, קלאָרקייט, באַשטימטקייט און קלאַנגפולקייט פון אַ געוואָגטן און ענערגישן פערז, רײַכע בילדלעכקייט, האַרציקייט און וואַרימקייט“ — זײַנען גאָר אויבנאויפיקע גענעראַליזאַציעס — זײַנען ניט ספּעציפיש פרוגיש. זיי זײַנען פון אים ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַ באַדײַטנדיקער פולקייט און זיי זײַנען ניט פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן צו אַ הויך, וואָס איז בלויז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

אין גרונט פּאַסן זיך דיזע מעלות פאַר יעדן פרוגס צײַט־קאָלעגע. אין דעם מידן, וויינענדיקן טאָן זײַנען גאָר אַ סך דיכטער פון יענער עפּאָכע געווען ענלעך איינער צום צווייטן:

Аккорд еще рыдает. (Надсон).

עס קלאָגט נאָך דער אַקאָרד (נאַדסאָן)

И струны рыдали и пели рыдая. (Фруг).

און געקלאָגט האָבן סטרונעס און קלאָגנדיק געזונגען (פרוג)

Рыдает и плачет тоскливая скрипка. (Фофанов).

עס קלאָגט און עס וויינט אַ בענקענדע פידל (פאָפאַנאָוו)

אפילו, נאָך פריער, ביי נעקראַסאָוון, דעם קערנדיקסטן און פאַרוואָרצלסטן אין רעאַלקייטן, און ביי פעטן, דעם אַבסטראַקטן שיין־גייסט, פלעגט אויך זיך דערהערן דערזעלבער טאָן:

Зарыдав над ней и над собой. (Некрасов).

אויפקלאָגנדיק אויף איר און זיך אַליין (נעקראַסאָוו)

Тебя любить, тебя ласкать и плакать над тобой. (Фет).

און ליבן דיך, און לאַשטשען דיך, און וויינען איבער דיר (פעט)

זיי זיינען אויך געווען ענלעך אין זייער אינטאָנאַציע, אין זייער פּאָעטישן ווענד און אין דעם, וואָס זיי פלעגן ניט ארויסברענגען זייערע פאָרמולאַטיווסטע שורות צו אַ פלוצימע אַנטפּלעקונג:

Он растоптан и смят мой мой душистый венок,
Я без песни борюсь и без песни грущу. (Надсон).

צעטראָטן, צעקנייטשט איז מיין דופטיקער קראַנץ,
אָן לידער מיין קאַמף און אָן לידער מיין קומער (נאַדסאָן)

В этой тьме, беспросветно царящей кругом,
Где, как осень глухая, нема и бледна,
Без цветов и без песни проходит весна. (Фруг).

אין דעם חושך, וואָס הערשט אָן אַ דורכשיין אַרום
וואו, ווי אָסיען, דער טויבער, דער שטומער און בלאַסער,
גייט דורך דער פרילינג אָן בלומען, אָן לידער (פרוג)

Мне больше некого любить
Мне больше некому молиться. (Надсон).

כיהאָב מער קיינעם ניט צו ליבן,
צו קיינעם מער קיין תפילה טאָן... (נאַדסאָן)

И род людской, как бред земной мечты,
Исчезнет сном — и даже смерть забудет,
И некому тогда воскликнуть будет. (Фофанов).

און דער מענטשן־מין, ווי וואָן פון חלום ערדישן
פאַרשווינדן וועט מיט שלאָף — און טויט אַפילו וועט פאַרגעסן,
און קיינער וועט ניט זיין דאַן אויפצושרייען... (פאָפאַנאָוו)

Широка, как моя роковая печаль,
Как мое безъисходное горе. (Фруг).

רחבותדיק ווי מיין שיקזאַליקער טרויער
ווי מיין אומענדלעכער קומער. ...(פרוג)

Проходит жизнь в мечтаньях об ином
Ничтожна и пуста. (М. Лохвицкая).

סיגייט דורך דאָס לעבן, אין טרוימען וועגן אַנדערן,
גאָרנישטיק און פוסט. ...(מ. לאָכוויצקאַיאַ)

די געפאַלנקייט און די אַפּאַטיע אין דער צייט פון דער רעאַקציע פון די 80־ער יאָרן, דער דוחק אין אַקטיווע פּאָעטן־פּערזענלעכקייטן, ווי אויך דאָס פעלן פון אַ ברייטער ליטעראַרישער קולטיווירונג, האָבן געשטערט יעדן דעמלטיקן פּאָעט, פרוגן איינגעשלאָסן, צו ווערן אַליין אַן אָנזאָג פון אַ דיכטערישער באַנייאונג. קיין איינער פון די דיכטער פון די 80־ער יאָרן האָט דערפאַר ניט באַנייט די רוסישע דיכטונג, — ניט ריין־פּאָעטיש, ווי דאָס האָט שפּעטער געטאָן בריוסאָוו און באַל־מאָנט; ניט פילאָסאָפיש, ווי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן פון דעם איינערן שיכט סימבאָליסטן, אַנדרעי ביעלין און אַלעקסאַנדער בלאָקן. זיי האָבן אַפילו ניט דערהערט בולט די אָנקומענדיקע טריט, ווי דאָס האָבן דערהערט מערעזשקאָווסקי און מינסקי.

קאָנען מיר פאַרענטפערן פרוגן דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ „פּאָלקיסט“? די ספּער פון די „פּאָלקיסטן“ איז באמת געווען פּרימיטיוו און אומאַרטיקולירט, שוואַך אין פאַרגלייך מיט טאָלסטאָיס רעליגיעזן אידעאַליזם און וולאַדימיר סאָלאָוויאָווס עסטעטישן מיסטי־ציזם. אָבער מיר האָבן דאָך צוויי פּאַקטן, וואָס ווידערשפּרעכן אַזאַ פאַרטיידיקונג פון די „פּאָלקיסטן“, פרוגן אריינגערעכנט:1) די דיכ־טער מערעזשקאָווסקי און מינסקי זיינען אויך געווען צוערשט אוטילי־טאַריער. דאָך האָבן זיי געגרייט אַ נייעם ווענדפּונקט אין דער רוסי־שער פּאָעזיע. 2) דער אוטיליטאַרישער פּאָזיטיוויזם האָט זיך אין די 80־ער יאָרן אָנגעהויבן מער צו באַפעסטיקן צוליבן אויפגייענדיקן מאַרקסיזם און באַוואוסטזיניקן אַרבעטער־קלאַס. דער פּאָזיטיוויזם האָט געפאָדערט נייע קונסט־מיטלען פאַר זיינע נייע צילן. פרוג האָט אָבער דאָס נייע ניט געזוכט.

די עפּאָכע האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף פרוגן, אָבער זיין

נאָכניין געהאָרכזאַם די דעמלטיקע טראַדיציע איז געווען אַ פּועל יוצא אויך פון זיין פּאַסיוון קינסטלערישן כאַראַקטער. די פּאַסיווקייט פון פרוגס פּאָעטישן פּלום געפינט זיך סיי אין זיינע רוסישע, סיי אין זיינע אידישע לידער. אויב זיינע רוסישע לידער שיינען צו זיין מער פּאָע־טיש, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס דאָס רוסישע פּאָעטישע לשון, לגבי דעם אידישן, איז אין די 80־ער יאָרן געווען מער אויסגעפיינערט, און זיין איטלעך וואָרט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ באַשטימטער שטימונג און מיט סימבאָלישקייט.

נים באַזיצנדיק קיין אינערע אָגרעסיווקייט אין זיין אויסדרוק, האָט פרוג ניט געקענט צווינגען זיין פּאָעטישן שטראָם צו זוכן אַ ניי ליד. ער איז נאָכגעגאַנגען די טריט פון דעם געגעבענעם שאַבלאָן, פון דער צוגעגרייטער טראַדיציע. צוליב זיין פּאַסיווקייט האָט ער אפילו דערגנידעריקט האָס שוין־דערוואָרבענע. וואָלט פרוג געווען אַ רעוואָ־לוציאָנערער כוח קענן זיין טראַדיציע, וואָלט פון אים אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ באַנייטער מאָמענט ניט נאָר אין דער רוסישער פּאָעזיע, נאָר אויך אין דער רוסישער פּאָעטישער דיקציע.

כּמעט פּרואוון אין ווערסיפיקאַציע און האָס אַריינברענגען נייע ווערטער־ און זאַץ־קאָמבינאַציעס זיינען וויכטיקע טיילן אין דער באַ־נייאונג פון פּאָעטישן לשון, זיינען זיי ביי פרוגן אָבער ניט קיין רע־זולטאַט פון אַן אַקטיוו־באַוואוסטזייניקן אָדער אַן אימפּולסיוו־דראַנ־גיקן פּראָצעס; זיי זיינען גיכער אַ רעזולטאַט פון ווייניק אָנשטרענ־גונג און שוואַכן ווידערשטאַנד.

עס איז וויכטיק זיך אָפּשטעלן אויף די פעלערן, וואָס מעלשין ווייזט אָן, ווי צ. ב. אויף פרוגס געוויסע גראַמען

Облака — берега, меня — дитя, мое — тебя.

אָדער אויף געוויסע ווערטער

Стоит много (?) (многих) мучительных слез, детскую душу пленя (?) (пленяя), все божки ты изрубил, а крупнейший (?) (крупнейшего) оставил, а сильнейший (?) (сильнейшего) пощадил.

אָדער ניט־ריכטיקע אַקצענטירונגען אין די ווערטער

Соками, вздрогнул, разрушенный.

די דאָזיקע פעלערן קאָנען ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ רעזולטאַט

פון א באוואוסטזיניקער קענגערשאפט צו טראדיציאנעלע מאָדעלן. זיי זיינען גיכער א צופאל פון א דיכטער, וואָס האָט ניט איבערגענומען בירושה א טיף־דורכגעיערט לשון. דאָס נייע אדאַפּטירטע לשון שמעלצט ניט צונויף האָס וואָרט מיט דער נאַנצער פסיכיק אזוי, אז די אורשפּרינגלעכע לעבן־קוואַליקייטן און דער גייסט פון דעם לשון נופא זאָלן זיך אנטפּלעקן אין די קינסטלערישע פּראָצעסן פון זיין דיכטונג.

עס איז שווער אָנצואווייזן, צווישן אזויפיל טאלאַנטפולע וואָרט־קינסטלער אין פרעמדע לשונות, כאָטש אויף איינעם, וואָס איז אין דעם נייעם לשון געווען א באַנייענדיקער סטיליסט. דאָס וואָרט „באַנייענדיקער" דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין פון דערפילן אינם לשון א נייע קונסט־קאָנצעפּציע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט פּעטראַניוסן און ראַבלעען, שעקספּירן און מילטאָנען.

דער צושטאַנד פון ביידע ליטעראַטורן אין פרוגס צייט און זיין נאַטירלעכע צונויפגעוואַרצלטקייט מיט דעם אידישן לשון, ווי אויך מיטן אידישן לעבן, מיט זיינע טרוימען און גאַרונגען, זיינען געווען די סיבה פאַרוואָס ער איז געווען אין דער רוסישער פּאָעזיע א ווייניק אָריגינעלער פּאָעט און אין דער אידישער — דער פאָטער פון דער מאָדערנער פּאָעזיע. אין זין פון פּיאָנערישקייט האָט פרוג אין דער אידישער פּאָעזיע פאַרנומען אַן ענלעך אָרט, וואָס מענדעלע אין דער פּראָזע. דאָך איז ער ניט געווען דער מייסטער איבער זיין וואָרט, ווי דאָס איז געווען דער קינסטלעריש־אַקטיווער מענדעלע. פרוג איז געווען א באַנייער, פאַרמירט אונטערן דרוק פון דרויסנדיקע באַדינגונגען. דאָס דערקלערט אפשר פרוגס ניט־דערהויבענע טענדענץ־לידער (זיינע ציוניסטישע און גלות־לידער), זיין אויבנאויפיק באַזירן זיך אויף דער ביבל און די אָפּוועזנקייט פון מייסטערשאַפט, ווי דאָס באַווייזן זיינע פילע מעכאַנישע גראַמען און די אָרימקייט אין גע־העריקע עפּיטעטן. אים האָט גרינג צופרידנגעשטעלט דער אָפּקלאַנג וואָס ער פלעגט געפינען אין דעם „לעזערס זאַל".

צוליב דעם נידעריקן מצב פון דער אידישער פּאָעזיע האָבן פרוגס פּאָעטישע קלישעען, געבאָרגט פון דער רוסישער ליטעראַטור, געדינט ווי באַנייאונגען אין דער אידישער דיכטונג. זיין אָנקומען אין דער אי־

דישער ליטעראַטור איז דערפאַר פאַר אים געווען אַן „אַהאַפּשטיינ".
די בעסטע אידישע פּערזן־שרייבער פון זיין צייט זיינען געווען פּרימי־
טיווע באַלמעלאָכעס אָן אַ שאַפערישן פונק, אָדער רייכע פּאָעטישע נאַ־
טורן אָן שום פּאָעטישער קולטיווירונג, אָדער גאָר טענדענציעזע פּראָ־
זע־שרייבער אין גראַמען. פרוג אַליין באַשרייבט ווי דער שומר פון
גן־עדן איז צעטומלט געוואָרן ווען ער האָט דערהערט וועגן פּראָסאָדיע:

„צעזור מיט אַ משקל ? ! אוי ווי איז מיר ווי !
דו ביסט דאָך אַ קדוש, אויף מיינע נאמנות !
זשאַרגאָן מיט אַ משקל ? ! זשאַרגאָן מיט צעזור ?
קאַפּויר איז די וועלט, אי די גאַנצע נאַטור !
קום, קרוין מיינע, קום ! . . . ברוך הבא !
גענוג דיר, דו ביסט שוין מיט צרות גאַנץ זאַט,
דו האָסט אויף דער ערד שוין גיהנום געהאַט
האָסט כשר פאַרדינט עולם הבא !

די אידישע מוזע האָט אויסגעזען אין פרוגס אויגן ווי אַן
„אַלטע יתומה אָן טאַטן, אָן מאַמען,
וואָס שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע מיט גראַמען" . . .

פרוג האָט אַריינגעבראַכט זייער וויכטיקע עלעמענטן : וואויל־
קלאַנג, בוויגיקייט און ריטם — שוין פון לאַנג אָנגענומענע זעלבסט־
פאַרשטענדלעכקייטן אין דער רוסישער פּערזן־קונסט. זיי זיינען אָבער
געווען נייע און אָפּפרישנדיקע דערשיינונגען אין דער אידישער
פּאָעזיע.

כדי אריינצוברענגען דיזאָזיקע עלעמענטן האָט זיך ניט געפּאָ־
דערט פון פרוגן, אויף זיין וועג פון אַ העכערער צו אַ נידעריקער לי־
טעראַטור, קיין שום אָנשטרענגונג. און ניט געקוקט אויף דעם נסיון,
וואָס ליגט אין באַנייאונג, פלעגט פרוג זיך אָפט באַוועגן — ווי דאָס
ווייזט אַ היפּשער טייל פון זיינע לידער, — אין גראַמונגען, פיל־וואָר־
טיקייט, רויער טעמאַטיק און אויבנאויפיקער אַלעגאָרישער בילדלעכ־
קייט. דאָס זיינען געווען די כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פון דער
השכלה־פּאָעזיע.

אָן אַן ענטפער
רבנים, גבירים הערט דעם רוף,
גייט ברענגט איר די נחמה :

מיט רייכקייט שטאַרקן איר דעם גוף,
מיט פרומקייט די נשמה...

ניטאָ קיין ענטפער... פוסט און שטום...
דער רב האָט אַלע מעלות,
וואָס מען באַדאַרף, איז גוט און פרום
און זיצט און פסקנט שאלות.

געשעפטן טויזנט האָט דער גביר
אויף אַלע העכסטע גראַדן:
אַ פאַבריקאַנט און אַ באַנקיר
און נעמט דערצו פּאָדריאַדן.

דער ערשטער האָט צו טאָן מיט גאָט,
דער צווייטער — מיטן פריץ...
אַז,ביידע האָבן זיי כלאָפּאָט
גענוג אין חוץ־לארץ!

מתחתן זיך זיין מיט דער „גאָלדענער פּאַו",
און האָבן גרויס כבוד ביי קהל,
דערלעבן אוריינקלאַך, בויען אַ קלויז
און שטאַרבן אין ארץ ישראל —

אָט דאָס פלעגט זיך ווינטשן דער ערלעכסטער איד
און גלויבן, אַז אמת צופרידן
איז ארץ ישראל, וואָס איר איז באַשערט
צו זיין אַ בית־עלמין פאַר אידן...

אָדער:
ווי אויסגעהאַקט פון אַלטן העלפאַנד־ביין
אַ הוילער שאַרבן, אויגן טיפע, בלאָע
ווי ים־וואַסער; אַ באָרד אַ לאַנגע, גראָע,
אַ מויל אָן איינגעפאַלענעס, אָן ציין,
אַ וואוקס אַ הויכער, אַקסלען דאַרע, שמאָלע,
די ברוסט, דער רוקן — הויט און ביינער גאָלע...

אַ זאַמד־אור האַלט ער אין דער לינקער האַנט,
אַ קאָסע — אין דער רעכטער... דורות בליען
און וועלקן ווי די בלעטער... יאָרן פליען
פאַרביי ווי שאָטנס אויף אַ ווייסער וואַנט...
ניטאָ פאַר אים קיין שנאה, קיין רחמנות,
ניטאָ קיין פרייד, קיין לייד, קיין שמערץ און וואונד...
פאַרצייטן איז געווען זיין נאָמען „קראָנאָס",
די וועלט־געשיכטע — רופט מען אים אַצינד...
דער אַלטער אָפּגאָט שטייט און שווייגט, באַהאַלטן
אין טויטן גראָען נעפּל אין דער הויך...

(צוויי טאָסטן)

פרוג האָט מיטגעטראָגן די חסרונות פון זיין „סביבה און צייט". ער איז ניט אַרויסגעטראָטן קעגן זיין טראַדיציע ווי אַ מורד. ער האָט ניט באַהערשט באַוואוסטזיניק דאָס וואָרט, הגם ער האָט „געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן". זיינע נייקייטן האָט ער ניט אַרויסגעפירט ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אינווייניקסטן מוז. ער האָט זיי אַראָפּגעבראַכט ווי פאַרטיקע קלישעען פון דער רוסישער פּאָעזיע, וואו ער האָט זיי שוין געפונען צוגעגרייטע. די געוואוינהייט צו דער גלאַטקייט און צום שאַבלאָן פון זיין רוסיש פּאָעטיש לשון האָט אַרויסגערופן אין אים אַ דערווידערדיק געפיל קעגן דעם לשון פון „ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס". דער פּראָזע־פּיאָנער מענדעלע, אגב, האָט פון דעמזעלביקן לשון אויפגעבויט דעם קערנדיקסטן, לאַגישסטן און קינסטלערישן מאָדערנעם אידישן סטיל.

פרוג איז ניט געווען אַקטיוו, — ניט אינם אינערלעכן פּאָעטישן מוז צום אויסדרוק, וואָס איז די אָפּשפּיגלונג פונם קינסטלערס פּסיכיק, און ניט אין דעם ווילן בייצוקומען דאָס אָפּגעלעבטע פון זיין עפּאָכע און איר מיליע. פרוג איז אַ קלאָרער באַווייז ווי אַזוי די „סביבה און צייט" גרייט צו פון זיך אליין, און אויסערגעוויינלעך לאַנגזאַם, באַ־זיסן פאַר באַנייאונג. אָבער דערפאַר פאַרהאַלט זי, ניט אַן ערך שנע־לער, דעם דראַנג פון יענעם קינסטלער, וואָס איז, אַ דאַנק דעם וויכ־טיקסטן שטיצפּונקט (טראַדיציע), דער מורד קעגן דערזעלביקער „צייט און סביבה".

אין זיין קענגערשאַפט צו זיין עפּאָכע וואַרפט אָפּ אַן אַקטיווער כוח דאָס איבערחזרנדיקע און דאָס נוצלאָזע. ווען ער איז דערצו נאָך פּאַרנונפטיק, נעמט ער אָן דאָס עצם דערהויבענע. ער שטעלט זיך אַפילו קעגן יענע צעשטערנדיקע מיטלען פון זיינע אייגע־נע מיטקעמפער, וואָס וואַרפן אָפּ, צוזאַמען מיט די קלישעען די פּרוכטבאַרסטע איינגעשאַפטן און לייט־מאָטיוון פון דער פריערדיקער עפּאָכע. אין זיין נייעם אָנשלאָג זעצט דער אַקטיווער קינסטלער פאַר דאָס לעבן־פּייאיקע; אַזאַ באַוואוסטזיניק פאַרזעצן די געגעבענע טראַ־דיציע אויף נייע וועגן איז אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט. און דאָס איז דער וועג פון יעדן פאַרנונפטיקן נייעם קינסטלער.

פּרוג איז ניט געווען אייפערדיק געגוג אין זיינע קינסטלערישע זוכענישן, אין אויספירן זיינע פאַרטראַכטונגען. ער האָט געפירט זיין טעמאַטישן מאַטעריאַל קעגן דעם קלענסטן ווידערשטאַנד, און ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ פאַרטיקן שטאַמפּ פון אַ געגעבענעם מעטאָד. כאָטש ער איז געווען אַ הויך־באַגאַבטע פּאָעטישע נאַטור, איז ער גע־ווען אַ קרבן פון זיין „צייט און סביבה“, און דאָך אַ נייער דיכטער:

1) אין יענע עלעמענטן, וואָס מען קאָן פּאַסיווערהייט אַריינ־ברענגען פון אַ העכער־אַנטוויקלטער ליטעראַטור, און

2) אין יענע באַנייאונגען, וואָס קומען אין זעלטענע מאָמענטן פון אַ דרויסנדיקן אָנשטויס, און וואָס זיינען גורם אויף דער קוואַ־ליטעט און קאָנצענטרירונג פונם קינסטלערישן שטייגן.

זיין עפּאָכע האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען דעם כמו־אָביעק־טיוון בליק, וואָס די משכילים האָבן געהאַט אויף די אידישע מאַסן, אויף זייערע זיטן און אויף זייער אָרעמיק פינצטערניש. ראַציאָ־נאַליסטיש באַגרענעצט, עמאָציאָנעל סענטימענטאַל, פלעגן זיי פאַר־ענטפערן אַלץ שכל־הישרדיק. כדי אויסצומענטשלען די מאַסן האָבן די אומדעמאָקראַטישע צווישן זיי, אָפּגעלייקנט יענע פאָלקישע לעבן־און וועלט־באַגריפן, וואָס זיינען געווען די נשמה פון די זעלביקע מאַסן, און זיי פאַרשפּאָט. אויך די דעמאָקראַטישע משכילים האָבן זיך באַנוצט מיטן מיטל פון אָפּחוזקן. זיי האָבן טאַקע געהאַט אַן אוצר פאַר זייער אָפּשפּעטן, אַ זייער נאָכגעביקן מאַטעריאַל, ווי די „שיינע אידן“, בעלי־טאַקסעס, „פיינע בריות“, „פּיאַווקעס“ און די

אויסטערלישע „מאדאמען" און „מאמזעלן". צוליב זייער אפּהוזקן האָט זיך די משכּילישע דיכטער זעלטן ווען איינגעגעבן צו דערהויבן זייער אַפּלייקענונג צו דער מדרגה פון סאַטירע. סאַטירע איז באמת די קריסטאַליזאַציע און די אָביעקטיוויזירונג פון זיך אַליין, ווי אויך פון די, וועמען מען סאַטיריזירט.

אָט איז פון לעקעך־טייג געמאַכט,
(אַ נייס פון אַלע נייסן!)
אַ גביר, וואָס פאַרן אָרימאַן
איז „זיס" און „לאָזט זיך בייסן"...

ער מאַכט זיך ניט ניט־וויסנדיק
פון דעם עולמס צרות,
ער גאַרט ניט נאָך אַ חניפהלע,
דאַרף כבוד אויף כפּרות...

אָט איז אַ אידישע „מאַדאַם",
און קוקט, אַריסטאָקראַטקעס:
זי קרימט זיך ניט, דערהערנדיק
פון קוגל, טשאָלנט, לאַטקעס!

אָט איז אַ אידישע „מאַמזעל",
וואָס, אַז מען רעדט אַוף אידיש,
וועט זי ניט קוקן ווילד אויף אייך,
ווי עפּעס אויף אַ חידוש.

און קריכט אין קלוב ניט אויסגעפּוצט,
אַ נחת איז איר באָבע! —
צו הערן דאָרט אַ סקאָצל־קומט:
„זשידאָווקאַ, ברוך הבא!" . . .

— — — — — — — — — — — — — —

אָט איז אַ אידל, וועלכער וועט
ביים קבצן פאַר אַ קאָפּקע

די הויט ניט שינדן,
דוקא די „קאראַבקע!"...

פון צוקער־גלאָז א „וואָכערניק"
באַר אָרימע אלמנות
וואָס אַז טריפט א הייסע טרער
„צעגייט" ער — פאַר רחמנות!?!...

— — — — — — — — — — — — —

אָט נאָט אייך א „מלמד" —
איר נעמט אַקאָרשט דאָס שטיקל
פון האָניק־לעקעך אויסגעטאָקט,
א צאַצקע, אַן אַנטיקל:

קיין טשאַכאָטקע האָט ער ניט
און איז ניט קיין האָרבאַטע,
זאַיקעט זיך ניט, איז ניט בלינד,
ניט קרום און ניט פּאָנפּאַטע!!...

(שלח־מנות)

פרוג האָט איבערגענומען פון די משכילים דעם עלעמענט פון אָפּחוזקן. דער עכטער דיכטער אין אים פלעגט אָבער געפינען א וועג צו ראַפינירטער איראָניע און אמתער פּאַטעטישער סאַטירע: זיין אויפריכטיקע געפילפולקייט פלעגט מיט איר לירזים פאַראיידלען זיינע סענטימענטן. זי פלעגט זוכן מיטגעפיל ביים דיכטער אליין. דערפאַר אזויפיל מאָטיוון, באַפרייטע פון חוזק. דערפאַר א היפשע מאָס אָביעקטיוויקייט אין זיין באַדויערנדיקער איראָניע.

„ווי פויל און ווי שלעפּערדיק קריכן די טעג,
ווי אָבער פליען די יאָרן!
ווייט, ווייט איז נאָך ביז צו דעם עק פון מיין וועג,
און זעט, ווי איך בין שוין פאַרחושכט געוואָרן.
— — — — — — — — — — — — —

פאַרוואָס־זשע זינגסטו אַזוי טרויעריק, שטיל,
מיין פידל, מיין אַלטע, צעבראָכענע פידל?"

(אַ בלעטל ווידוי)

דאָס קאָן מען נאָכמער באמערקן אין

זאַמד און שטערן

עס שיינט די לבנה; עס גלאַנצן די שטערן;
די נאַכט שוועבט אויף באַרג און אויף טאָל...
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פאַר מיר אָפן,
איך לייען עס, לייען עס טויזנטער מאָל.

איך לייען די הייליקע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך אַ שטימע: „איך שווער —
מיין פאָלק, דו וועסט זיין, ווי די שטערן אין הימל,
ווי זאַמד אויפן ברעג פונם מער!..."

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פאַרפאַלן
פון דיינע הבטחות קיין איינציקעס וואָרט:
מקוים מוז ווערן דיין הייליקער ווילן,
אַלץ קומט אין זיין צייט, אין זיין אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן —
דאָס פיל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זיינען געוואָרן ווי זאַמד, וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יאָ, גאָטעניו, אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפּרייט און צעוואָרפן אויף שאַנד און אויף שפּאָט...
נו, אָבער די שטערן, די ליכטיקע, קלאָרע —
די שטערן, די שטערן — וואו זיינען זיי, גאָט?...

זיין נאָענטקייט צו דער רוסישער פּאָעזיע צוזאַמען מיט זיין עכ־טער סענטימענטאַלקייט האָבן אים געהאָלפן צו דערהויבן זיין סאַטירע צו אַ פּאָלקאָמער מדרגה. פון דער רוסישער פּאָעזיע האָט ער גערירשנט אַ גרויסע באַהאַוונטקייט אינם פּאָעטישן אויסדרוק. דערמיט איז ער

נעשטאַנען העכער איבער זיינע אידישע צייט־קאָלעגן, און במילא איז זיין ליד געווען רייפער פון די אַנדערע אידישע לידער פון זיין צייט. די וואולגארע און דרויסנדיקע סענטימענטאַלקייט, די מליצה, וואָס איז דעמלט געווען אָנגענומען, האָט ער אויסגעמיטן אַ דאַנק זיין הויך־אַנטוויקלטן געשמאַק. ער פלעגט אָבער דערהויבן זיין סאַטירע בלויז דעמלט, ווען ער פלעגט אויך אָפּוואַרפן דעם ניט־דורכגעלייטערטן מוסר־השכל.

דער מוסר־השכל זוכט צו פאַרענטפערן תיכפּדיקע פּראָבלעמען פונם אַרומיקן לעבן און איז אַ פּועל־יוצא פון דער ווירקלעכקייט. דערפאַר נעמט ער אָן געוויסע מעטאָדן פון דעם ליטעראַרישן רעאַליזם. ביי די משכילישע פּאָעטן איז דערדאָזיקער עלעמענט געווען אַן אומרייפע טענדענציעזקייט. דער מוסר־השכל האָט גורם געווען, אַז מען זאָל אַריינברענגען אין דער דיכטונג דעם מעטאָד פון דירעקטן צוגאַנג און פון דירעקטן באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל.

דער ציל איז געווען אָנצוואַווייזן מעלות־חסרונות: אַבערגלויבעניש, אָפּגעלעבטע פאָרמען, נייע וועגן, און לערנען זיטלעכקייט. דערפאַר האָט אַלץ באַדאַרפט דערקלערט ווערן דירעקט און רעאַליסטיש, אַפילו אין דער אַלעגאָריע. די אומפּרוכטבאַרקייט פון דערדאָזיקער דירעקטקייט איז ניט געלעגן אין דעם מעטאָד גופא. זי האָט געשטאַמט דערפון, וואָס צוזאַמען מיט דעם מעטאָד איז ניט צוגעגרייט געוואָרן אויך אַ קינסטלערישע קולטיווירונג. די, וואָס וואָלטן געקאָנט און באַדאַרפט דאָס טאָן, זיינען געווען ראַציאָנאַליסטיש און דידאַקטיש. אָט איז אַ מוסטער ווי אַזוי עס האָט געזונגען איינער פון די לירישסטע פּאָעטן פון דער משכילישער עפּאָכע, מיכל גאָרדאָן:

„שטיי אויף, מיין פאָלק, גענוג דיר שוין שלאָפן,
שטיי אויף און מאַך שוין דיינע אויגן אָפן;
וואָס איז אויף דיר אַליין אַ גרויס פּלאָג,
וואָס דו אַליין שלאָפסט ביזן האַלבן טאָג?
די זון איז לאַנג שוין אַרויס אויף דער וועלט,
זי האָט שוין אַלע מענטשן אויף די פיס געשטעלט;
נאָר דו אַליין ליגסט געקאַרטשעט, געבויגן
און האַלסט נאָך פעסט פאַרמאַכט די אויגן.

— — — — — — — — — — — —

טו אָן דײַנע קלײדער, װי אַלע זיך קלײדן,
װאָס דאַרפסטו די קלײדער פון דײַן עלטער־זײדן?
גײ אויפן גאַס ניט אַרויס אין לאַנגן כאַלאַט,
זאָלן מענטשן ניט װײַזן: אָט גײט דער אזיאַט.

— — — — — — — — — — — — —

דו דאַװנסט און קרימסט זיך, מיאויקעסט װי אַ קאַץ,
איך זע פרעמדע לאַכן, איך קריג שיר די פלאַץ."
און פרוג, דער קולטיווירטסטער פון זיי אַלעמען, פלעגט אויך אונ־
טערפאַלן אונטער דער השפעה פון דער צייט:

„ — וואָס־זשע דען? — „איך שמײס ניט".
„ — וויהייסט איר שמייסט ניט?" — „גאָר
פשוט: ניט קיין קאַנטשיק,
ניט קיין בענקל — גאָר ניט,
כיריר ניט אָן דעם תלמיד
ממש אויף אַ האָר".
„ — מיט דעם טײַטל? — „אויך ניט".
„ — גלאַט אַ קלאַפּ? — „חלילה".
„נו, און אַז אַ אינגל
איז אַ שייגעץ?" — „ניין
באַלעבאָס, דעם מענטשנס
האַרץ איז שלעכט פון יוגנט;
דאַרפן מיר עס מאַכן
ווייך און גוט און ריין,
אָבער ניט מיט שמייסן —
שמייסן העלפט צו גאָרניט . . .
(דער נייער מלמד)
„ — סטייטש . . . איר הערט? . . . אַ חוצפּה!
לערנען און ניט שמייסן!!
דאָס איז דאָך אַ מעשה
שלא היה . . . גוואַלד,
באַלעבאַטים, אידן,
ראַטעוועט די קינדער! . . .

אוי, דאָס לעצטע ביסל
אידישקייט פאַרפאַלט!"...

— — — — — — — — — — — —

„— זינגט און טאַנצט און הוליעט,
קינדער! אַ מפּלה
אויפן קאַנטשיק! מכות
זאָל דער טייטל זיין!

שלעפּט אַרויס דאָס אַלטע
בענקעלע פון חדר.
האַקט עס, ברעכט אויף שפּענדלעך,
גראָבט אין דריערד אַריין"...

(חברה הוליעט)

דער ניט־פּאַרטיפּטער רעאַליזם, די אויבנאַויפּיקע באַהאַנדלונג פונם מאַטעריאַל, און נאָכמער, די דידאַקטיק, ברענגען מיט זיך פיל־וואָרטיקייט. עס ווערט, אַזוינאָך, ניט געגעבן דעם לייענער קיין מעגלעכקייט צו דערשאַפן, צו דערגאַנצן דעם דיכטערס אָנרעג, און דורכלעבן אָדער באַגרייפן אַן אייגנעם דערפאַרונג. אַלץ ווערט גע־געבן זעלבסטפאַרשטענדלעך און צו־קלאָר. דער לייענער, ניט קריגנ־דיק קיין שום שטופ פאַרצוזעצן און דערשאַפן דעם דיכטערס אָנווייז, קאָן ניט פאַרוואַנדלען דאָס ליד אין אַ טייל פון זיך. דערדאָזיקער אויבנאַויפּיקער מוסר־השכל־עלעמענט, מיט זיין שווערקייט און מאָ־נאָטאָניע, האָט ניט קיין קינסטלערישע פּאָזיטיווע ווירקונג, ניט נאָר אויף דעם לייענער, נאָר אַפילו ניט אויף דעם דיכטער אַליין. דער גרעסטער טייל פון דעם גאַנצן דור משכילישע פּאָעטן האָט צוליב דערדאָזיקער סיבה זיך שטענדיק איבערגעחזרט, און האָט מיט נאָר־ניט דערהויבן זיין דידאַקטיק.

אַפילו ביי פּרוגן, אין מאָמענטן לירישע, וואו ער טויכט־אויף אויף אַ קינסטלערישער הויך, ווערן אַ סך לידער איבערגעפירט דורך דער טענדענציעזקייט, און מערסטנס דערפאַר, ווייל ער געפינט פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן די מאָראַל פון דער טעמע. שווער איז אים געווען אַרויסצורייסן זיך, אַפילו קומענדיק פון אַ העכערער פּאָ־

עטישער קולטור, פון די חסרונות פון דער דעמלטיקער אידישער דיכטונג.

פרוגס ריין־לירישע לידער פלעגן אָפט, טיילוויז אָדער אינגאַנצן, איבערגעפירט ווערן ניט צוליב שאַפערישער אינטעלעקטועלקייט, נאָר, פאַרקערט, צוליב דעם זיכרון, וואָס טראָגט־צו אַלעמאָל פאַרטיקע מוסטערן. און דאָס איז דאָס מעכאַנישסטע אין דער טענדעציעזער באַארבעטונג פונם מאַטעריאַל.

ווי אַ ביישפּיל קאָן אונדז דינען דאָס פאַרגעלייגטע ליד. פון אָנהייב טראָגט דאָס ליד פרוגס אַלע פּאָעטישע מעלות:

„שוין שלאָף און טונקל זיינען מיינע אויגן,
מיין קאָפּ געבויגן, שוואַך און גרוי
און אויף מיין האַרץ, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
פאַלט שוין דער קאַלטער אָוונט־טוי.

די לעצטע בלום איז שוין פאַרוועלקט, פאַרדאָרבן,
די לעצטע בלעטער פאַלן אָפּ . . .
דערלויב אויף דיינע קני אַנידערלייגן
מיין אַלטן, קראַנקן, גרויען קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — —

איך האָב שוין אַלע טרערן אויסגעגאָסן:
מיין האַרץ איז טויט . . . דאָרט וואו אַמאָל
פלעגט גרינע גראָז און פרישע בלומען בליען,
איצט וואַקסן דערנער אָן אַ צאָל;

דאָס אָרט, וואו בלויע אינדן פלעגן פליסן,
איז שוין, מיין קינד, פאַרוויסט, פאַרשטיינט . . .
איך האָב שוין אַלע לידער אויסגעזונגען,
שוין אַלע טרערן אויסגעוויינט . . .

און דאָ הייבט אָן פאַלן דער טאָן פונם ליד צוליב דער רעזאָנירונג און צוליב דער טעטיקייט פונם זיכרון:

אַז, הייס און ביטער זיינען זיי געווען,
די טרערן, וועלכע טאָג און נאַכט
פלעג פאַרגיסן, זינגענדיק די לידער —

און וואָס האָב איך מיט דעם געמאַכט?

— — — — — — — — — — — — —

אַ איד איז גאָר צו אַנדערע געפילן
געוואוינט געוואָרן זינט ער האָט
זיך אויף די פיס געשטעלט און אָנגעהויבן
זיין גלייך צו לייטן — דאַנקען גאָט —

ער האָט געהאַט פון אייביק אָן אַ מגיד,
וואָס האָט אים יעדע וואָך „געזאָגט"
און הערנדיק האָט טרערן ער געגאָסן,
געזיפצט, געאויקעט און געקלאָגט:

ער האָט געהאַט אַ ווילדע זאַך — אַ בדחן,
אַ שאַרפן מוח, אַ קלוגן יונג;
ער פלעגט זיך קוויקן, כאַפנדיק די גראַמען
און אונטערקנאַקן מיטן צונג . . .

ווען פרוג, דער עכטער, וואָרער דיכטער, וואָלט געווען אַן אָס־טיוועז נאַטור, וואָלט ער געקאָנט פאָראויסבאַשטימען זיין מאַטעריאַל און מעטאָד, און צווינגען זיין פאַרטראַכטונג און זיין אויסדרוק צו בלייבן אין אַ קינסטלערישער רעגונג און הויך ביזן סוף פון פּראָצעס.

ביי אַ פּאַסיוון טעמפּעראַמענט קאָנען דער טענדענציעזער עלע־מענט און דער דירעקטער מעטאָד ניט דערפירן די קינסטלערישע ענ־ערגיע צו אַזאַ מדרגה, וואָס זאָל געפינען אַ תיקון אין אַן אָריגינעלן אויסדרוק. פאַרקערט, ביי אַ פּאַסיוון טעמפּעראַמענט וועט דידאַ־זיקע טענדענציעזקייט אַרויסרופן בלויז אַ מעכאַנישע באַהאַנדלונג פון דער טעמאַטיק און פאָרם. אַזאַ גרינגע אָנשטרענגונג, אַזאַ שוואַ־כער ווידערשטאַנד, לייזט ניט אויס דעם פּאַרטיק־באַשטימטן מאַטע־ריאַל. די ניט־אַבסטראַקטקייט פון דער דעמלטיקער אידישער פּאָע־זיע, אירע פּשוטע געדאַנקען און אָרימע קונסט־באַגריפן, האָבן פאַר פרוגן ניט צוגעגרייט קיין שום גרויסע מעגלעכקייטן. דערפאַר איז ער זייער אָפט געטריבן געוואָרן צו ביבלישע מאָטיוון און צו לעגענ־דעס, די לעגענדעס, וואו ער פלעגט געפינען אַ ניט־דאַאיקע וועלט. און נאָכמער, די ביבל־מאָטיוון האָבן אַ שקוואַל מיט מאַטעריאַל

און אָנרעג פאַר אומדערוואַרטע אילוזיעס און טרוימען, ריזיקע חלומות און פאַרנאַבלטע רעאַליטעטן, איבערברוכן פון גרויסן פראַטעסט צוזאַמען מיט דעם עניוותדיקן אָננעם פונם שיקזאַל, אָבער אויך די לעגענדעס און די ביבל־מאָטיוון האָט פרוג ניט איבערגעדיכט אין אַן אָריגינעלן און פּאָעטישן מוסטער.

היסטאָרישע טעמעס, ווי ביבלישע מאָטיוון, לעבן זיך אַמפּולסטן אויס, צוליב זייער אָפּגעווייטערטקייט, אין דער עפּישער פאָרם, וואָס פאָדערט אָביעקטיווע באַהאַנדלונג. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן ניט מיט זיכרון־ אָדער קאָפּ־אַרבעט, נאָר דורך קינסטלערישער באַגרייפלעכקייט. אָביעקטיווקייט און אינטעלעקטועלקייט, ווי אויך די קולטיווירונג פון קינסטלערישן זין, האָבן זיך ביז פרוגס צייטן ניט באַוויזן אין דער אידישער דיכטונג. ער אַליין האָט זיי פאַרמאָגט. אָבער זיין טעמפּעראַמענט האָט ניט שטענדיק אַרויסגעבראַכט דידאַזיקע אייגנשאַפטן. בלויז אונטער באַשטימטע תנאים פלעגט זיך אַנטפּלעקן זיין קלאָרע פּאָעטישע געשטאַלט. זיינע לעגענדעס און ביבלישע מאָטיוון זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טענדענץ, וואו די בילדלעכקייט איז געקינצלט. אין אַזאַ אַטמאָספער וואַקסן אויס אומוויזיאָנערישע, אומנאַטירלעכע בילדער, וועמעס שטריכן ווערן זייער אָפט צערונען און וועמעס לשון איז באַרעדעוודיק און רעטאָריש. אַזעלכע פאַלן באַוויזן אַ גרינגע אונטערגעביקייט און דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. דאָס וואָרט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ניט אין אַ סימבאָל פון עקזיסטירנדיקע עלעמענטן און פּראָצעסן אין לעבן, נאָר אין אַ מיטל, מיט וואָס מען קאָן אַמגרינגסטן דורכפירן די טעמע, באַצירנדיק זי מיט אַ דאַקטיקל אָדער אַנאַפּעסט, מיט אַ צעזור אָדער גראַם.

די טענדענציעזקייט אין דער קונסט געפינט זיך אויף דער פלאַך, ווייל איר פּאַרטיקער צושטאַנד איז ווייט פון יענעם יערנדיקן פּראָצעס פונם איינדרוק, וואָס זוכט אויסוואוקס, רייפקייט און אויסגאַנג. דער פּאַרטיקער צושטאַנד רעגט ניט אָן די ענערגיע און וויזיע פון קינסטלער צו אַן אַבסאָלוטן מוז. און דערפאַר קאָן די טענדענציעזקייט ניט דינען ווי אַ דורכלייטערונג, ווי אַ מין קאַטאַרזיס צו אַן עקזאָלטירטער קוואַליקייט. דערפירן טענדענציעזקייט צו אַזאַ הויכן צושטאַנד גיט זיך איין זייער זעלטן.

פרוג אָבער פלעגט, אין זיין טענדענציעזקייט, זיך געפינען אויף דער פלאך, ניט ווייל אים האָט געפעלט קינסטלערישע קולטור, נאָר צוליב זיין ניט־בונטאַרישן כאַראַקטער און צוליב זיין אינטעלעקטועלער פאַסיווקייט. ווי נאָר אָבער ער פלעגט פאַרלאָזן דאָס, וואָס איז געווען פאַר אים טענדענץ, און זיך געפינען אין אַנדערע טעמעס, טעמעס פול מיט אומדערוואַרטן אַנרעג און אויפשוואונג, פלעגט ער זיך דערהויבן צו אַ דורכזיכטיקן עמאָציאָנאַליזם און צו דער העכסטער קאָמפּאַקטקייט פון זיין אויסדרוק. אַזעלכע דערגרייכונגען זיינען געווען די וויכטיקסטע פונקציעס אין באַנייען די דעמאָלטיקע אידישע פּאָעזיע. דאָסזעלביקע, אפשר אין אַ קלענערער מאָס, קאָן מען באַמערקן אין זיינע שיינע רוסישע לידער. דאָרטן אָבער האָבן דידאַזיקע מעלות, צוליב דער הויכער פּאָעטישער קולטור, שוין ניט געדינט ווי באַנייאונג.

ווערנדיק אָבער אַראָפּגעצויגן צו די חסרונות, וואָס די דעמאָלטדיקע אידישע ליטעראַרישע און געטאָ־טראַדיציע האָט געשאַפן, האָט פרוגס באַפרייאונג אָפּט געמיינט דאָס אַרויסרייסן זיך פון דער סביבה אָדער, דייטלעכער, דאָס ווערן אַרויסגעשטויסן פון זיינע טענדענציעזקייטן דורך אַ באַנייאונג. דאָס באַפרייען זיך פלעגט זיך צוזאַמענבריען אין אַ פּראָטעסט־שטייגונג, וואָס איז אייגנטלעך אַ הויכער פונקט אין קונסט. דערדאָזיקער פונקט פון שטייגנדיקן אימפּולס איז ביי פרוגן אויסגעדריקט געוואָרן אין זיינע שענסטע לידער, וואָס פלאַטערן נאָך איצט אונטער ברייטע, פרייע און ליכטיקע זעגלען.

צו דידאָזיקע לידער דאַרפן ווערן צוגערעכנט ניט זיינע ציוניסטישע אָדער גלות־לידער, וואָס זיינען ביי אים געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך טענדענציעז, נאָר די נאַטור־ און, הויפּזאַכלעך, די פרייהייט־לידער. זיי זיינען פאַר אים, דעם ציוניסט, משכּיל און טרוימער פון קליינבירגערלעכער ראָמאַנטיק, געווען אומטענדענציעזע שטאָף; דער ספּאָנטאַנער שטוים דערבראַכט צו אַ ברען־פונקט.

כאָטש ניט איינער פון די דיכטער פון זיין צייט איז געווען, אַ דאַנק דער שטעטלדיקייט, נאָענט צו דער נאַטור, זיינען אָבער זייערע נאַטור־לידער ניט אַזוי הויך פּאָעטיש און שטימונגפול ווי פרוגס.

די נאַטור איז ביי פרוגן ניט נמשלדיק פאַרמענטשלעכט און טראָגט ניט די נאַאיווע עפּיטעטן, וואָס זיינע נאָענטע פאָרגייער האָבן מעכאַניש איבערגעניצעוועט פון דער ביבל. אַלע עלעמענטן, וואָס פרוג האָט באַזיצט, אַ דאַנק דער רוסישער פּאָעזיע, פלעגן זיך אין זיינע נאַטור־לידער אויסלעבן סיי אין אַ פּאָעטישער עקזאַלטירטקייט און סיי אין אַ קרעפּטיקער, שטאַנדהאַפטיקער מאַלעריי.

ש ב ו ע ו ת

אַ כישוף־מאַכער איז די נאַכט,
די שטילע, בלויע נאַכט —
מיט צאַרטע פינגער האָט זי מיך
די אויגן צוגעמאַכט ;

די אויגן מיר פאַרשלעפערט שטיל,
דאָס האַרץ מיר אויפגעוועקט :
מיט ווייסע פליגלען, ווייך ווי זייד.
מיך ליבלעך צוגעדעקט.

דער ליבער, גרינער יום־טוב גייט,
די לופט איז בלוי און ריין :
אויף יעדן גרעזעלע שטראַלט־אויף
אַ העלער איידל־שטיין . . .

אָדער דאָס ליד

אַלץ אין אָרדנונג

עס גייט אַרום דער פראָסט דער אַלטער
וואַלד אויס, וואַלד איין, פון פעלד צום טייך,
פון באַרג צום טאָל ; באַקוקט זיין נחלה —
זיין טויט־פאַרוויגטעס קעניגרייך.
„— גוט ! — זאָגט ער. — זייער גוט ! מיין מלאכה
איז רואיק, וואָס אַן אויג נאָר זעט,
איז אַלץ פאַרשמידט אין שווערע קייטן,
אַלץ פאַרפראָרן און פאַרשנייט . . .

„עס רױשן נאָר די װאַסער־פאַלן,
עס פליט און שפּריצט דער שױם פון זײ;
נאָר אױך פאַרקלעמט אין טױטע ראַמען
פון בלאָען אײז און װײַסן שנײ.

„נאָך ערגעץ דאָרטן אין די טיפע
און ענגע קעסל־גריבער שיסט
און שלאָגט דער װאַסער־זײל דער בײזער
פון אָפּגרונט . . . נאָר — אומזיסט, אומזיסט!

„ס'איז אַלץ פאַרגאָסן און פאַרקאָװעט
אין שטאָל און אײַזן דאָרט און דאָ . . .
עס װאָיען נאָר די װעלף פון הונגער,
עס קאַרקעט נאָר די שװאַרצע קראָ.

„און פון די װיסטע, װילדע טונדרעס,
פון יענע זומפּן, װאו עס זעט
קײן אײנציק גרעזעלע דאָס אױג ניט,
װאו אײביק הערשט און אײביק װײט

„דער שלאָף דער טױטער, קומט צופליען
די װײַסע סאָװע. די צעשפּרײט
אױף מיר, װי זעגלען אין דער לופטן,
די פליגלען אירע פרײ און ברײט;

„זי שאַרפט און שאַרפט דעם קרומען שנאָבל, —
די פּילט — ס'װעט זײַן אַ רײַכער רױב . . .
עס פאַלן שפּערלינגען פאַרפראָרן,
פאַרחלשט זיצט אין נעסט די טױב . . .

„די זון איז מאַט, די זון איז רואיק . . .
אַלץ ליגט פאַרשטײנט, פאַרגלײַװערט שױן,
עס פינקלט נאָך און בליצט די נאָרד־שײַן —
די קאַלטע, טױטע װינטער־קרױן!"

פרוגם לידער פון ארבעט און זײנע פרײהײט־מאָטיװן זײנען נאָך א שארפערער בײשפּיל, װי נױטיק עס איז פאר אים געװען יעדער דרױסנדיקער אָנשטױס. אזא אָנשטױס פלעגט תמיד ארױסרופן זײַן

קינסטלערישע פאסיווקייט צו אן אקטיוון אויסדרוק.

פרוגס סימפאטיעס מיט אלע אונטערדריקטע (צוליב זיין טיפן מיטלעבן מיט זיין אונטערדריקט פאלק) וועלן נאך ניט דערקלערן פארוואס זיינע ארבעטער־ און פרייהייט־לידער זיינען פון א גרעסערער פאעטישער באנייאונג איידער זיינע גלות־מאטיוון. דידאזיקע באנייאונג איז אויגנשיינלעך אין זיינע שורות, וואו וואוט, רוף און עכטקייט האבן דורך זייער העכערער גיווא פאראייניקט די גאנצע עלאסטישקייט, וואוילקלאנג, פינקטלעכקייט און ליכט פון זיין לשון. ווידער אין זיינע רוטין־טענדענציעזע־לידער פלעגן אלע זיינע הויכע פאעטישע איינגשאפטן בלייבן פארבארגענע אין זיין אונטערבאוואוסטזיין. דער אימפעט פון די פרייהייט מאטיוון האט פרוגן געגעבן דעם נויטיקן אנרעג, אז ער זאל איפערדיק זוכן נייקייטן. זיין ליד „די פאן" דארף פאררעכנט ווערן צווישן אונדזערע דערהויבנסטע פרייהייט־לידער. און מיט דעם איינציקן ליד אליין האט ער געקאנט קארדינאל איבערבייטן די פאעזיע פון זיין צייט.

די פאן

ניט פון גאלד־שטאף, ניט פון זיידנס
איז די פאן געמאכט;
אין א שרעקלעכן געוויטער,
אין א שטורעם־נאכט
האט געוויסט דאס אלטע שפינראד;
און די בלייכע נויט
אין א פייכטן קעלער־ווינקל,
ביי א חלב־קנויט,
האט געוועבט די גרויע פאדים
דיין און שטייף און גוט,
און געפארבט זיי — מיט די לעצטע
טראפן אייגן בלוט.
אלע ווייטיקן און ליידן,
יעדע פרישע וואונד
פון די טיפע תפיסה־גריבער,
פונם שווארצן גרונט,

פון די הונגעריקע דערפער, ...
פון די דושנע שטעט,
וואו עס איז פארבלענדט דאָס לעבן,
ווי פון הינערפלעט;
אַלע וויטיקן און ליידן
אַלץ וואָס יאָרן־לאַנג,
האָט פאַרגיפטעט די נשמה,
ווי די בייזע שלאַנג;
אַלץ מיט וואָס גערדריקט איר לעבן
האָט די טיראַניי
אין געמיט איך גאַל געגאָסן
און אין הארצן בליי —
האָט די פאָלקס־נויט אין די רויטע
פעדים איינגעוועבט...
זעסט? די פאָן — די ווייס, די פלאַטערט
און צום הימל שטרעבט!
און די שאָטנס ווערן בלייכער,
און עס קרייט דער האָן;
און עס שיינט דער מאָרגנשטערן
אויף דער רויטער פאָן!

אויפגעקומען איז פרוג אין אַ משכיליש־בדחנישער צייט. זיין גרויסע דערפאַרונג אין דער רוסישער פּאָעזיע, זיינע אייגענע עכטע פּאָעטישע איינגשאַפטן און זיין הויכער עסטעטיזם האָבן אים גע־שטעלט אין דער מדרגה פון דעם פּאָעט פון דער מאָדערנער אידי־שער פּאָעזיע. ער האָט אַריינגעבראַכט מיט זיינע נאַטור־ און פריי־הייט־לידער, ווי נאָך קיינער פאַר אים, אַן איבערבררוך און אַ נייעם אַקאָרד אין דער אידישער פּאָעזיע פון זיין צייט. פאַר אַ פּאָעט פון דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע דאַרף ער פאַררעכנט ווערן דער־פאַר, ווייל ער האָט געעפנט נייע וועגן פון פּאָעטישער קולטור און אַריינגעבראַכט נייע מאָטיוון. דערמיט האָט ער געעפנט אַ ניי קאַפּיטל: ער האָט אָנגעהויבן און געשטאַרקט די אָנקומענדיקע מאָ־דערנע אידישע פּאָעזיע אין אַלע אירע פאַזן.

י. ל. פרץ

(דער דיכטער פון ליד)

י. ל. פרץ

(דער דיכטער פון ליד)

אין אומקלארן פארשפיל פון יעדער נייער באוועגונג קאן מען מערקן אן אייפערדיקן און כאאטישן צוזאמענשטויס פון די אנונגען וועגן דעם נייעם, גויטיקן איבערבוי. באוועיזט זיך איינגיכן א יחיד, וואס דעפינירט, ווי ער וואלט צום ערשטן מאל אנטפלעקט, דעם תוך פון דעם איבערבויט. ער דייט אן אויף די נייע ריכט־שנורן, וואס וועלן פירן דערצו.

ווען מען ווענדט אן די סאציאלע אינטערפרעטאציע פון פאסירונגען, ווערט קלאר, אז אן אידייע האט ניט איר אורשפרונג אין געדאנק, נאר אין שטראם פון לעבן־פראצעסן; אידייען ווערן אונדז קלאר ניט אין אנהייב נאר צום סוף פון זייער פארמירונג, ד. ה. זיי ווערן ניט אן שום אורזאך אויפגעלויכטן אין אונדז, נאר זייערע אורזאכן ליגן אין יעדן נייעם איבערבוי. דערפון קען מען אפשר דרינגען אז אידייען, פונקט ווי איבערבויאונגען זיינען ניט אויסשליסלעך א פראדוקט פונם איינצלנעם.

לויט דעמדאזיקן שטאנדפונקט איז דער איינצלנער, וואס סומירט דעם נייעם איבערגאנג אין באשטימטע פארמולעס, צוערשט אויך אונטערוואָרפן דער אומקלארקייט פון צוזאמענגעשטראמטע פראצעסן. דאך איז נויטיק אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון אינדיווידועלן ליכט און פון אייגנארטיקער אינטערפרעטאציע; דורך זיי אנטפלעקט דער איינצלנער די אידייע פון זיין צייט.

דערדאזיקער יחיד קאנצענטרירט אין זיך, אויף וויפל זיינע אינדיווידועלע מעגלעכקייטן דערלויבן אים, די פארשידענע אידייען־געשטאלטונגען (אפילו ווען זיי ווייזן זיך צייטנווייז אויס צו זיין קעגנזעצלעכע) אין א פילגראניקער, אבסטראקטער זעאונג, וואס דינט ווי

א טעאָריע פאַרן דענקער און ווי א בילד פאַרן קינסטלער. אזוינאַך ווערט אן אידייע, וואָס איז א געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט, אינדיווידועל דערארבעט און אנטפּלעקט, מעג אפילו דאָס געארבעט־אינדיווידועלע זיין פאר זיך א רעזולטאט פון פריערדיקע, געזעלשאפטלעכע פּראָצעסן.

די פּראָבלעם וועגן די דרכים, וואָס פירן פון „צייט און סביבה“ צום אינדיווידועלן חותם, קאָן פארלייכטערט ווערן מיט דעם קלאָרן אנאליז:

1) פון די אידייען אין דער געזעלשאפט, און זייער ווירקונג אויף דעם באטרעפנדיקן איינצלנעם.

2) פון דער טראַדיציע, וואָס גרייט צו פאַרן איינצלנעם א שטיצפונקט פאר זיין ווייטערדיקער טעטיקייט (וואָס דאַרף אָנגענומען אָדער נעגירן פארשידענע גרונטלאגן).

3) פון דעם אופן ווי אזוי דידאַקטישע אידייען און רעוואָלוציאָנערע אקטן קענען דער טראַדיציע, און דאָך אַלס א המשך־ליניע פון דערזעלבער טראַדיציע, ווערן געזען און באוויזן פון דעם יחיד.

פילגעזיכטיק אנטפּלעקן און באזעלן וויזיעס פון אן אידייע, וואָס וועט אמאָל רעאַליזירט ווערן, קאָן הייסן ארויסטויכן און באווייזן דורך שאפערישע יחידים דעם טיפסטן זין פון אן עפּאָכע. און פאַרקערט, די עפּאָכע קאָן אָנדייטן דעם תוך פונם יחיד אין צוזאמענהאנג מיט זיין צייט.

די צייט ווען פּרץ האָט זיך באוויזן האָט שוין געטראָגן אין זיך די לעצטע טענער פון דעם אַלטן אָפיציעלן השכלהנטום מיט דעם פאַרשפּרייטן מעטאָד פון דערציען דעם אָפּגעשטאַנענעם דור דורך אָנווייזן זיינע חסרונות און זיי פאַרניכטן מיט דער הילף פון חוזק. דער פּאָזיטיווער און מער הומאנער מעטאָד האָט דעמאָלט אָנגעהייבן צו זוכן פארגיטיקונג. ער האָט אָנגעוויזן די ליניעס און מיטלען דורך וועלכע מען וועט דערהויבן דעם מצב פון פאָלק.

אין זיין ערשט אידיש ווערק, „מאָניש“, באנוצט זיך ניט פּרץ מיטן שארפן שפּאָטמיטל, ווען ער באשרייבט די מסעות פונם געטאָ־טראַדיציאָנעלן אידנטום צווישן

„טויזנט גרילן, טויזנט שפּינען,
פלעדערמייז און אײלן . . ."

ווען

„פונם הימל קנאַלט אַ דונער;
פון גיהנום פונם טיפן —

אַ געלעכטער, אַ געדרודער,
און פון שוועבל יאָגט אַ ריח.
און ער פליט שוין „פאַר קאָנוואָיעס"
אויף אַ בעזים אין דער הייך".

פרץ רירט עס אָן מיט אַ לייכטן הומאָר, מיט מיטגעפיל צו מאָדערנישע מאַטערנישן, מיט אַ מאָדנער בענקשאַפט אַז

„אָטעם פאַרפעלט מיר,
„ס'איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פאַרהאַלטן,
די טענער, — אומזיסט!"

אַזוי פאַלגט פרץ נאָך מאַנישן, פון זיין גייסטיקער העלדישקייט אין עילוישער אָפּגעזונדערטקייט ביז

„אין דער טיר (וואו עס) שטייט געשלאָסן
אונדזער מאַניש אויף אַ קייט . . .
און מען לייגט שוין אָן אַ פייער,
און די שפּיז איז אויך שוין גרייט!"

פרצן איז שוין קלאָר געוואָרן די נוצלאָזיקייט פון מליצה און די אומעטישקייט אין זיין טאַטלאָז ווען טאַט איז אַמערסטן נויטיק. אין איינעם פון זיינע העברייאישע לידער, „נגניאל", הערט זיך שוין זיין אָפּגעפרעמדקייט פון דער פאַרגייענדיקער עפּאָכע. ער זוכט זיך אָפּצוטיילן פון איר, שליסן די עפּאָכע און אָנהייבן אַ נייעם טראָט.

„ידעתי גם אותך, גם כל רעיך,
לפעלכם אין ידים, אך השפה אהבתם,
ספרו מה כתבתם?
זרו נא הלאה את המלות השוות
ומליצות שדופות־קדים אספתם לרבבות,

„שחוק המלות" כחצץ וגרס שנים
וכפל ענין במלות שוות שבעתים,
תנו לבכם אם לא לשוא עמלתם,
שירים הרביתם, אך מה פעלתם ? !

(„איך קאָן אויך דיך און אלע דיינע פריינט. אייער ארבעט האָט ניט קיין האפט, בלויז דאָס לשון האָט איר ליב. דערציילט בעסער, וואָס איר שרייבט? ווארפט־זשע אוועק די טשיקאווע ווערטער. אויסגעדראשענע מליצות האָט איר צענויפגעזאמלט אין די צעו טויזנטער. דאָס ווערטער־שפּיל, ווי שטיינדעלעך, ברעכט די ציין. און איר טאָפּלט דעם ענין מיט זיבן־גאָרנדיקע ווערטער. באטראכט נאָר: אויב איר האָט זיך ניט אומזיסט געמיט? איר האָט פיל שירים געשריבן, אָבער וואָס האָט איר אויפגעטאָן?")

פּרצעס האָפענונגען זיינען ניט געווען די „תלמודיסטן און בור־זשואזיע", „נאָר דער פּעבל, די אַרבעטער־מאַסע", וואָס „איז אַ פעלד צו אַרבעטן... אַן אומגליקלעך פאָלק, אָבער אַ פּייאיקס", וואו עס „געפינט זיך פיל אידעאַליזם, נאָר מען דאַרף זיי בילדן, מען האָט זיי פאַרנאַכלעסיקט..." און די ערשטע טריט פון זיין נייעם אַקט זיי־נען: „...שאַפן אַ אידישע ליטעראַטור, רעדן און שרייבן צום פאָלק אויף זייער שפּראַך"... „אויפוועקן זייערע געדאַנקען".

אין דעם אופן פון פּרצעס טראַכטן וועגן פאָלק, און אין זיין צו־גאַנג צו אים, מערקן זיך די געוועבן, וואָס האָבן געפירט זיין זוכנדיקע נאַטור פון דער השכלה־טראַדיציע, דורך סאָציאַלע מאָטיוון, צו דעם קעגנזאַץ פון דעם השכלה־ראַציאָנאַליזם. זיין זוכן האָט אים אָנגע־וויזן אויף אַ מין פילאָזאָפישן אידעאַליזם. סיי די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, וואָס האָבן געביטן דעם צוגאַנג צום פאָלק ווי צו אַן „אָזיאַט", און סיי פּרצעס אַקטיוו־ענערגישע נאַטור האָבן אויסגע־דריקט די עטישע און עסטעטישע באַגריפן וועגן דעם פאַרבאָרגענעם מהות פון פאָלק. פּרץ האָט דערזען, אַז אין פאָלק ליגן אוצרות פון גייסטיקער ענערגיע און מסירת נפש, וואָס ווען דורשטיקע פון זיי־ערע טיפקייטן אַרויס און אומוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ גערעכטן און שיינעם זין. מען דאַרף בלויז אויפוועקן זיינע געדאַנקען, ניט מיט שטראָפרייד און באַליידיקונגען, נאָר מיט „שולטער און שול־טער" צוגאַנג און ליבשאַפט, און אויסערגעוויינלעכן מיטליידן. אַזאַ

באציאונג צו די „דערנידעריקטע און באליידיקטע“, אזא האפענונג אויף זיי האבן געפירט צו דערזען דאס אלמענטשלעכע אין די פאלקס־מאסן, ווי זיי וואלטן, א דאנק זייער פארבארגן ליכט, זיך געצווינגן אלץ ווייטער פון רעאלע פלאכן צו אלץ א טיפערער גייסטיקייט. פון דער צווייטער זייט האט זיין האפענונג ארויסגערופן ראמאנטישע באוואונ־דערונג, אן אידעאליזירונג, וואס איז געלעגן אויפן גרונט פון דער דעמלטיקער נייער עפאכע.

אין פרצעס סאציאלע לידער ווערט דער ליטעראַרישער רעא־ליזם (אויגנשיינלעכער טרואיזם, פאטאגראפישער אמת), וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער השכלה עפאכע, פארוואנדלט אין א סימבאליזם באפארבט מיט ראמאנטישער שילדערונג און אידעאלי־זירטער דערהויבונג. זיינע סאציאלע מאטיוון האבן א וויכטיקן בא־דייט אין דער אנטוויקלונג פון דער אידישער פאעזיע: פרץ האט דעם כלל־מאטיוו, דעם מאטעריאל פאר גראמען ביי די משכילישע פאעטן, ארויסגעפירט צו א העכערער שטייגונג א דאנק דעם אינדיווידועלן אופן פון צונויפוועבן רעאליטעט און ראמאנטישקייט. זיינע סאציאלע מאטיוון, וואו ביידע עלעמענטן זיינען צונויפגעפלאכטן, וואלטן געקאנט באטראכט ווערן ווי א בריק צווישן צוויי פילאסאפישע אס־פעקטן: דעם רעאליזם, מיט זיינע כאראקטעריסטישע כלל־מאטיוון, און דעם אידעאליזם (טראנסצענדענטאליזם) מיט זיינע אינדיווידו־אליסטישע נייגונגען.

דער אויפלעב פון רעאליזם אין דער מאדערנער פילאזאפיע, די דאקטרין, וואס באצוועקט דאס ארייננדרינגען אין דעם תוך פון יעדן אביעקט דורך דירעקטער און פינקטלעכער באטראכטונג, איז צונויפ־געפאלן מיט דער דערשיינונג פון רעאליזם אין דער ליטעראטור. דער ליטעראַרישער רעאליזם איז בלויז געווען אן אויבערפלעכלעכע בא־צייכענונג פונם זעלבן טערמין אין דער פילאזאפיע. דער צוזאמענ־מיש אין די טערמינען ווייזט ניט אויס צו זיין אינגאנצן א צופע־ליקער, ווייל איז דען ניט א פאטאגראפישער באריכט פון א דערשיי־נונג די ערשטע און באלדיקע שילדערונג פון דער זאך?

נאך א טראט נעענטער צום אינדיווידואליזם איז געווען דער

איינגאַנצן נייער אַקאָרד פון פּרצעס ליבע־לידער. די אייגנטימלעכע באַפּאַרבונג, וואָס ליבע־לידער רופן אַרויס, האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון. די ליבע צו דעם „דערנידעריקטן און באַליידיקטן", צו זיינע פאַרבאָרגענע חלומות און צום הויכן זין פון לאַקנדיקע, נאָך־ניט־געזעענע מעגלעכקייטן, אַז נאָר זיי וועלן דער־הייבן און שענער מאַכן די וועלט, אַז,

„מאָרגן שיין איך אויף".

— האָט געעפנט דורך פּרצס לידער די וועגן ניט פון חומרדיקער, נאָר אידעאַליזירטער מעטאַמאָרפאָזע: פון דעם אַלגעמיין־קאָלעקטיוון צו דעם איינצלנעם; פון דעם שטאַרקן און וואָרשיינלעך־שיינעם צו דעם שוואַכן און דערנידעריקטן.

„קאַלט קוק איך אָן
ויווילד רויטן מאָן;
פאַרשייט און צעפּלאָסן,
מיט פלאַמען באַגאָסן,
ווינקט ער פון צווישן די זאַנגען...

כיבאַוואונדער, ווי סישיסט
צום הימל די רויז;
עס פלאַטערט איר שויס,
די ציטערט און פליסט
מיט האַרציק און דופטיק פאַרלאַנגען!

אין איר חופּה־קלייד
שטייט די ליליע פיין;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימל ריין...
נישט זי דאָך האָט מיין האַרץ געפאַנגען!

סיפאַרשטעקט זיך שטיל אין גראָז
אַ בלימעלע אַ קליינס,
אַ פיינס,
אַ בלויס, —
און סיציט מיך מיט אייזערנע צוואַנגען!
(צווישן בלומען)

צוזאמען מיטן ראציאנאליסטיש־ווירקלעכן באנעם האט יעדער אנגענומענער טרואיזם פארלארן דעם זין און גלאנץ אין פרצעס אויגן. הינטער דעם ווירקלעכן אויסזען פון פאלק, וואו עס זיינען געלעגן אזויפיל צוזאגן, האט פרץ געפונען א פאטעטיש, פארבארגן ליכט און טיפע פילבאדייטנדיקע ווארצלען. אזוינאך איז די ווירקלעכקייט און דאס שילדערן אירע געזיכטן געווארן פאר פרצן א ניט־אמתער און אויסגעטראטענער וועג.

פרצעס ווילנפולע נאטור האט דעמדאזיקן וועג ניט געקאנט לאנג באטרעטן אן ווידערגעפיל. ער האט אנגענומען, אז דורך יענעם ראציאנאליזם, וואס פארורזאכט אומפערזענלעכע קונסט, ווערט צוגענומען און אפגעשאפן דער הימל מיט דער וועלט פון שאינבארקייטן; אזוינאך ווערט פארשמעלערט דער זין און ס'ווערט אפגעווענדט די טרייסט פון דעם מענטשן. די אמתע ווירקלעכקייט, האט פרץ געגלויבט, איז ניט דאס וואס איז. זי קאן בלויז דערקאנט ווערן אין יענע אומזעבארע יסודות, אויף וואס עס איז באזירט נאר דאסדאזיקע רעאלע, וואס מיר דערקענען דורך אונדזערע חושים. אזא דערקענטניש איז א סוביעקטיוו וויסן און שטאמט פון טראנסצענדענטאלער דערפארונג. און אזוינאך ווערט פרץ געפירט צו דער נעגאציע פון רעאלע דערקענטנישן. אויב די רעאלע סיסטעם פון זאכן, צו וואס באוואוסטזיניקע דערפארונג באציט זיך, זאל באטראכט ווערן ווי זי איז בלויז אין צופעליקער שייכות מיט דעדאזיקער דערפארונג, דעמאלט איז ניטא קיין גרונט צו ווערן און קענען פארווירקלעכן אנונגען, וואס וועבן זיך אין אונדזער געדאנק. מיר קאנען פארווירקלעכן בלויז דאס, וואס ווערט דערקענט פון אונדז דורך די צוויי קוואלן פון וויסן: חושים (אידעאליזם) און פארשטאנד (רעאליזם). דאס דערקענטע ווידער אריבערפירן אריבער די גרענעצן פון חושים און פארשטאנד, דאך אנהאלטנדיק דעם דירעקטן צוגאנג צום עצם פון סובסטאנץ, איז אוממעגלעך, ווייל אפילו צייט און רוים, דאס איינציקע פאזיטיווע וויסן וואס מיר פארמאגן, זיינען סוביעקטיווע פארמען, וואס מיר באגרייפן דורך אונדזערע חושים, אבער וואס מיר ווייסן ניט דורך דעם 'לעגעם אינטעלעקטום". די עמפינדלעכקייטן, פארמירט דורך צייט און רוים, זיינען אונדזער וועלט פון

אַנונגען. אַזוינאַך איז יעדע זאַך אין איר אינערן מהות נישט דאָס וואָס זי איז, נאָר דאָס וואָס זי שײַנט אונדז צו זײַן. קאַנט גייט נאָך ווײַטער אין זײַן דערקלערונג אַז די פֿאָרמעלע און מאַטעריעלע אַספּעקטן פֿון באַוואוסטזיניקער דערפֿאַרונג האָבן נישט קיין שום גרונט פֿון אָביעקטיוון וויסן, צי דאָס איז אַ פּריאָרי צי עמפּיריש, ווײַל דערפֿאַרונג און וויסן זײַנען סוביעקטיוו, און ווײַל, דער פֿאַרשטאַנד דערשאַפֿט דאָס, וואָס מיר קאָנען נישט דערגרייכן דורך אונדזערע חושים.

דער אידעאַליזם האָט געפֿירט פּרצן צו באַגריפֿן וועגן אַ וועלט אַריבער די גרענעצן פֿון אונזער תּיכפֿדיק לעבן. זײַן אויסלעב האָט ער געפֿונען אין קונסט, וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס „סוראָגאַט" פֿון לעבן און „זייער אָפּט טיפֿער, ערהאַבענער פֿון לעבן". „דאָס קינסטלער אויג זעט די ווירקלעכקייט, נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר פֿיל ווירקלעכער, וואָרים עס זעט איר אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציאונג און אָפּהענגיקייט פֿון דער נשמה פֿון דער וועלט, און מיט דעם וואָס טוט זיך הינטער די קוליסן פֿון דער וועלט, די אָפּהענגיקייט פֿון זײַן קינסטלערישער וועלט־אַנשויאונג". בלויז „אָפּשפּיגלען" אָדער „מאָלן, שניצן און שרײַבן", ווי טרײַ און אויפֿריכטיק דאָס זאָל נישט זײַן, האָט פֿאַר פּרצן קיין שום באַדײַט נישט געהאַט, ווײַל ווירקלעכקייט אין קונסט אָן דעם אײַנגעאַרט פֿון אַנטפּלעקונג איז קיין קונסט נישט. „דאָס אָפּשפּיגלען" קאָן נישט אויפֿדעקן דעם טיפֿסטן, דעם פֿאַרבאָרגן־„ווירקלעכסטן" עצם פֿון לעבן. דערדאָזיקער אײַנגנאַרט, „דאָס קינסטלער פּראָבלעם... די עטיש־פֿילאָזאָפֿישע באַלויכטונג, בײַ וועלכע די דערשײַנונגען ווערן געזען", ברענגען אַרויס דאָס ווירקלעכסטע, און אַזוינאַך איז בײַ פּרצן קונסט — אַן אינטים־סוביעקטיווער פּראָצעס. „דאָס דיכטן מוז זײַן אָריגינעל... אַ פּערזענלעכע שאַפֿונג", ווײַל „פּאָעזיע איז פּערזענלעכקייט".

דער ווילן זיך צו באַפֿרײַען פֿון פֿאָטאָגראַפֿירטע ווירקלעכקייטן, „אומקערן" דעם הימל און אויפֿוועקן די פֿאַנטאַזיע, האָט אויך אויפֿגעוועקט אין פּרצן חלומות וועגן דעם „הויכן פּונקט" אין דיכטונג. די־דאָזיקע חלומות זײַנען געוואָרן פּרצעס האָפֿענונגען צו דערגרונטער־וועגן זיך, מיט דער הילף פֿון פֿרישע כּוחות, וואָס דרעמלען אין פֿאָלק,

צו א העכערן באנעם פון לעבן. ברענגענדיק מיט זיך ראָמאַנטיזם און טראַנסצענדענטאַליזם, וואָס באַרייכערן אַלעמאָל די ליטעראַטור מיט זייערע פּילפּאַכיקע זעאונגען, איז פּרץ, „דער פּאַרפּאַלענער ראָ־מאַנטיקער בטבע“, אַליין געווען דער „הויכער פּונקט“ פאַר זיין עפּאָכע. אין אים האָבן זיך איבערגעבראָכן: דער פּאַרטיקער מוס־טער פון רעאַליסטישע שילדערונגען — אין אַן אידעאַליזירטן אויס־דרוק; און דער געזעלשאַפטלעכער מאָטיוו פון פּאַראַלגעמיינטע — אין אינדיווידועלע אינטערפּרעטאַציעס. אַרויסרייסן זיך פון זיין „סביבה און צייט“ האָט פּרץ ניט געקאָנט, אָבער דערפאַר האָט ער זי צוזאַמען מיט זיך אַוועקגענומען ווייט אַפער פון דעם צו־נאָענטן, און דערהויבן זי צו אַ דיסטאַנץ, וואָס ווייזט אָביעקטן און שייכותן אַ סך בולטער און אמתער. אַזוינאַך איז דידאַזיקע דיסטאַנץ גע־ווען דער „הויכער פּונקט“. דער פּונקט איז אָבער ביי פּרצן ניט גע־ווען יענע אויפלייזונג, וואָס קומט נאָך דער אומדערטרעגלעכסטער אָנשטרענגונג; ער איז אויך ניט געווען ווי אַ קאַטאַרזיס, וואָס פּיל־טרירט אַדורך דאָס ברוטאַל־אויגנשיינלעכע — אין אַ ריינערן זין. דער „הויכער פּונקט“ איז שנעלער געווען דער לעצטער שלאַמבאָן פון דער פענאָמענאַלער וועלט און די ערשטע שוועל פון דער נומענאַלער. מיט זיין גאַנצער ענערגיע האָט פּרץ אַלעמאָל געשטרעבט ווייט אַוועק פון דעם דערקענטן, פון דעם וואָס איז אומווירדיק צו ווערן דערהויבן און פאַרשענערט. בלויז דעם חלום, די שטרעבונג און, צייטנווייז, דאָס דערנענטערן זיך צו דער וועלט פון הינטער־אַלע־ווירקלעכקייטן, האָט פּרץ דערגרייכט, אָבער צו דער נומענאַלער וועלט איז ער ניט צוגעטראָטן און האָט פון דאָרטן גאָרניט באַשאַפן.

„כיבין אַ רעגן־וואָרעם, דו זעסט
ווי טיף אין בלאָטע כיבין באַגראָבן;
דאָך חלומט מיר אַן אָדלער־נעסט,
אָדלער־פליגל וויל איך האָבן!

שווימען וויל איך אין דעם העלן,
הויכן זעפיר אומגעשטערט;
זאָל דער וואָלקן מיר פאַרשטעלן
נישט דעם הימל, נאָר די ערד!

דער „הויכער פונקט" ביי פרצן האָט געמיינט דער „הויכער זע־פיר", די שוועל, ניט אַלס אַ פּאָרוועג פון דער נומענאַלער וועלט, נייערט אַלס אַ צוריקוועג, אַ דיסטאַנץ, פון וועלכער דער אמת „זאָל גע־זען ווערן". די פילאָסאָפיע פון סוביעקטיוון רעאַליזם איז אויף אַזאַ אופן ניט אין קעגנזאַץ צו דער אידעאַליזירונג, אין וועמעס ספער די דיסטאַנץ ענדערט, מאָדעלירט און שאַפט־איבער די רעאַליטעט אין אַ מער־נראַניקייט, אָבער אַלץ אין די גרענעצן פון דערזעלבער די־רעקטער סובסטאַנץ. אויב אים איז אַמאָל אויסגעקומען (אין „צווישן צוויי בערג") אַריבערטרעטן דעם „הויכן פונקט", איז ער דורכגע־גאַנגען אַ לערע וועלט, בלויז מיט ווענט, בלענדנדיקע ווענט, אָבער קאַלטע. צוריק פון דער פרעמד און פּראַסטיקייט האָט ער זיך דער־מאָלט דערפילט זיכער און אין אַ וואַרימער וועלט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער טעאָרעטישער, פאַר אים לערער וועלט, און דער־זען פון דער ווייטן זיין רעאַלע וועלט, אמת, אַ ווייט אָפּגערוקטע אַ פאַרראָמאַנטישטע און פאַרגייסטיקטע, אָבער אַלץ אין דעם באַ־וואוסטזיין פון ווירקלעכקייטן. אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זיין. די טראַדיציע פון זיין צייט, קעגן וואָס פרץ האָט זיך אַפילו געשטעלט, האָט אים צוגעגרייט אַזאַ שטיץ־פונקט: רייסנדיק זיך ווייט אַוועק פון דער ווירקלעכקייט כדי צו דערזען דאָס „רעאַלסטע" אין איר, און זי אַזוינאָך דערהויבן, איז אים אויסגעקומען אויך צו בויען אויף אַ ווירקלעכן באָדן.

פרץ, דער שטרעבנדיקער צו יעדן מעגלעכן הויכן מצב, האָט געמוזט איינזען, אַז „ניט אייראָפּע פעלט . . . אידיש פעלט, עברי פעלט", און רייסנדיק זיך צו אייראָפּע, האָט ער געהאַלטן אין איין אריינברענגען אידיש, אַ פּאָעטישן אידיש, וואָס זאָל דינען אַלס עברי, ווערטער, פאַר די פאַרבאָרגענע דימענסיעס הינטער דער ווירקלעכקייט. זיין באַרייכערטער אידיש טראָגט דערפאַר דעם שטעמפּל פון דער ביבל, פון דעם חסידישן מעשהלע, און פון געוויסע ניואַנסן איבער־געטראָגענע פון קאָנאָפּניצקאַ און נאַדסאָן, היינע און שאַמיסאָ. פרצס ענערגיע האָט טיילווייז געמוזט פאַרשווענדט ווערן אויף צוגרייטן דעם מאַטעריאַל פאַרן שפּראַך־מיטל־אינסטרומענט. אַ פּאַסיווער כוח, ניט ווי דער פאַל איז געווען מיט פרצן, וואָלט מיטגעטראָטן און נאָכגע־

טראָטן די איבערחזורונגען פונם גרייטן. ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס צווישן די מערסטע לידער, וואָס פּרץ האָט איבערגעזעצט פון פרעמדע ליטעראַטורן, און נאָכמער, וועמעס עלעמענטן ער האָט אריינ־געבראַכט, זיינען געווען: די פּיינלעכע, ראַפינירטע איראָניע פון היי־נען, און די סענטימענטאַלע ראָמאַנטישקייט פון נאַדסאָנען. דידאַ־זיקע צוויי עלעמענטן, ספּעציעל אין ליבע־לידער, האָבן לחלוטין אויס־געפעלט אין דער אידישער פּאָעזיע. זיכער וואָלט פּרצעס ליד אַנ־דערש געקלונגען ווען זיין ענערגיע וואָלט געפונען די ערשטע עלע־מענטן פון אַ פּאָעטישער עברי, מסוגל אויסצודריקן אידעאַליזירטע אומוואַנדלונג פון דער ווירקלעכקייט.

אָנווייזנדיק און באַטרעטנדיק נייע וועגן, האָט פּרץ געוואָלט אריינטראָגן לאָגיק, נויטווענדיקע אַנטוויקלונג פון „אורזאַך און וויר־קונג". די געפאַר אַז מען וועט אָנהייבן מאָלן איידער מען קאָן ציי־כענען, אַז עס וועט ווערן אין „אויסגוס און צוזאַמענמישונג פון פאַרבן, אָן קאָנטורן, אָן ליניעס און פונקטן", און אַז מען וועט נאָך דאָס אַלץ פאַרדעקן „מיט אַ מיסטעריעזן נעפּל", האָט געפירט פּרצן צו איירעפּעאיזירן דאָס אידישע ליד. דערפון — עקספּערי־מענטן אין פאַרשידענע מעגלעכע פאָרמען. הינטערשטעליקייט און אומאָריגינאַליטעט איז ביי אים געווען גענוג, ד. ה. אימפּאָטענץ. „קולטור קרייצונג" איז פאַר אים געווען „די איינציקע מעגלעכקייט פאַר דער . . . מענטשלעכער אַנטוויקלונג". אין זיין איירעפּעאיזירן דאָס אידישע ליד האָט ער דערפילט, אַז ס'איז ניט גענוג אריינצור־ברענגען מאָטיוון, פאָרמען און ניואַנסן, נאָר דאָס וויכטיקסטע און אפשר אויך דאָס שווערסטע איז: „נעמען און זיך ניט פאַרלירן". דידאָזיקע פּראָבלעם פאָדערט דעם באַוואוסטזיין־עלעמענט, וואָס האָט אייגנטלעך געפונען זיין אויסדרוק אין דעם מאָדערנעם צערעבראַליזם. דאָ פאַרלירט זיך דעם קינסטלערס אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליטעט אין די גרענעצן פון אַ נייער פאַרטראַכטונג, אַן אומדערוואַרטער עמאָ־ציע, און האַלט אין דערזעלבער צייט וואַך דאָס באַוואוסטזיין, כדי צו קענען אָבסערווירן, מעסטן און שאַפן, ד. ה. זיין וואַכזאַם אין דער „פאַרלאָרענער ראָמאַנטישקייט".

„כ וויל מיך וואַשן דיין
אין דיינע שטיל־ציטערדיקע וועלן;
אין דיין שטיל־ציטערדיקער זילבער־נעץ,
היל מיך איין"
(צוריק אין דער אַלטער היים)

„. . . . . . . וויל איך אַלץ פאַרגעסן:
די בלומען, וואָס האָבן פאַרבליט,
די דערנער, וואָס האָבן געשטאָכן . . .
די שלאַכטן, וואו איך האָב געזיגט
און די וואונדן וואָס בלוטיקן, בלוטיקן . . . "
(צוריק אין דער אַלטער היים)

ווייל

„. . . איך לעב, איך שטרעב, איך וויל . . .
איך שלאָף שוין נישט, אָ, ניין!"
(פרילינג)

דער לירזם און דער אידעאַליזם, די פאַרשידנאַרטיקייט פון זיינע פאַרזוכן, די אינטואיטיווע, ראָמאַנטישע ספּאָנטאַנקייט, דאָס באַוואוסטזיין בעת דער אָנשטרענגונג פון עמאָציע און וויזיע — דאָס אַלץ קאָן שאַפן דעם איינדרוק, אַז פרצעס קינסטלערישער מהות איז אַמערסטן צוגעפּאַסט צו דעם פערז־פאָרם־אויסדרוק. און צייטנ־וויז קומט אויס מאָדנע דאָס, וואָס ער האָט ווייניק פּרוזע געשריבן, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען. די אַלע „פּאָעטן", פאָרמען, מאָטיוון און אידייען פון דער אייראָפּייאישער פּאָעזיע, מיט וועמעס הילף ער האָט געוואָלט באַרייכערן דאָס אידישע ליד, האָבן באַדאַרפט פרצן, דעם עמפּינדלעכן טרוימער, שטאַרק אָנרעגן כדי זייער רייץ זאָל פאַר אים אַנטפּלעקן נאָך־ניט־באַטראָכטענע וועגן פונם אידישן ליד. נאָך מער ווערט דאָס אַ פראַגע ווען מען האָט אין זינען דעם שפּאָרעוודיקן און לאַקאָנישן כאַראַקטער פון זיין אויסדרוק, וואָס איז איינער פון די הויפּט־עלעמענטן פון זיין ליריק. מיט איין שטריך, מיט איין וואָרט, שיילט זיך בא פרצן אויס אַ בילד, אַן איבערלעבונג, אַן אילוזיע. ניט קוקנדיק אויף דעם איז אים ענג געווען אין די ראַמען פון פערז, און ער פלעגט זוכן אויסדרוק אין פאָרמען,

וואָס גיבן מער רחבות פאַרן וואָרט. אָבער רחבות פאַרן וואָרט האָט אין דער אידישער ליטעראַטור ניט געמיינט ברייטער שוואונג, נייערט באַרעדעוודיקייט. ניט זייענדיק אליין קיין נאַראַטיווער פּאָעט אין דעם זין פון דעטאַליזירן פּאַסירונגען, איז אָבער באַרעדעוודיקייט גע־ווען אַזאַ איינגעוואָרצלטע אין זיין עפּאָכע, אַז ווי שפּאָרעוודיק פּרץ איז ניט געווען, האָט ער זיינע שטימונגען ניט געקאָנט אָפּראַטעווען פון די שטריק, וואָס זיינען געקומען שוין פאַרטיקע מיט זיינע פליגל.

צוליב דעם טאַקע האָט אויך ער ניט דערגרייכט קיין רייפן סימ־באָליזם. דער באָדן פאַר סימבאָליזם איז די פילאָסאָפיע פון אידעַ־אַליזם, און פּרצעס פילאָסאָפישע טענדענצן האָבן אים שוין במילא געמוזט פירן צו אַ סימבאָליסטישן אויסדרוק, כאָטש זיינע סימבאָלן זיינען געווען מאַט און אַלעגאָריע־מעסיק. דער טערמין, סימבאָליזם, מוז אין דעם פאַל פאַרשטאַנען ווערן ניט אין פּשוטן זין אַלס אַן איינג־שאַפט וואָס שפּיגלט אָפּ די אַטריבוטן פון דער זאַך אָנשטאָט דער זאַך גופא; אויך ניט אַלס אַ מעגלעכקייט צו באַגרייפן איין קאָנקרעט־קייט, ווי אידעאַליזירט דאָס זאָל ניט זיין, אָנשטאָט אָנצאָליקע גע־זיכטן פון דער זאַך, אויפן בליק וויטע איינס פון צווייטן. די פּי־לאָסאָפיע פון סוביעקטיוון רעאַליזם, וואָס האָט אַ נאָענטן צוזאַמענ־האַנג מיטן אידעאַליזם, שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזיס פאַרן ראָ־מאַנטיזם. צוליב די אומוואַנדלונגען פון רעאַליטעטן, און צוליב די נייגונג זיי אויבערפלעכלעך צו „פאַרגייסטיקן" אָן דעם אריבער־טראָגן זייערע גראַניקייטן אין העכערע דימענסיעס, איז דער סוב־יעקטיווער רעאַליזם ניט נאָכגעביק דעם שטרענגן סימבאָליזם (ווי דאָס איז אָנגענומען געוואָרן פון די פראַנצויזישע סימבאָליסטן, ספּעציעל פון רעמי דע גורמאָן). גורמאָן האָט געבויט דעם סימבאָליזם אויף קאַנטס אידעאַליזם, וואָס איז ווייט פון נאַקעטע פאַקטן און וואָס באַשטייט פון אונדזער וועלט פון פאַרלאַנגען און דוכטענישן. אַזוי־נאָך האָט סימבאָליזם ביי אים געמיינט — זעלטענע און אינדיווידועלע דערזעאונגען פונם קינסטלער, געבויט אויפן טראַנסצענדענטאַליזם. דערפון איז געדרונגען אַז אַ קינסטלער, וואָס באַנוצט זיך מיטן סימבאָליסטישן מעטאָד, מוז אָפּוואַרפן מאָדוס, צייט און פּלאַץ, ד. ה. קולטור־לאַסט, עפּאָכע און סביבה. וואָלט פּרץ געווען ניט

דער סוביעקטיווער רעאַליסט, נאָר דורכויס א טראַנסצענדענטאַליסט, וואָלט ער אין זיין אָפּגעריסנקייט פון קולטור, טראַדיציע און לעבן געווען ווייניקער צעריסן צווישן זיין נייגער צו דערהויבן די רעאַליטעט צו ראָמאַנטישקייט (די דערהויבונג פון „די אונטערדריקטע און באַליידיקטע"), און די פרישע וואָרצלען פון דעם נאָרוואָס אָנגעקומענעם אידישן רענעסאַנס. ניט זייענדיק אָפּגעריסן אינגאַנצן פון דער ווירקלעכקייט, האָט די צעריסנקייט, וואָס קומט פאָר אין יעדן איבערגאַנג־פּעריאָד, פאַרורזאַכט אין פּרצן פראַגמענטאַרישקייט און, צייטנווייז, כאַאָטישקייט.

דידאַקטיקע פראַגמענט־ און כאָאָס־איינגשאַפטן האָבן געשטערט פּרצן צו קאָנצענטרירן די טיפסטע געפילן, דורך וועלכע דאָס בילד, איבערלעבונג, סימבאָל און טאָן ווערן אויסגעדריקט אין א פאָרמולע־שורה. פון דיזעלבע דעטאַליזירטע, ניט צונויפגעהאַפטע און רויע עלעמענטן, דערבראַכט צו א סינטעז, וואָס ווערט פאַרפיקסירט דורך דער פּאָעטישער ענערגיע פון קאָנצענטראַציע, ווערן פאָרמולעס דערגרייכט בלויז אין אַזאַ פאַל, ווען דער אינטעלעקט שטייגט צוזאַמען מיטן אומדערטרעגלעך עמאָציאָנעלן אָנשטרענג און היט־אָפּ פון „פאַרלירן זיך" אין די אויבנדערמאָנטע עלעמענטן. פּרצעס פאַוזעס, שאַרף־געשניטענער זאַץ, אָפּגעבראָכנקייט און איין־שטריכיקייט זיינען די באַדינגען וואָס העלפן דערגרייכן א פאָרמולע. אָבער, צוליב דער אומפעסטקייט פון סימבאָל, ווייניק אויסדויער נאָכצופאָלגן די פראָפאָרציאָנעלע שטייגונג פון אינטעלעקט און עמאָציע, און צוליב דער אָפּוועזנקייט פון קאָנצענטראַציע ביז צו א קאַטאַרזיס, האָבן זיך ניט אויסגעפאָרמירט אין פּרצעס לידער קיין פאָרמולעס. דאָס קאָן איילוסטרירט ווערן מיט שורות ניט פון לענגערע זאַכן, וואָס זיינען סיי ווי צעצויגן און געבויט אויף סיפור המעשות, נייערט פון קלענערע, וואָס האָבן צוליב דערזעלבער אומקאָנצענטרירטקייט זיך געפילט ענג אין ריטם פון ליד און האָבן, אַזוינאָך, זיך אויסגעדריקט אין אריטמיע. אזוי איז ער געקומען צו דעם, וואָס מען האָט איז א מער באַוואוסטזיניקער פאָרם אָנגערופן „פרייער פערז".

„שוואַרצע פליגל — — שוואַרצע קראָען — — —
פינצטער־שוואַרצע געדאַנקען !

קאָנסט זיי פאַרטרייבן, לייג צו דיין האַנט נאָר
מיר, צו מיין שטערן, דעם קראַנקן !"
(ראַמאַנצעראָ)

אָדער „ביסט אליין ?
אין דער פינצטער אַליין ?
איך האָב עס געוואוסט,
און דעריבער געקומען.

ציט נישט אָן קיין ליכט . . .
ניין, ניין !
זע מיך נישט, און גלויב,
אַז איך בין דערזעלבער —
וואָס אַמאָל . . .

נישט געראָנצלט איז דער שטערן,
גרוי — איז קיין איינציקע האָר . . .
און דאָס האַרץ איז ווי אַמאָל —

זיי דו אויך אזוי . . .
דו ביסט אזוי ? וואָס, ניין ?

דאָ,
וואו מיר זענען אַמאָל געזעסן,
און צום לעצטן מאָל . . .
גיב מיר דיין האַנט,
דיין ווייסע שמאָלע האַנט . . .

דו רויטלסט זיך ?
איך זע נישט, קינד,
פילן פיל איך עס . .

און — וואָס קלאַפּט אזוי ?
שלאָגט א זייגער וואו ?
פּיקט א פייגעלע אָן שטייג ?
אָדער דיין האַרץ שלאָגט ?
אָדער — מ י י נ ס ?   (צוריק אין דער אַלטער היים)

מיט חי אויבנדערמאָנטע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען כאַראַק־טעריסטיש פֿאַר זיין ליד, האָט פּרץ אָנגעזאָגט דעם קומענדיקן „פֿרייען פּערז" און אויך די פֿאָרמולאַטיוויקייט פֿון דער פּאָעטישער שורה. ווייניק ווער פֿאַר אים פּלעגט אָפּוואַרפֿן דעטאַלן און שטרעבן גלייך צום קערן פֿון אַ פֿאַרטראַכטונג, באַשרייבנדיק דערביי די רמזים און שאַטירונגען, וואָס פֿאַרוואַנדלען אייגנאַרטיקן אויסדרוק אין אַ מיסטיש־ראָמאַנטישער אָפּשפּיגלונג. אויב עס קאָן זיך צייטנווייז דאַכטן, אַז זיין אייגנאַרט איז ניט מיסטיציזם נאָר מיסטיפֿיקאַציע, ווערט דער פֿאַרדאַכט אײַנגעאַנצן פֿאַרשוואונדן ווען מען דערזעט די יאָדרע, וואָס טויכנדיק, רירט ער אָן און ברענגט איר פֿאַר אונדז אַרויס מיט אַ פֿאַרגיטיקונג.

אָן קאָנצענטרירטער פֿאָרמולע און, פֿון דער צווייטער זייט, אָן דער נייגונג אָנצוּוואַרפֿן פּרטים, וואָס וואָלטן פֿאַרהאַלטן זיין טעמפּאָ און צוליב וואָס ער וואָלט אפשר פֿאַרלאָרן דעם קערן פֿון זיין מאַטעריאַל, האָט זיך זיין קינסטלערישער מעדיום אויסגעדריקט אין אַ פּאָעטישער פּראָזע און אין אַן אומרעגלמעסיקער, אַריטמישער פּאָעזיע. זיין פּראָזע שיינט אונדז צו זיין עקאָנאָמיש אין ווערטער, בשעת זיין פּאָעזיע איז ניט צופֿיל קאָנצענטרירט. ניט קיין פֿאָלקאָמער סימבאָליסט, האָט פּרץ ניט באַטראַכט קונסט פֿאַר אַן אַבסאָלוט פֿרייער קאַטעגאָריע פֿון עקזיסטענץ און שאַפֿן, וואָס האָט קיין מיסיע ניט. ניט קיין דידאַקט, האָט ער אויך ניט באַטראַכט קונסט פֿאַר אַן עובדא. פֿאַר אים איז דער פּראָצעס שנעלער געווען אַ דראַנג נאָך דעם, פֿון אים אַליין געזעענעם, בילד, אַ מאַטערנהיקער דראַנג. דער פֿעסטער צונויפֿבינד ביים איבערגוס פֿון איינדרוק אין אויסדרוק איז פֿאַר אים געווען אַ פֿאַרבאָרגענע, און פֿון דער טראַדיציע אַ ניט קלאָר־געאַנטע, פּראָבלעם.

כאָטש ער אַליין האָט געשפּאַסט וועגן דעמדאָזיקן מאַטערנדיקן דראַנג, ווי אין זיין ליד „אויספֿאַרקויפֿט",

„מיט אַ וואַרעם האַרץ געגאַנגען
איז ער צו דער וועלט;
ריאיז געפֿעלן! ס'האָט דער עולם
האַרץ ביי אים באַשטעלט.

האַרץ אויף לויטן, האַרץ אויף קווינטן,
וואָרעם האַרץ אַהער!
דאַמען קויפן פאַר אַ שמייכל,
מיידלעך — פאַר אַ זיסע טרער.

און פאַר קליין־געלט קויפן לעזער...
פאַר אַ גראָשן, פאַר אַ דרייער.
און עס שמעקט אזוי דעם עולם:
אַי, דאָס האַרץ איז טייער!

און ער האָט געהאַט אַ מחיה —
גרויס געווען סיפּאַרלאַנגען;
ביז ער האָט פאַרמאַכט דאָס קרעמל:
ס'האַרץ איז אויסגעגאַנגען!"

האָט ער אָנגעדייט אויף דעם טויטלעכן כוח, וואָס אַ ליד טראָגט אין זיך

„וואָס האָט איר פון די לידער?
דריקעניש — נישט מער!
עס ציטערן די ברעמען,
אָט, אָט, פאַלט אַ טרער...

און אַז טרערן פאַלן
פון דער שווערער נויט —
אויף די ווייסע קליידער
ווערט אַ פלעק אויף טויט.

(ביי דעם פרעמדן חופה־קלייד)

די סתירה צווישן דער פאָרמולעלאָזיקייט פון זיין שורה און דער שפּאָרעוודיקייט פון זיין וואָרט איז פאַר פרצן געווען אַ טויטלעכע מאַטערניש. זי פלעגט אים צווינגען איבערגיין פון פערז־פאָרם צו פּראָזע, וואו די פּאָעטישע פאָרמולע פלעגט אויך פעלן; אָבער דערפאַר פלעגט אים די פּראָזע ארויסטראָגן אַ פאַרטיטיקונג פון פּאָעטישער קוואַליטעט מיט דער הילף פון זיין קורץ־וואָרטיקייט. דערמיט לאָזט זיך אפשר דערקלערן דאָס וואָס פרץ, דער ליריקער, צוגעפּאסט לויט זיין מהות צו דער פערז־פאָרם, איז געצוואונגען געווען צו שרייבן

מער פּראָזע, און אויך ניט פון איין רעגלמעסיקן כאַראַקטער. די אויבנדערמאָנטע סתירה האָט אָנגעלאָדן פּרצן מיט אַן אַקטיוויטעט, וואָס האָט ווידערשפּראָכן זיין אומזיכערקייט. עס האָבן זיך אין אים נעראַנגלט ווילן און דראַנג צום אויסדרוק, מיט דער אומרו פון צעריסנקייט, — וועגן וואָס פירן צו כאַאָס. זיין ענערגישער כאַראַקטער און זיין צובונד צו די וואָרצלען פון דער ווירקלעכקייט האָבן ניט דערלאָזן זיינע עמאָציעס אריינפאַלן אין פולשטענדיקן כאַאָס. אָבער אומרואיקע, איינגעשטילט־הייסע טענער לאָזן זיך דאָך הערן דורך זיינע לידער.

„אָ, שטערן מיינער, אָ, מזל מיינס,
וואו פירסטו מיך ?
וואו גייט מיין וועג ?
. . . .

וואָס שטראַלט אַקעגן מיר ?
האָפנונג אָדער טויט ?
. . . .

און עס ווילט זיך לעבן,
צו וויסן דעם סוף ;
און עס ווילט זיך שטאַרבן,
ווייל עס גלויבט זיך נישט . . .
(בענקשאַפט און טרויער)

אָדער אין ליד —
„אַ טעאַטער איז די וועלט,
גאָט איז רעזשיסער —
סישטיק איז פיין, — ליידער איז
דער טייוול דער סופלער —

די בודע איז דאָס שוואַכע האַרץ . . .
דער טייוול פעלשט דאָס שטיק !
און אויב מען זאָגט ארויס אַ גרייז,
כאַפּט מען נישט צוריק !
— — — — — — — — — — —

און מען קאָן דען היטן זיך,
נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל ?
עס איז מייסטערהאַפט דאָס שטיק,
די גרייזן — געניאַל !

און עס שטרויכלט דער אַקטיאָר —
און ווען ער דאַרף מיט גרויל
שמעטערן פון זיך דעם כוס,
כאַפּט ער אים צום מויל !

פלאַמיק פּערלט זיך דער ווייַן
און ער טרינקט אים אויס . . .
און דער דונער אײַלט זיך נישט . . .
גאָטס געדולד איז גרויס . . . "

אָדער אין דער שורה :
„עס מאַכט מיך משוגע דער ,טאָמערי" . . .

ווען מען וואָלט נאָכגעפאָלגט אַלע קרומע וועגן פון כאַאָס, וואָס האָבן אין דער מלחמה־צייט געהערשט אין אונדזער פּאָעזיע, וואָלט מען דורך די אַלע זוכענישן און בלאָנדזשענישן צוקומען צו זייער הויפּט־צוגרייטער, צו פּרצן. ער איז געווען „יענער כאַאָס וואָס איז אַלע געשטאַלטן און אַלע זאַכן, ווייל ער איז ניט קיינער פון זיי און איז די יכולת און דער זאמען פון זיי אַלע" (יהואָש). זיין אַקטיווער כאַראַקטער האָט אין אים פאַרזייט די זאָמען פון אַלע געשטאַלטן, אָבער די טראַדיציע פון דער דעמאָלטיקער אידישע פּאָעזיע האָט אים ניט גרינגער געמאַכט דעם וועג. זי האָט ניט מעגלעך געמאַכט, אַז ער זאָל קאָנען ווערן די האַנט וואָס באַהערשט זיי אַלע צוזאַמען, דאָס פאַרטיקע פאָרבילד, די קווינטעסענץ, צונויפגעשמעלצט פון פריער צוגעגרייטע מיטלען מיט זיין אייגענער פּערזענליכקייט. פאַרקערט, פּרצן האָבן אַלע געשטאַלטונגען און כוחות געריסן אין פאַרשידענע ריכטונגען. אזוי האָבן אין אים געקעמפט : צעשפּליטערטקייט מיט דידאַקטיק, פאָרם־זוכעניש מיט פאָרמולע, ראָמאַנטיזם מיט סימבאָליזם, דאָס רעאַלע לעבן מיט דוכטענישן, קלישע מיט בענקשאַפט נאָך אָריגינאַליטעט, עובדא פאַרן כלל מיט דער אומאָפּהענגיקייט פונם

יחיד, נידעריקער מצב פון דעם אידישן ליד מיט זיין אייגענעם פּאָעטישן דראַנג צו אַ העכערער פאָרם.

זיינע סאָציאַלע מאָטיוון, פול מיט מאָראַל און עטיק, האָבן צוליב זייער סיפּור־המעשה און לענגלעכער פאָרם געוואונען, אַזוי ווי זיין פּראָזע, פון דער ניט־דיסציפּלינירטער אַרטיקולירונג פון אַזוי־פיל ווידערשפּרעכנדיקע כוחות. די ניט־פאָרמולאַטיווקייט, צב., איז אַ מעלה אין יענע לידער, וואו דאָס וואָרט נויטיקט זיך, צוליב דער נאַראַטיווער פאָרם, אין מער רחבות. דער דערציילערישער, דער ניט־אָנגעשטרענגט־הייסער טאָן ווערט ניט געשטערט אין זיין גאַנג, און די קורץ־וואָרטיקייט גיט־צו דיסטאַנץ, ווייט־אָפּטרעטנדיקע באַטויקייט און ראָמאַנטיש־אידעאַליזירטן זין. דער רעאַליזם, אַ נויטיקער עלעמענט אין סאָציאַלער פּאָעזיע, ווערט ביי פּרצן, אַ דאַנק דעם צוזאַמענשטויס מיטן אידעאַליזם, פאַרוואַנדלט אין אַ האַלב־חלום, וואו דאָס ווירקלעכע לעבן ווערט געזען אין זיינע פאַרשידענע געזיכטן און אין טיפערן באַדייט. אין „ביי דעם פרעמדן חופּה־קליידי" ווערן די אַלע קעגנערישע כוחות דערהויבן צו אַ סימפאָניע פון אומרואיקע סימבאָל־ און געמיט־שפּיגלונגען מיט האַלבע טענער־אָנדייטן. זיי ברענגען אַרויס בולט די פאַרבאָרגענע שיקזאַלן און טראַגעדיעס פון סאָציאַלן לעבן דורך דער קלאָרער פּריזמע פון אינדיווידועלן ליידן. אָן אָפּשפּיגלונג פון קוים באַמערקטן וואַנזין בליצט אויף אין די רמזים פון די שורות, ספּעציעל, אין דעם אופן ווי אַזוי די טיילן פון די רעפליקעס און כאָרן ווערן אומדערוואַרט, אויפן אויגנבליק כאַאָטיש, איבערגעבראָכן. די סיפּור המעשה האַפּט צונויף די פאַרשידענע פאָרמען פון אַלע טיילן און די קאָנטראַסטנדיקע מעלאָדיעס ווערן אַזוינאָך פאַראייניקט. אין דערדאָזיקער אייניקייט דערזעט מען בולט דעם כוח פון פּרצעס דיכטערישער אָריגינעלקייט די באַשרענקטקייט פון פלאַץ דערלויבט ניט איבערצוגעבן דאָס גאַנצע ליד צוליב זיין לענג, אָבער עס געגוגנט נאָכצופאָלגן דעם ריטם און אינהאַלט פון יעדן ערשטן אַקאָרד פון עטלעכע טיילן:

מאַדאַם:

היינט ווערט געשטעפּט און גענייט,
היינט וועט מען ליידיק נישט זיצן!

טורײ — טורײ — טורײ!
זעט נאָר די גאַזן, די שפּיצן!
זעט ווי דאָס זײדנס וועט בליצן!

. . . .
. . . .

האַנט־מײדלעך (כאָר):

אָט האָט איר אַ וואונדער,
כילעבן קײן שפּאַס!
צי הײסט דען נישט „פּאווע" —
יאָ, פּאווע — די גאַס.

. . . .
. . . .

די ערשטע מאָדיסטקע:

סאַטע־דע ליאָן . . . און שפּיצן, און גאַזן,
עס פעלט נאָר בריליאַנטן צום רימל . . .
דיוואַנען, און בלומען, און לאָמפּן . . . די כלה
וועט אויסזען — אַ מלאך פון הימל!

. . . .
. . . .

האַנט־מײדלעך (כאָר):

נישט קײן גראָשן פאַר דער דירה
און אין מויל קײן ביסן!
כיוויל בײם מלאך פאָרשוס בעטן!
נײן די וויל נישט וויסן!

. . . .
. . . .

די צווייטע מאָדיסטקע:

בלאָס איז דאָס זײדנצײַג, פּונקט ווי מײן פּנימל,
דורכזיכטיק־דין, ווי מײן הויט . . .
רירט מען עס, קרעכצט עס „אוי!", פּונקט מײנע
ביינדעלעך —

דאָס הייסט אַ גליקלעכע מויד!

. . . .

. . . .

האַנט־מיידלעך (כאָר):

עס איז פאַראַן אַ שטיבעלע
אויף אַ שטילער גאַס!
ס'האָט קיין טיר, קיין פענסטערל —
אייביק שטיל און נאַס!

. . . .

. . . .

פון קיין שטעפן ווייס מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייט . . .
צום שטיבעלע קומט איטלעכער
אויף אייביק שוין באַקליידט!

. . . .

. . . .

די צווייטע מאָדיסטקע:

שטעפ, נאָדל, שטעפ די בראַבאַנדערנע שפּיצן —
פאַר איר, פאַר איר!
תכריכימלעך וועסטו גיך און באַלד שטעפן —
פאַר מיר, פאַר מיר!

. . . .

. . . .

מאַדאַם:

שטילער, שטילער, שטילער,
שטיל איין אויגנבליק!
טוריי — טוריי — טוריי!
אָט דאָס הייסט מוזיק!

די אויבנאויפיקע שילדערונג פון די געשפּרעכן אין דעמדאָזיקן ליד ווערט אַריבערגעטראָגן אין אַ האַלב־פאַנטאַסטישן כאָר פון

מאָדיסטקעס־מיידלעך און זייער מאַדאַם. די פאַרשידנאַרטיקע מעלאָ־דיעס, ניט צוזאַמענגעהעפט, און דאָך פאַרוועבט אין איין גרונט־טאָן, פאַרוואַנדלען די פּערזאָנען אין אַלעגאָרישע געשטאַלטן, און זייערע איבערלעבונגען און געדאַנקען אין אידעאַליזירטער דיכטונג. אין דעמדאָזיקן ליד שפּילט די אומפאָרמולאַטיוקייט אַ גליקלעכע ראָל דערמיט, וואָס די שפּאָרעוודיקע שורה מיידט אויס טיילן פון דער דעטאַליזירטער סיפּור המעשה פון רעאַליסטישע, אין יענער צייט שאַבלאָנע, כלל־מאָטיוון. עס ווייזן זיך טיפּע אינדיווידועלע טראַ־געדיעס, וואָס ווערן ווירקזאַמער און בולטער געזען, ווייל אידעאַליזירט און דערהויבן. אין לעצטן סך־הכל: אַ ליד פון קאָלעקטיוון געזאַנג, וואו עס באַווייזן זיך די שטריכן סיי פון דעם יחיד, סיי פון דעם כלל, לויט זייערע באַזונדערע כאַראַקטער־עלעמענטן — אַזאַ ליד שאַפט אַן אייגנאַרטיקייט. דאָס קומט פאָר ווען די צוויי מאָטיוון העלפן איינער דעם צווייטן ארויסצוטרעטן אין פולער רעליעפקייט. די שאַרפע קאָנטורן באַווייזן זיך אַ דאַנק דעם קאָנטראַסט.

אין לידער פון פּראָטעסט, וואו די נאַראַטיווקייט דאַרף נידערן צוליב דער עמאָציאָנעלער שטייגונג, און, נאָכמער, צוליב דער נוי־טיקער קאָמפּאַקטקייט פון פאָרמולאַטיוון אויסדרוק, ווערן באַ פּרצן אַ סך קורצע שורות, ווי אויך די שפּאָרעוודיקייט פון וואָרט, דערהערט אַלס צופּיל־קלינגענדיקע גראַמונגען. דאָס איז דערפאַר וואָס סיי דער נאַראַטיוו גייט באַ אים ניט פאַרלאָרן און סיי די פאָרמולע ווערט פון אים ניט דערגרייכט. אין יענע שורות אָבער, וואו דער גראַם קומט ניט איינער נאָכן צווייטן, אָדער וואו אַ נייער ווענד קומט אָן, ווי אַן איבערבראָך, ווייט פון אַן אָפּגעלאָפּענעם גראַם, — אין יענע שורות געווינט דאָס קורץ־געשניטן וואָרט דעם פעסטן און עקסטאַטישן צונויפנעם פון די אויבנדערמאָנטע עלעמענטן, וואָס ברויזן און שטרעבן צו אַן אָריגינעלן אויסדרוק.

פון יחזקאל
(קאַפּיטל ל״ג)

סישלייכט צו אַ שטאָט ביינאַכט
די שווערד!

נאָר אויפן טורעם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!

און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט,
עס ציטערט די נאַכט
דאָס פאָלק ערוואַכט — —
דער שונא גייט, דער שונא גייט!
און עס פלאַקערט אויף אַ שלאַכט
אין הויף אין גאַס,
אויף טויער און וואַנט,
פאַר ווייב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד!
פאַר רעכט, און פריי גייט אַלץ אין קאָן!

ווער זיגן וועט, דאָס ווייסט איין גאָט;
דער וועכטער האָט דאָך זיינס געטאָן!
ער האָט זיין ערע נישט באַפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד!

נאָר ווי דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט ביינאַכט
אַן אויג פאַרמאַכט
און דערוואַכט
ערשט אין בראַנד!

דאָס מאַטעריניש פון די סותרדיקע כוחות אין פּרצן, וואָס ווייזן זיך ארויס אַמשטאַרקסטן אין זיין פּאָעזיע, האָט אים געפירט צום פּאָעטישן נאַראַטיוו אין זיין פּראָזע, ווי צו אַן אָפּרו נאָך אַן אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג. נאָך לאַנגע דערציילערישע נסיעות, געפירט פון דראַנג נאָך האַרמאָניע און קאָנצעטרירטע פּאָעטישע סענטענצן, קערט ער זיך ווידער אום צו די מער געבונדענע פאַרמען: ווי דאָס ליד און די דראַמאַטישע פּאָעמע (וואָס טראָגט ביי פּרצן דיזעלבע בוי־שטריכן ווי זיין ליד.)

פרץ פלעגט זיך אומקערן צום ליד אין צייט פון פאַרשידענע זוכענישן פון זיין אומרואיקן גייסט און דערפאַר זיינען זיינע לידער אזוי פאַרשידנאַרטיק און מאַכן דעם איינדרוק פון פרואוון. דערצו ברענגט אויך דער פאַקט, וואָס דאָס אידישע ליד פון זיין צייט איז ניט געווען פילפאָרמיק, און וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן ארייַנפירן אַ מין איירָאָפּייאישקייט אינם אידישן ליד.

מיט דעם „איירָאָפּעאיזירן“ דאָס ליד האָט פרץ אריינגעבראַכט דאָס, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע כאַראַקטער־שטריכן. דאָס מערקט זיך אפילו אין זיינע איבערזעצונגען, צ.ב., פון נאַדסאָנען און מאַריאַ קאָנאָפּניצקא. זיי דייטן אָן אויף פרצעס ראָמאַנטיש־טרויעריקן טאָן. ספּעציעל קאָן מען זען זיין נייגונג צו קורצקייט אין דעם פרייען איבערטראָגן פרעמדע לידער: נאַדסאָנס בריטן פלוס, צ.ב., באַמערקט מען ניט אין פרצעס איבערזעצונג.

Если ты друг—дай мне руку, отрадней вдвоем
Честно бороться за общее братское дело.
Если ты враг—будь открытым и смелым врагом,
Грозный твой вызов приму я открыто и смело.
Если же ты равнодушен....

Надсон.

ביסטו מיין פריינד,
אַהער גיב דיין האַנט !
מיר וועלן שטרייטן
און ליידן ביינאַנד !
אויב פיינד, שטעל דיך
פריי און פעסט אַקעגן !
נאָר אַראָפּ פון וועג,
אויב ס׳איז דיר נישט געלעגן !"

אויך דאָס פריי־איבערגעטראָגענע ליד „מיט פערל פון טוי“ איז לויטן כאַראַקטער און שטימונג אינגאַנצן אַ פרציש ליד. דאָסזעלבע קאָן אויך באַמערקט ווערן וועגן די לידער פון קאָנאָפּניצקא. אפילו די לידער פון די נביאים טראָגן דעם פּרצישן טאָן און די קרובה־

שאפט מיט פרצעס פראטעסטאנטישן כאראקטער קעגן סאציאלער אומגערעכטיקייט און פאעטישער בילדלעכקייט.

צוגלייך מיט דערדאזיקער קרובהשאפט איז אויך געווען אן אנדערע. מיט דעם מאטיוו פון ליבע, אפטמאל צארט ביז דעגענעראציע, צוליב דעם זיס־ביטערן הומאר, וואס פרץ האט פארזייט אינם באדן פון אידישן ליד, צוליב דעם טראגיזם, דער צארטקייט און אידעאליזירטער טרייסט פון זיין איראניע, האט ער אמשטארקסטן זיין קרובהשאפט מיט היינען דערפילט. ביידע, פארענדיקער פון די עפאכעס, וואס האבן זיי צוגעגרייט און ועמעס שוואנען־לידער זיי האבן געזונגען. היינע, אויף וועמען, ווי מעטיו ארנאלד דריקט זיך אוים, איז „געפאלן דער אן אן ערך גרעסטער טייל פון געטעס מאנטל", האט געשלאסן דעם דייטשישן ראמאנטיזם, נאוואליסעס בענקשאפטן; און געשלאסן האט ער עס מיט זיין ביטערער איראניע און אנטוישונג. פרץ האט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון דער „משכילישער פעריאדע, מיט פולן גלויבן אין דעם געניוס פון די „אונטערדריקטע און דערנידעריקטע", מיט ראמאנטישער אידעאליזירונג פון זייערע דרעמלענדיקע כוחות. פרצעס איראניע איז אבער ניט געווען אזוי ארגאניש ווי היינעס, ווייל ביים לעצטן איז דאס מער געווען אין איינקלאנג מיט זיין גאנצער אנטוישונג פון א ראמאנטישער זעל, בעת ביי פרצן איז דאס געווען בלויז א באשטעטיקונג פון אנטוישונג אין איין ספער כדי צו באטרעטן אן אנדערע. מיט דעם האט פרץ געקאנט אונטערשטרייכן, אז די וועלט איז ניט אינגאנצן האפנונגלאז. ביידע ראמאנטיקער: איינער מיט דעלוזיעס, דער צווייטער מיט אילוזיעס; א פארענדיקער פון ראמאנטישן אפפלוס, און אן אנהייבער פון זיין שטייגן. ביי היינען איז די איראניע געווען א דורכגעברענטע, אן ארגאניש־קאנצענטרירטע, ווייל א רעזולטאט פון העכערער פאעטישער אנשטרענגונג און גרעסערע דורכפאלן און אנטוישונגען פון זיין עפאכע. פרץ האט אבער שטענדיק געזוכט, אפילו זייענדיק אנטוישט, פלעגט ער שטייגן פון א נייעם צו א נייעם גלויבן. „דער דערנידעריקטער און באליידיקטער", וועמעס אויפשוואונג פרץ האט מיטגעהאלפן, איז געווען דער טרעגער פונם אידישן רענעסאנס, א לעבעדיקאויפוואכנדיקע ענערגיע. היינע, דער אנטוישטער אין דעם דייטשישן

ליבעראַליזם פון זיין צייט, וואָס האָט נאָך נאַפּאָלעאָנס פאַלן געזאָלט אויפוועקן די אידייען פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1789, האָט געזען אין דעם דייטשישן „דערנידעריקטן“ אַ האָפנונגלאָז־פאַרפאַלענעם מענטשן, וואָס „האָט געעפנט די אויגן, בלויז כדי זיי ווידער גלייך צומאַכן צוריק; האָט אַ געגעץ געטאָן, בלויז כדי ווידער אין דער קומענדיקער מינוט אָנצוהייבן כראָפּן העכער ווי ווען ניט איז פריער; ער האָט אויסגעצויגן זיינע שטייפע, אומגעלומפּערטע גלידער, בלויז כדי ווידער אַראָפּזינקען גלייך נאָכדעם און ליגן ווי אַ טויטער מענטש אין דער אַלטער בעט פון זיינע איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן“.

פּרצעס זוכענישן, אין קעגנזאַץ צו היינעס פעסטן פּאָעטישן באָדן, האָבן ניט געגעבן זיין ליד די מעגלעכקייט צו קומען צום קאָנצענטרירטסטן אויסדרוק ווי דער פאַל איז געווען מיט היינען. פּרצעס ניט דעטאַליזירן בילדער און ניט דערענדיקן ווערטער איז ניט אַזוי פון צופיל רייכקייט אָדער אָרימקייט, ווי פון אומגעדולדיקייט פון אַ פּיאָנער, וואָס באַזיצט ניט די אייגנשאַפטן פון סיסטעמאַטישן, קאָנצענטרירטן אינטעלעקט. אַזוי אַז ווען ביי היינען איז גרינג צו געפינען אַ סך עקזאַקטע פּאָעטישע אויסדרוקן, זיינען זיי אָבער אַ זעלטנקייט ביי פּרצן, צ.ב., די שורות וואָס שליסן אין זיך אַ לעצטן אַקאָרד, אַ פינאַל־סענטענץ, שטייגן ביי היינען צוליבן העכערן עמאָציאָנעלן אָנשטרענג און פּאָעטישער רייכקייט. ווי אַ מוסטער־ביישפּיל קאָן מען ברענגען די לעצטע 1½ שורות, אַלס שלוס־אַקאָרד, פון דעם ליד „אַנפאַן פּערדי“:

Ferlorner Posten in dem Freiheitskriege,
Hielt ich seit dreissig Jahren treulich aus,
Ich kaempfte ohne Hoffnung, dass ich siege,
Ich wusste, nie komm' ich gesund nach Haus.

. . . .

Ein Posten is vakant! — Die Wunden klaffen —
Der eine faellt, die andern ruecken nach —
Doch fall ich unbesiegt, UND MEINE WAFFEN
SIND NICHT GEBROCHEN — NUR MEIN HERZE BRACH.

די קרובהשאַפט מיט היינעס ראָמאַנטיזם און איראָניע האָט פּרצן

געהאָלפֿן באַרייכערן דאָס אידישע ליד מיט הידאַזיקע אייגנשאַפֿטן, ווייל אַ חוץ זייער מקור אין פּרצן גופא, האָבן זיי געדינט אין היינעס לידער אַלס קאָנקרעטע ביישפּילן. אזוי אַז פּרצעס ליבע־מאָטיוון, די ערשטע אריינצוטרעטן אין דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע מיט אידעאַליזירטער בילדלעכקייט, ראַפינירטן טרויער און ביטערן שמייכל, האָבן באַרייכערט די מעגלעכקייטן פון ליד, אָבער אַליין—ניט אַלעמאָל דערפאָלגרייך אויסגעדריקט. אין די ליבע־מאָטיוון וואו עס פעלט די איראָניע און דער אָנשלאַג אין דער לעצטער שורה, וואָס דאַרף אויס־לייזן אָדער איבערברעכן די שטימונג און חי בילדלעכקייט פונם ליד (און דערמיט ארויסברענגען אַן אומדערוואַרט־פאַרקערטן עפעקט), האָט זיך פּרצן גיכער איינגעגעבן אָנהאַלטן די שטימונג און ניט אַראָפּפאַלן פונם דערהויבענעם טאָן.

„אויף דיין באַלקאָן הענגען מיינע אויגן ;
זיי זעען דיך נישט !
סיוועלקן דאָרט בלומען, די טיר איז געשלאָסן,
די שויבן פאַרווישט . . .

ווי אַ פויגל פליט ארויף מיין נשמה
און שלאָגט זיך דאָרט צווישן די אייזן . . .
שטילערהייט קלאַפּט זי ביי דיר אין די שויבן, —
דו ווילסט זיך נישט ווייזן . . .

דאַן פליט זי צוריק באַנג און דערשראָקן,
דערשלאָגן און מיד ;
אין האַרץ אין קראַנקן הייבט אָן צו קלינגען
דאָס טרויעריקע ליד !

אין יענע לידער אָבער, וואו ער פלעגט געפינען אויסדרוק, מער ענלעך צו היינעס אַ מוסטער פון איראָניע אין דער לעצטער שורה, פלעגט פּרצן זעלטן געלינגען ארויסצוברענגען אַ העכערן עפעקט, ווי דער פאַל איז מיט היינעס לידער פון זעלבן כאראַקטער. די לעצטע שורה פלעגט ניט נאָר דערהויבן דאָס געפיל, וואָס דאָס ליד פלעגט טראָגן מיט זיך, נאָר פאַרקערט, לאָזן אין איר פאַלן דאָס, וואָס דאָס

ליד האָט דערהויבן. די סיבה דערפֿון איז געלעגן אין דעם וואָס אַן אָנשלאָג־שורה דאַרף זיין פֿאָרמולאַטיוו און ביי פּרצן האָט די פֿאָרמולע ניט געקראָגן איר קאָנצענטרירטן, סובלימירטן אויסדרוק.

אין מיילעכלעך רויטע גישט איינמאָל געקושט
ביז ס׳האָט געקרייעט דער האָן...
וואָס שאַדט דיר מיין לעבן? דאָס אַלץ איז פֿאַרווישט —
היינט דאָך ביסטו מיין שגעון.

גרענצלאָז איז דאָך, מיין ליבע, מיין קרענק,
אומענדלעך מיין גליק און מיין לייד!
איך שווער דיר אומענדלעך כאָטש גישט אין דער לענג
וואָס שאַדט דען דיר, אַז — אין דער ברייט?!"

אזוי האָבן אין פּרצן פֿאַרשידן געשפּילט די פֿילע ערשטע דורכשטראַלונגען, וואָס האָבן זיך אזוי רייך און פֿילפֿאַרביק צעוואָקסן אין דעם שפּעטערדיקן אידישן ליד. די טרייבקראַפֿט איז געווען זיין אַקטיווער כאַראַקטער, וואָס פֿלעגט זיך אַלעמאָל רייסן פֿאָרויס, צוליב דער שטענדיקער ענגקייט אין דעם שווין־דערוואָרבענעם. די קערנער פֿון דער פֿילפֿאָרם אין פּרצן זיינען געווען דער ערשטער דינאַמישער שטוים אין דער אידישער פּאָעזיע. זיין

„... איך לעב, איך שטרעב, איך וויל..."

איז געווען די אומרו, אָבער אויך די ענערגיע פֿון זיין ראָמאַנטיזם. די דינאַמיק האָט געשטאַרקט זיין אידעאַליזירטע אומרעאַלע וועלט, און דער ראָמאַנטיזם האָט נייטראַליזירט דאָס שאַרפֿע און רויע פֿון זיין אַקטיוון כאַראַקטער. פּרץ האָט אין דערזעלבער צייט רעוואָלטירט קעגן דעם משכיליזם און אָנגעצייכנט אַ וועג פֿאַר נייע אידייען. זייענדיק אַליין פֿראַגמענטאַריש איז ער געווען דער גליענדיקסטער אָנזאָג אויף רייכע קינסטלערישע מעגלעכקייטן אין דער אידישער פּאָעזיע. דאָס איז אפֿשר די דערקלערונג, וואָס ער האָט אזוי געבענקט נאָך יענע, וועמען עס איז באַשערט פֿאַרצוזעצן זיין דינאַמיק, זיינע טרוימען, און וואָס ער האָט אזוי ליב געהאַט „יעדן נייעם דיכטער".

מאָרים ראָזענפעלד

מאָרים ראָזענפעלד

אויב דער עצם פון אַן עפּאָכע ווערט אויסגעדריקט דורך אירע באַנייער, טרעט אָבער דער דאָזיקער עצם ארויס בולטער אין די ארבעטן פון אירע עפּיגאָנען. דורך זיי ווערן באַשטעטיקט אירע הויפּט־עלעמענטן. באַנייער, אַליין פאַרמירטע אָדער באַאיינפלוסטע, פון איין עפּאָכע, שלאָגן אָן צוזאָגן און דייטלעכע שטריכן פון אַ קומענדיקער עפּאָכע. ווידער, די ארבעטן פון אירע עפּיגאָנען, צוליב זייער אומזוכערישן עסטעטישן פאַרנעם, שטעלן מיט זיך פאָר אַ ווילגלאָזן אָפּזאַץ.

די דורכפאַלן פון עפּיגאָנען טראָגן אין זיך, אין פולער ממשותדיקייט, די מידקייט און, דערהויפּט, די טעותן פון דעם פאַרגייענדיקן צייט־אָפּשניט. דאָס שטערט זיי, די זעלבע עפּיגאָנען, צו דערהויבן זיך, אין די לעצטע מאָמענטן פון דער עפּאָכע־גסיסה, צו דעם אומבאַגרייפלעך־אויפגעלויכטענעם לעצטן אָנדייט, וואָס אַנטפּלעקט דעם יסוד און דעם זין פון אַן אָפּגעלעבט לעבן. שליסער פון עפּאָכעם זיינען אויסערגעווײנלעך ענערגישע נאַטורן און דערפאַר — אויך אָנזאָגער פון נייע עטאַפּן. דאָס גילט אויך דעמלט, ווען די נייע עטאַפּן ווערן ניט תיכף געזען, ווען זיי באַווייזן זיך ערשט נאָך אַ צייט פון אומפאַרשטענדלעכער פאַרבאָרגנקייט און פולן פאַרגעס. אין די דורכפאַלן אָבער פון באַנייער, די פורעמער פון דער עפּאָכע, איז שווער צו באַשיידן וועלכע חסרונות שטאַמען פון אַ פאַרטיקן טראַדיציאָנעלן צוגרייט, און וועלכע זיינען באַשטימטע שטריכן אין דעם אינדיווידועלן געבוי פון יעדן באַנייער.

אָנדייטן און דערקלערן באַזונדערע דערשיינונגען אין די ערשטע פּאָעטן פון דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע איז נאָך פּראָבלעמאַטישער דערמיט, וואָס דאָס דערשיינען פון אַ נייעם פּאָעט איז שוין אַליין פאַר זיך געוואָרן אַן אויפטו. נאָך דער פּאַסיווקייט נאָך פון זיי־

ערע סינטעטלערישע נייגונגען, וואָלטן טייל דיכטער געווען בלויז מיטשטראָמער אין ליטעראַטורן מער אַנטוויקלטע. אין די יוגנט־טעג פֿון דער מאָדערנער אידישע פּאָעזיע האָט מען זיי אָנגענומען פֿאַר באַנייער, אַ דאַנק יעדן צופֿעליקן אומבאַדייטנדיקסטן צוגאָב. אפילו די מער דראַנגיקע און אַקטיווע, שניידנדיק זייער וועג קעגן שטראָם, האָבן צוזאַמען מיט זייער נייעם וויכטיקן אָנשלאָג מיטגעבראַכט אויך איבערחזרונגען פֿון שאַבלאָנען.

די אָרימקייט פֿון אונדזער אַנאַליטישער ליטעראַטור־קריטיק און פֿון אירע סרובישע וויסנשאַפֿטן האָט נאָך שווערער געמאַכט די פּראָבלעם פֿון ניט קאָנען צוקומען צו די טיף־גייענדיקע וואָרצלען פֿון אַ פּאָעטישער דערשיינונג.

דער צוגאָב פֿון יעדן ניי־אָנגעקומענעם דיכטער פּאַרלירט זייער אָפֿט, אין לויף פֿון יאָרן, זיין בולטקייט. ספּעציעל איז עס אַזוי ווען דער צוגאָב באַשטייט פֿון אַ נייער טעמאַטיק אָן אַ פּאַסיקן אויסדרוק־מעטאָד. דאָס אונטערשיידט דעם עפּאָכע־באַנייער, דעם איבערשאַצער פֿון ווערטן און צוגרייטער פֿון אַ נייער זעאונג, פֿון יענעם פּסעוודאָ־באַנייער, וואָס ברענגט אריין בלויז טעמאַטישע באַשטאַנדטיילן.

די אַרבעטן פֿון זוכנדיקע און וואַכזאַמע דיכטערישע נאַטורן, וואָס האָבן אָבער ניט קיין אייגנעם מעטאָד און ווען די אימפּולסן שטויסן אָן אויף פֿאָרם צופֿעליק און טיילווייז, זיינען אַ ספּעציעלע פּראָבלעם פֿון צונויפֿגעפֿלאָנטערטע, אומבאַוואוסטזיניקע מעלות און חסרונות. זייערע דערגרייכונגען זיינען באַנייאונגען, זייערע הינטערשטעליקייטן — מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך ניט דערהויבן צו דערפֿולונג. די מינוסן, זייערע שטרויכלונגען, קאָנען אונדז דינען ווי אַ וואָרנונג, כאָטש נייע מינוסן שטרויכלען יעדן איינעם ביי נייע שוועלן. און נאָכמער, אָפּשאַצנדיק זייער טראַדיציע און זייער כאַראַקטער קאָנען מיר ערשט באַגרייפֿן די טעותן פֿון זייערע אַרבעטן.

ניט האָבנדיק קיין אייגנעם באַוואוסטזיניקן מעטאָד איז אוממעגלעך צו האָבן אַן אייגענע פֿאָרם. פֿאָרם דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַ געשטאַלטונג: — פֿון דעם אָנהייב, ווען אַ רעגונג געבערט אַנ־

דייטונגען, ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ סכעמע פון געדאַנק. דער געדאַנק, ווידער, באַוועגט זיך אין אַן אַבסטראַקטער אידייע און קומט צו אַ קאָנקרעטקייט: אַ פּאַרפיקסירטע קונסטווערק דורך אַ בולט־אויפטויכנדיקער זעאונג. דער דראַזיקער פּראָצעס איז דער וועג דורך דעם אָביעקטיוון רעפלעקט, וואָס מיט זיין הילף הערשט יעדער קינסטלער איבער זיין מאַטעריאַל און איבער דעם אופן פון זיין אויסדרוק.

דער אָביעקטיווער רעפלעקט איז די אָפּשפּיגלונג פון דעם קינסט־לערס איינדרוק אין אַ גאַנצע פון קאָנקרעטע, באַוועגלעכע קאָנטורן. צוזאַמען מיט די מעגלעכקייטן צו ווערן איבערוואַנדלט מיט דער הילף פון אַבסטראַקטע אידייען, שטייען די דאָזיקע קאָנטורן פאַר די אויגן פון דעם קינסטלער און ווייזן אים אָן אויף זייערע אייגענע באַשטי־מונגען און אופנים פון געוואונטשטן אויסדרוק. באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל און אים דערלייזן דורך זיין פאָרם, הייסט געפינען און אויסשעפן זיין אָביעקטיוון רעפלעקט. ווי אַ ביישפּיל פון דערפולונג קאָן אונדז דינען דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע“, און פון דורכפאַל — אַזאַ מעגלעך־ערשט־ראַנגיקער דיכטער, ווי ראָזענפעלד, וואָס שלאָגט אָן אינסטינקטיוו אין זיין איינדרוק־אָפּשפּיגלונג. אָבער אָנשטאָט דאָס אויסצושעפן צו אַ פולער געשטאַלטונג, צו אַ פאָרם, פאַר־פלאַכט ער עס. ווי אַ געוויסער אַריבער די ברעגעס ווערט פאַרטראָגן פונם שטורעם, אַזוי ווערט ראָזענפעלדס איינדרוק־אָפּשפּיגלונג פאַר־טראָגן פון זיין דינאַמישן, אָבער ניט געצאַמטן כוח.

די עפּאָכע פון אַ נייעם וווּנד אין דעם אידישן לעבן, אַ דאַנק דער פּראָלעטאַריזירונג פון די אידישע מאַסן און דער אויסקריסטאַ־ליזירנדיקער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, האָט פון זיך אַרויסגע־טראָגן אַ נייעם באַנעם, אַ נייעם טעמאַטישן מאַטעריאַל, וואָס ראָזענ־פעלד האָט אויסגענוצט. אַ נייע פאָרם פאַר דעמדאָזיקן מאַטעריאַל איז פון אים, לײַדער, ניט געשאַפן געוואָרן. אַ פאָרם, וואָס גייט דורך אָדער פאָדערט יערונג אין דעם שאַפער, קאָן דערזען ווערן פון דעמ־זעלבן, ווען די פאָרם ווערט דערהויבן מיט דעם באַהערשטן מאַטעריאַל.

אין די שפּעטערע יאָרן פון ראָזענפעלדס שאַפן, ווען ער האָט

פארלאָרן זיין פרימיטיוון אימפעט און האָט אָנגעהויבן זיך אליין נאָכצומאכן, האָט זיך אים אויסגעוויזן ,אז

„עס האָט די וועלט קיין נייקייט מער,
איך קאָנט קיין נייס ניט לעזן",

אז

„די פאָרמען, זי קאָן זיין נאָר נייי".

(דאָס אייביקע ליד)

דאָך האָט ער זיך פארלאָזן אויף צופאַלן פון שטימונג. ער האָט ניט באגריפן, אז פאָרם איז אויסגעלייזטער, סובלימירטער אינהאַלט; אז דער וועג צו פאָרם דורך אבסטראקטע אידייען מיינט ניט דער וועג פון קאָפּ־ארבעט און פובליציזירטע פּראָבלעמען ; אז אבסטראקציע איז ניט כאאָס און אומפינקטלעכקייט.

„צו זוכן ליגט ניט אין מיין פאַד,
פון וואַנען ווערטער שטאַמען".

(אידיש)

„מיין ליד איז מיט אַ ווילדן ברען
ביי מיר אַרויסגעקומען".

(א טוים הארץ)

דער געדאַנק, אויסגעדריקט אין די נאָרוואָס ציטירטע שורות, קאָן אָנגעווענדט ווערן אויף ראָזענפעלדס באגריף וועגן אויסטראָגן און אויסקלאָרן פאר זיך די עטאפּן, וואָס פירן צו שאַפונג, צו פאָרם.

דאָס טראַכטן ווי אַן אונטערשטראָם פון מעדיטאַציע איז אים אינגאַנצן געווען פרעמד.

„עס האָט גערעדט נאָר (זיין) געפיל.
(ער האָט) ניט געהאַט קיין צייט צו דענקען,
דער מוח האָט געשוויגן שטיל,
דאָס האַרץ פלעגט ציטערן און בענקען"

(פארוואָס איך בין איך)

אויב מען זאָל אָננעמען פלאַטאָס באהויפּטונג ,אז „קונסט איז וויטאַליטעט", איז דעמלט ראָזענפעלדס דינאַמיק די שטאַרקסטע און

אומבאגרענעצטע טרייב־קראַפט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אידישער דיכטונג. דער אימפּעט האָט אַרויסגעטראָגן פון דעם קינסטלער דיכטערישע עלעמענטן אין זייער פולער רויקייט און אין זייער אומפאַרשטענדלעכן באַדייט. אים אַליין איז ניט געווען אומ־באַקאַנט זיין איינגנשאַפט, אַז

„.... מיט אַ פלאַם לעבט אויף מיין ליד."

„אַ גרויסע קראַפט האָט זינגען מיר געבאָטן, —
„מיין ליד האָט זיך ווי לאַווע דורכגעבראָכן."
(דאָס ליד אין פאָרוואָרט „פון דיכטער צום פאָלק")

„איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלנד
און ווי דער צווייטער רויש מיין האַרץ".
(הארבסט בלעטלעך)

די רויע עלעמענטן אין ראָזענפעלדס אימפּעט, פונקט ווי די נאַ־טור אין אירע אויסברוכן, זיינען צעשטערעריש. זיי זיינען, אמת, אַ דערשיינונג פון אַ זעלטענעם כוח און פון אַן אַנטבלויזטן ווילדן אורשפּרונג — אַ געשאַנק פון נאָר געציילטע פּאָעטן. אָבער איז ניט דיזאָזיקע דערשיינונג, פונקט ווי זי איז אין דער נאַטור, אַ זינלאָזע און אַ צעשטערנדיקע, אויב זי ווערט ניט געצאַמט און אויסגעפורעמט אין אַ העכער אָרדענונג, וואָס דערהויבט דעם מענטשן? דער מענטש ווערט דורך „זעלבסטבאַהערשונג גאַנץ פריינד און דערגרייכט אומשטערבלעכקייט, אויב אַ שטערבלעכער האָט עס ווען ניט איז דערגרייכט" (פּלאַטאָ). ראָזענפעלדס דינאַ־מישקייט איז געווען אומגעצאַמט, ניט קאָנטראָלירט, און דערפאַר אין די לעצטע יאָרן אויסגעשעפּט. איר האָט געפעלט די מיטווירקונג פונם אינטעלעקט, וואָס וואָלט מיט דער הילף פון זיין ענערגיע און אָנשטרענגונג געפונען דויערהאַפטיקייט.

אין יענע לידער, וואו זיין אימפּעט האָט ניט פאַרפלייצט דעם אינהאַלט, וואו די קלאָרקייט האַלט איין די קערנדיקייט, אַנטפּלעקט זיך ראָזענפעלד ווי אַ זעלטענע קלאַסישע דערשיינונג אין דער אידי־שער דיכטונג. ער טראָגט דורך דאָס טיטאַנישע אין אים אין אַ

שוואונגיקער טעמפּאָ, ברייטן פאָרנעם און פילבאַדייטנדיקן, קרעפטיקן טאָן.

„שטיי אויף, אָ, מוזע! זינג מיין ראַנג;
מיין ווערט ביי אידן און ביי שקלאַפן!
באַלייכט דעם קוואַל פון מיין געזאַנג!
אַנטפּלעק די סודות פון מיין שאַפן!

דערציייל דער וועלט און זאָג איר אָן!
זי זאָל דעם גרויסן אמת וויסן:
ווי יעדער קלאַנג, ווי יעדער טאָן
עס האָט זיך פון מיין ברוסט געריסן.

דערקלער פאַרוואָס איך האָב געוויינט!
זאָג אויס פאַרוואָס איך פלעג זיך פרייען!
דען דו נאָר האָסט אין מיר פאַראייגט
די גרעסטע פריידן און די וויען.

דערציייל פון וואו עס שטאַמט מיין כעס
און וואָס עס האָט מיך אָפט דערביטערט,
אַז ניט קיין שטימונג משוגעת
האָט מיך גערייצט און אויפגעציטערט.

איך האָב געטריי געפאָלגט דיין רוף,
מיין הימלס הייליקע נחמה! —
עס האָט נאָך קיינמאָל ניט דער גוף
באַהערשט דעם שוואונג פון מיין נשמה".

(פון ליד „פאַרוואָס איך בין איך“)

אָדער

„טוט אָן די מאַסקעס! קומט צום באָל
אַוואו די טענצער שוועבן
און פאַרמאַסקירט זיך כאָטש איין מאָל
אין מענטשן וועלכע לעבן".

(אויף אַן ארבעטער מאַסקן־באָל)

אָדער

„מיט הימלס פייערדיקע פערד —
אין מאָרגנס רייטוואָגן געשפּאַנט
פּאָרט אָן דער טאָג און וואַרפט אויף דר'ערד
אַראָפּ זיין שטראַלנדן געוואַנט"

(מאָרגן)

אָדער

„צו ווינציק אייזן אין דער ערד,
צו ווייניק פלאַקס אויף אירע בייטן,
צו מאַכן שטריק און ביקס און שווערד
אַ פאָלקס באַפרייער אויסצוטייטן.

דער גייסט ווערט קיינמאָל ניט פאַרלענדט,
עס קאָן די גרוב אים ניט פאַרשלינגען.
די תליה איז זיין מאָנומענט,
פון וועלכע יונגע דורות זינגען."

(פרייהייטס אייביקייט)

זיין שטורמדיקע ענערגיע איז געווען זיינע אַן אינדיווידועלע איינגעשאפט, זיין מעלה. דער חסרון אָבער פון זיין אומקריטיש־פּרימיטיוון אופן פון באַהאַנדלען זיין מאַטעריאַל ליגט אין זיין סביבה, אין זיין קלאַס, וואָס איז געווען באַרויבט פון וועלכע ניט איז קונסט־קולטורעלע מעגלעכקייטן. האָט דען ניט געהערשט דעמלט דער באַגריף, אַז פאָרם איז אַן עסטעטישע, ד. ה. אַ דרויסנדיקע און אַן אומנויטיקע קאַטעגאָריע?

טראַכטן וועגן דער ענערגיע פון קריסטאַליזאַציע און וועגן דעם אָנשטרענג צו באַהערשן דעם מאַטעריאַל איז געווען פאַר ראָזענפעלדס סביבה אַן אוממעגלעכקייט און אַן אומבאַוואוסטע דערשיינונג. די אוממעגלעכקייט איז געלעגן אין דעם מצב פון דעם אידיש־עמיגראַנטישן לעבן אין אַמעריקע אין דער צייט פון ראָזענפעלדס פּאָעטישן אויפבלי. די „שוויץ־פאַבריק"־סיסטעם איז געווען דער באַזיס פון דעמאָזיקן לעבן אין אַ ברוטאַלער וועלט פון דאָלער, פויסט און ווילדער שוינדלאָזיקייט. דאָס רויע אין לעבן איז אַנגענומען גע־

וואָרן ווי דאָס פּאָזיטיווע און, נאַטירלעך, — דער רעוואָלט קענן דער רויקייט האָט ארויסגעפירט פּראָבלעמען פון עטישער דערהויבונג אין דער געשטאַלט פון אַ שטאַרקער אַרבעטער באַוועגונג און פּרעסע. דאָס פּרימיטיווע, סיי אין מיטלען און סיי אין קאָנצעפּציעס, איז אָבער אַלץ פאַרבליבן דאָסזעלביקע ביי די דעמאָלטיקע אידיש־עמיגראַנטישע אָנזאָגער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

עסטעטישע פּראָבלעמען זיינען פאַר זיי געווען, און לײדער פאַר־בליבן ביז איצט, אַן אומבאַוואוסטע קאַטעגאָריע. די געשטאַלטונג פון פאָרם אין די ערשטע אידיש־אַמעריקאַנער פּאָעטן איז, פאָלגלעך, גע־ווען אַ זעלטנקייט. דעריבער האָבן אורשפּרינגלעכע כוחות, וואָס האָבן געדרעמלט אין דער פּאָעזיע, זיך ארויסגעריסן, אָן זייער שולד, מיט אַ כאַאָטישן איבערפלוס פון עמאָציע און מיט אַן ענערגישער שלאַבעריקייט. דער באַגריף פון העכערער אָרדענונג דורך אָנונג האָט פאַר זיי ניט עקזיסטירט.

די אַלע אומגינסטיקע באַדינגונגען פון ראַזענפעלדס שאַפונג־וועג, וואָס זיינען, אגב, ענלעך צו די תנאים פון אַ גרויסן טייל איצטי־קע דיכטער, דערקלערן בולט זיין אומגעשטערטן, ניט קולטיווירטן פאַנאַנדערפלאַקער.

„אַ קראַנקער שקלאַף, צעדריקט, פאַרלענדט,
מיט עלנט און מיט צער אומגעבן —
האָב איך נאָר יאָמערן געקענט
מיט ווי אויף אַ געשטאָרבענעם לעבן.

איך האָב דעם שענסטן וואַלד פאַרלאָזט,
דעם שענסטן טייך, דעם שענסטן הימל,
איך האָב געזשאַווערט און געגראָסט
אין דעם פאַרפלוכטן שקלאַפן־שימל.

— — — — — — — — — — —

עס האָט דעם טרייבערס ווילדער גוואַלט,
די נויט מיט אירע ביינער־פינגער,
צעדריקט מיין קראַפט, געמאַכט מיך אַלט,
געמאַכט מיך פאַר אַ קברים־זינגער.

— — — — — — — — — —

וואַד אויף מיין יוגנט איין מינוט!
דערוואַך! מיין לעבנס גרעסטער קרבן,
און זאָג! וואו ליגט דיין יונגעס בלוט,
זאָג! ביסטו ניט אין שאָפּ געשטאָרבן?

— — — — — — — — — —

יאָ, דו מיט דיינע פריינד אַ סך,
עס האָט אייך פרי דער טויט געפאַנגען
און איך אַליין, אַליין נאָר, אַך!
בין נאָך די מתים נאָכגעגאַנגען.

— — — — — — — — — —

אָ, ניט קיין צוקוקער געווען
בין איך צו דעם באַרויבטנס קלאָגן,
דאָס איז מיט מיר אַליין געשען,
אַליין די אומגליקן געטראָגן.

— — — — — — — — — —

כ׳האָב יעדן טאָג אַ שטיק פון זיך
געמוזט באַוויינען און חערש׳טיקן,
אַזוי בין איך געוואָרן איך,
דער דיכטער פון די שוויץ־פאַבריקן.

(פאַרוואָס איך בין איך)

ווי דיכטיק עס זאָלן ניט זיין די דערקלערונגען, וואָס רעכט־פאַרטיקן אונדזער דוחק אין קונסט־פּראָבלעמען, בלייבט דאָך דער רויער באַגריף וועגן קונסט אַ גילטיקער ביי היינטיקן טאָג. סיי פאַר ראָזענפעלדן און סיי נאָך אים האָט דאָס צופעליקע געהערשט אין דער אידישער פּאָעזיע. דערפאַר האָבן זיך טראַדיציעס פון פרעמדע לי־טעראַטורן, ווי אויך פון אונדזער אייגענער, ניט אויסגערייפט צו אַ געזינונג, נאָר האָבן זיך געטראָגן ווי היסטעריש־אייפערדיקע גע־וויסערס.

דער באַגריף וועגן „גבורה" אין אונדזער ליטעראַטור קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל. איז עס ניט אַ כאַראַקטעריסטישער באַווייז פון אומ־

רייפקייט, ווען ס'ווערט אָנגענומען, אַז גוואַלדנדיקע און ליאַרעמדיקע איבערגוסן דריקן אויס כוח? דאָס הילכיקע וואָרט און שטאַרקע פּראָזירונג איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר גבורה. דאָס האָט געשאַפן אָפּשיי פאַר דעם פּרימיטיוו. דער אויסלייז, דערגרייכט דורך גייסטי־קער דיסציפּלין, דורך ריינקייט, שפּאָרעוודיקייט און דורך הויכער שכלדיקייט, האָט ווייניק וואָס באַדייט. נאָר דאָס רויע, דאָס אומ־פּינקטלעכע, דאָס כאַאָטישע, וואָס איז אין דער אמתן לויז און שוואַך אין באַצווינג, האָט אויסגענומען. דאָס געברויכן דאָס שטאַרקע וואָרט און „גבורהדיקע" פּראָזע — איז דאָס ניט די שטענדיקע פאַרגיטיקונג פאַרן שוואַכקייט־קאָמפּלעקס פון די „גבורהדיקע"?

די ליאַרעמדיקע טעמפּאָ און די אומגעלומפּערטקייט פון דעם רויען מאַטעריאַל שאַפן אָפּטמאָל דעם פאַלשן איינדרוק פון גבורהדי־קייט. דאָס דירעקטע וואָרט און דער עצם־אויסדרוק פונם מאַטע־ריאַל ווערן דאָ פאַרלאָרן. ס'איז פּונקט ווי מיר וואָלטן הערן לײדנ־פולע ווערטער פון אַן אַקטיאָר, וועמעס שפּילן צווינגט אונדז; אָבער ניט דורכצולעבן צוזאַמען מיט אים דעם וועזנטלעכן פּראָצעס פון לײדן. מיר הערן און מיר זעען די שאָלעכץ, אָבער מיר פאַרנעמען ניט דעם קערן, וואָס זוכט אין אונדז, די צושויער און די צוהערער, זיין עקוויוואַלענט.

דער קערן, אין דער פאָרם פון אַ פאָלקאָמען אויסדרוק, זוכט אויך באַהעפטונג, דורכגייענדיק דעם זעלבן שטח, — נאָר דער פּראָצעס איז אַ פאַרקערטער: איינדרוקן טרעטן אַרוים פון דעם אויס־דריקער און באַווירקן דעם צושויער. דער לעצטער באַגרייפט די איינ־דרוקן דורך זיין אַלגעמיין וויסן, מיט דער הילף פון קונסט־קולטיווי־רונג און אורטייל פון פריער דערוואָרבן. אורטייל איז, אייגנטלעך, אָפּקלויב, געדאַנק און ראַפינירונג. דער אינערלעכער פייער פון דעם פּרימיטיוו איז אין דעם פּראָצעס ניט פאַרלאָשן געוואָרן, ווי טייל וואָלטן מיינען. נאָר אפשר פאַרקערט, ער איז געוואָרן פאַרשטאַרקט, קלאָרער און דערהויבן אין דעם שאַרפסטן רעליעף.

ביי ראָזענפעלדן איז די „שטאַרקייט" ניט געווען קיין מאַניער ווי ביי אַנדערע „גבורהדיקע". ביי אים איז דאָס געווען אַ וואונדנ־

דיקער דראנג, א טראגישע אויפריכטיקייט און א ספאָנטאַנער אויס־ברוך.

דער קינסטלער אין אים האָט געפילט די ניט־באַפרידיקונג פון פולן אויסלעב, וואו אינהאַלט און פאָרם זאָלן געפינען תיקון אין שוואונגיקן פאַרנעם, ברייטן טעמבער און גרויסע דימענסיעס. ראָזענפעלדס פּאַטעטישער אָנשלאָג, וואָס שטויסט אַרויס זיין הייסן טעמפּעראַמענט אין אַן אימפּעטיקער באַוועגונג, איז „האַס און צאָרן". דערדאָזיקער עלעמענטאַלער אויפרייס שלאָגט זיך צונויף מיט זיין קינסטלערישער ניט־דערפולונג. דער שטענדיקער הויפּט־אויסגעשריי אין זיין וואונדנדיקן דראַנג טראָגט זיך פאַנאַנדער מיט טראַגיזם און שרעקלעכקייט. אומבאַגרענעצטע, געפינען זיינע „בלינדע אינסטינקטן" דעם פולן גאַנג. זייער אימפּעט פאַרשלינגט אפילו די מעטאָדן זיינע און פאַרכליניעט זיין מאַטעריאַל. האָט ראָזענפעלד אַליין דאָס פאַרשטאַנען? ניין, ער האָט געלאָזן זיינע „בלינדע אינסטינקטן" שטאָלץ און טראַגיש צו באַשטעטיקן:

„נאָר יענער מוראדיקער קוואַל
קלינגט פאָרט אין מיינע לידער
און הילכט און רוישט, און ברומט און קראַכט,
און וואַרפט אַ פּחד אויף דער נאַכט."

(פאַרוואָס איך בין איך)

אין אַזאַ פאַל מוז דער מעטאָד ניט זיין קיין זייטוועגיקער, נאָר פון דירעקטן וועגד, פון נאַקעטער אויפריכטיקייט. אין מאָמענט פון איבערברוך, אונטערן שטראָם פון אַ קעגנזייטיק געפיל, פירט דערדאָזיקער מעטאָד אַרויס אומדערוואַרטנדיקע ניואַנסן. דאָס זיינען אַלץ קערנדיקע עלעמענטן און וויכטיקע אָנשלאָגן פון אימפּולס, וואָס ווערן אָבער, ליידער, אָפּגעשוואַכט אין זייער לויף.

ראָזענפעלדס דירעקטקייט פאַלט דעריבער אָפט אַריין אין אַ לעבנלאָז פלאַך בילד, דערהויבן בלויז דורך דעם אויפריכטיקן טאָן און דורך דער ריטמישקייט ווי צ. ב.,

„איך קרעכץ און הוסט און פרעס און קלער,
מיין אויג ווערט פייכט, עס פאַלט אַ טרער,
דער אייזן גלי׳ט: — דאָס טרערל מיין —
דאָס קאָכט און קאָכט און זידט ניט איין.
— — — — — — — — — — —
אָ, שטומע טרער, אָ, שטומע שפּראַך!
זאָג, האָב איך דיינע נאָך אַ סך?
צי דו ביסט שוין די לעצטע היינט,
פון אַלע מיינע הייסע פריינט?

ביסט אפשר גאָר אַ קוריער,
זאָגסט אָן מיר, אַז עס קומען מער?
איך וואָלט עס וועלן וויסן, זאָג:
ווען ענדיקט זיך דער גרויסער קלאָג?
(אַ טרער אויפן אייזן)

דער דירעקטער אופן פון באַהאַנדלען דאָס בילד און דאָס וואָרט דאַרף דאָ ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ מעטאָד פון רעאַליסטן אָדער נאַטוראַליסטן, וואָס ווילן אויסדריקן און באַווייזן זייער מאַטעריאַל פּינקטלעך ווי זיי זעען אים. ראָמאַנטיקער קאָנען אַנלאָדן זייער אויסדרוק מיט אַ שיין, אַ סך אַ טיפערן פונם פּשוטן מיין. זייער מעטאָד פון אַרויסברענגען זייער פילגראַניק וואָרט און דעם אינערלעכן ווערט פון זייער בילד קאָן זיין נאָך אַ מער דירעקטער. ביי די ערשט־ראַנגיקע קינסטלער־ראָמאַנטיקער איז דער דירעקטער מעטאָד אפילו אַ מוז, אַ נויטווענדיקייט. ראָמאַנטיקער איז בלויז שווערער צו דערגרייכן דעם דירעקטן מעטאָד דערפאַר, ווייל זייער בילד, אין דער גאַנצער אָנגעעריקייט צו נאַטירלעך־רעאַליסטישע ווירקלעכקייטן, איז אַן עטערישע זעאונג.

פאַר ראָזענפעלדן איז דער מעטאָד פון דירעקטן צוגאַנג געלעגן צונעגרייט אין זיין רעאַליזם. ראָזענפעלד איז געווען איינגאַנצן פאַרטראָגן מיט דעם שטראָם פון סוביעקטיווע איבערלעבענישן און באַטראַכטונגען. זיין טעמפּעראַמענט האָט נאָך צוגעגעבן מער טראַגישעס דערמיט, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אָפּווייכן פון דער ווירקלעכ־

קיים און זיך אריבערטראָגן אין אַ וועלט פון טרוימען. זיין אומ־דערמידלעכע רויע שטראָמיקייט האָט אַנטפּלעקט דאָס טראַגישע אין דעם סאַמע גאָענטסטן און גשמיותדיקסטן פון אונדזער לעבן. אָן שום לייזונגען אָדער אפילו מיסטישע פאַרענטפערונגען האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין זין אין דער זינלאָזיקייט פון זיין וועלט. פאַר ראָזענפעלדן האָט זיך די זינלאָזיקייט און דער ווילקיר באַוויזן אין דעם שוידערלעכן לעבן פון דער „שוויץ־פאַבריק" און פון זיין פאָלק, וואָס האָט, אייגנטלעך, געמיינט — אין זיין אייגן לעבן. דער מאַטע־ריאַל פון זיינע לידער האָט זיך שטענדיק געפונען אַרום אים, און דערדאָזיקער אָפּטער באַריר האָט אַרויסגעצוואונגען אויף אים דעם דירעקטן אָנגעם און דעם דירעקטן אַרויסשטעל.

ראָזענפעלדס סאַטירע און עפּיגראַם, פול מיט לעבן־חכמה, באַ־שטעטיקן זיין פאַרוואָרצלונג אין דער ווירקלעכקייט. אומברחמנות־דיקע סאַטיריקער און לעבן־קלוגע, אָן דעם ראָמאַנטישן באַדויער, אָן אַ חוש פאַר הומאָר, אָן דעם פאַרדאַכט פון דער מעגלעכקייט זיך אַליין צו דערזען אין דעם שפּיגל, זיינען באַאַבאַכטער אָן זעאונגען, אָן פאַרשטעלונג־קראַפט. דאָס געזעענע איז בײַ זיי דאָס אומצווייפל־דיקע און דאָס פאַקטישע. זייער געדאַנק שפּרייט זיך אויס פון דעם אַבסאָלוטן אויף יעדן דעטאַל, אויסגעדריקט אין איטלעך סאַטיריש ליד און עפּיגראַם. גאָכמער, זיי זעען שטענדיק אַ רעטונג פון דעם גאַנצן לעבן דורך אַ דעטאַל. דאָס ניט קאָנען אייגזען דעם אינערלעכן ווערט פון דערשיינונגען, גילט אין זייער זעלבער מאָס פאַר בענטשן אַזוי גוט ווי פאַר שעלטן פאַסירונגען. דער אונטערשיד ליגט נאָר „אין יענעמס אָרט, וואו עס נוצט קיין איידל וואָרט".

„די מענטשלעכע משפּחה
מוז האָבן אויף זיך אַ רוט,
צו בלייבן ערלעך, ריין און גוט".

ער האָט אין זיינע סאַטירישע לידער ניט גלאַט „דעם עולם אָפּ־געשמיסן" נאָר „גאָר פראָסט די הויט געריסן". ווי איבעראַשט ער פלעגט עס ווערן, ווען אָפּשמייסנדיק און שינדנדיק אַלעמען, פון דעם רבין מיט די נביאים, אַראָפּ ביז צום פּשוטן עולם און דעם

בעדער, האָט ער געמוזט אויסהערן קאָמפּלימענטן פאַר זיין ארבעט פון יעדערן פון זיי. ער האָט געמוזט דערביי ביטער איינזען, אַז קיינער טראַכט ניט אַז דאָס האָט מען אים געמיינט. זיין „אומ־מאָראַלישע מאָראַלישקייט" פרעגט ניט אָפּ סיבות און ווירקונגען פון לערנען דורך שינדן. האַלטנדיק זיך אָן דער תיכפדיקער ווירקלעכ־קייט פון זאַכן, בלייבט ער פאַרטרויערט און אומגליקלעך.

„איך האָב פאַרוואונדט מיין גאַנצע מאַכט
און ליידער פילט דאָס קיינער".

(אומזיסטע כוחות)

האָט דאָס ניט דערפירט דעם וואולקאַנישן ראָזענפעלדן, דעם קינסטלעריש־אומקולטיווירטן, צו פאַרביטערטן ציניזם? ליגט ניט די סיבה אין דעם, וואָס דידאַקטיקע וואולקאַנישע נאַטור קאָן ניט געפינען קיין שטיץ־פונקט און זיין אימפּעט רייסט זיך דורך ווי לאַווע? ברענגט עס דען ניט אַזאַ ענערגישן כוח צו פאַרצווייפלונג, ווען ער קאָן ניט אויסחלומען אפילו אַ במקום שטיץ־פונקט אין זיין טרוימען־וועלט? וואָרן דאָס פאַר אים אַבסאָלוטע, אין זיין פאַל די דרויסנדיקע ווירקלעכקייט, פילט ניט זיין „מאַכט", און פאַרלירט דערפאַר אין זיינע אויגן דעם גאַנצן זין.

אין זיינע ליבע־לידער, — וואו דער מאַטעריאַל און סענטימענט שאַפן דעם אָפּשיין פון אַ פאַרפיינערטער דיסטאַנץ, אילוזיע און אפילו פון טראַנסצענדענטאַליזם, — פאַרבלייבט ראָזענפעלד גשמיותדיק אין תוך. ער באַנוצט די דורכשניטלעכע עלעמענטן פון די ליבע־לידער פון זיין צייט, ד. ה. דעם אַלגעמיינעם עפּיטעט, וואָס איז, נאָך יענער צייט נאָך, געווען דאָס „שיינע" וואָרט און דער אויס־דרוק פון „שיינעם געפיל".

ווי ער ווייזט אָן אין דער פאָררעדע פון „דאָס בוך פון ליבע", האָט ער געוואָלט אויסמיידן די שאַבלאָנען פון זיין צייט, „די נע־מאַכטע, צוגעקלערטע, פּאָפּירענע" ליבע, די „מאַכערייקעס", „אין וועלכע מאַנכע שרייבער האָבן סתם געדעוועט „איך ליב דיך", „איך שטאַרב פאַר דיין פּנים" און אין וועלכע „מאַנכע זיינען גאָר פאַר־קראָכן צו פיל „אָן אַ זייט", מיינענדיק, אַז דאָס איז ליבע..." ראָזענ־

פעלד איז אין זיינע ליבע־לידער ניט פאַרקראַכן „אַן אַ זייט“; נאָר צוליב זיין רויער סענסיטיוויטעט און „אמתע, דורכגעלעבטע“ עלע־מענטאַלע געפילן איז ער פאַרבליבן גשמיותדיק, רעאַליסטיש, דירעקט. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם תיכּפדיקן און נאָענטן, ד. ה. פון די שאַבלאָנען פון זיין עפּאָכע.

„ביסט ניט צופרידן, הייסגעליבטע;
ביסט ניט צופרידן מיט דיין באַרוף
אַלס פרוי. דיך אַרט די גרויסע שאלה,
פאַרוואָס איך זוך נאָר ביי דיר דעם גוף.

דו נאַר! מיר פעלט ניט קיין נשמה,
איך קאָן פאַרטראָגן אָבער מערער לייב,
אַזוי ווי דו ביסט איצטער מיינע,
געפין איך דאָס ביי דיר, טייער ווייב!“

(ביסט ניט צופרידן)

ווערטער פאַר זיינע ליבע־לידער האָט ער געפונען אין דעם אומ־גאַנג פון דעם דעמאָלטיקן לשון: „הייסגעליבטע“, „בלום“, „קושן געטוישט“, „איך גלעט דיינע שיינע לאָקן“, „פאַרשיכּורט פון הימלישן גענוס“, „געבענטשטע, איך האָב דיך ליב“, „די בעקעלעך דיינע ווי קוויטן“. נוצנדיק פּאַרטיקע ווערטער האָט ער דינאַמיש מיטגעריסן דעם שאַבלאָן. די קאָמפּענסאַציע דערפון איז: „שטאַרקע“ ווערטער און בילדער, מער דירעקטקייט און פאַרפלאַכונג. די פאָלגנדיקע שורות האָבן צ. ב., געמיינט צו זיין „שטאַרקע“:

„גענוג, דו מאַי, גענוג, ניט מער!
איר, פייגל, הערט אויף זינגען!
עס ווערט דאָס האַרץ מיר פיל צו שווער,
עס וויל אין ברוסט צעשפּרינגען.

איך וויל נאָר איינע שיין און פיין,
הערט אויף מיך מער צו וועקן!
זאָל איינע און אַ רעכטע זיין,
און ס'וועט מיר ענדלעך קלעקן“.

(אין פרילינג)

אַרעך:

„איך האָב מיין העלע נשמה אַריינגעפלאָכטן
אין דיינע שוואַרצע צעפּ די ריינע.
איך האָב דעם פויגל פון מיין פאַנטאַזיע געשאָכטן,
מיט אים באַפּוצט דיין הוט די שיינע.

איך האָב אַרויסגעריסן פון מיין האַרצן די בלומען,
געמאַכט אַ קראַנץ און אים געבראַכט דיר,
איך האָב די ליאַלקע פון מיין אויג אַרויסגענומען,
אַ שפּילקע פאַר דיין ברוסט געמאַכט דיר."

(מיינע מתנות)

אַרעך:

„ער קומט; די ליפּן איז גיך אָנזעען,
מאַכט אויף די טיר מיט זיסן גרוס,
און ער ברענגט גרייט פון אירעטוועגן
פון קוזינע מיט אַ הייסן קוש...

אַ קוש געשמידט אין האַרצנס פייער,
און גרויס און הייליק ווי די וועלט,
און ער דערלאַנגט דאָס זיין געטרייער,
און זי עמפּפאַנגט דאָס און זי קוועלט"

(אַרבעטער ליבע)

אַ סך לידער, בלויז אויסרעכענענדיק עטלעכע, ווי צ. ב., „לעבן און טויט", „חתן תורה", „בריסט", „אַ בוך", „אַן ווערטער", ווערן נאָר אָפּגעשוואַכט דורך די דירעקטע „שטאַרקע" ווערטער. די פלאַכקייט שטאַמט פון זיין אומשולדיקער וואולגאַריטעט.

אַ מאַטעריאַליסט, נאָך זיין אינהאַלט נאָך, און אַן עפּיקורייער, נאָך זיין ניט־אָננעמען דאָס ליידן אין לעבן, האָט ער ניט געקאָנט אַנטלויפן פון דעם אמת אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. זיין כוח איז אָבער געווען שטאַרקער און שוואונגיקער פון זיין ווירקלעכער וועלט, וואו דערדאַזיקער דראַנג האָט געקאָנט געפינען רחבות פאַר זיין פולן אויסלעב.

דערפאַר פלעגט זיין רעאַלע וועלט ווערן פון אים מיטגעריסן

אריבער אירע גרענעצן, וואו קיין עזאַטערישקייטן זיינען פאַר אים ניט געווען. דאָ האָט זיין קינסטלערישע אומקולטיווירטקייט, זיין טראַנישע אויפריכטיקייט און דאָס שפּיל פון „בלינדע אינסטינקטן“ אים ניט דערלויבט אָנהאַלטן דעם אָנשלאָג אין פולן אויסלייז.

זיין דירעקט־שאַרפע טעמפּאָ, מיט אירע ריטמיש־מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן, מיטגעריסן פון דער ליידנשאַפט אויסצודריקן זיך, האָט אָנגעלאָדן זיינע ווערטער מיט אַ פרישן, שלאָגנדיקן קוואַל פון פּשטות, וואָס איז אין זיין לאַנגן לויף אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיין העראָאישע טעמפּאָ איז פאַרלאָרן און פאַרפלאַכט געוואָרן. די פאַרפלאַכונג האָט זיך געוואָרצלט אין דעם מעכאַנישן אופן פון נאָכמאַכן זיך אַליין, שטיצנדיק זיך העכביי אויפן זיכרון. דאָס ליד איז, אין אַזאַ פאַל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געגראַמטער פּראָזע, ווי צ. ב.,

„אָ, דאַרף מען נ'ט רוען כאָטש איין טאָג אין וואָך,
אַ טאָג מער ניט פריי זיין פון שרעקלעכן יאָך ?
פאַרגעסן דעם באָס, דעם פאַרביסענעם מרוק,
זיין פינצטערע מינע, זיין שרעקלעכן קוק,
פאַרגעסן דעם שאַפּ און דעם פאָרמאַנס געשריי,
פאַרגעסן די קנעכטשאַפט, פאַרגעסן דעם וויי,
פאַרגעסן זיך ווילסטו און רוען דערצו ?
ניט זאָרג זיך, אָט באַלד וועסטו גיין אין דיין רו !“

(פאַרצווייפלונג)

„אונדזער פרוטה שטעכט די אויגן,
אונדזער עלנט זעט ניט קיינער.
אַך ! מיר אָרמע, אָרמע ווײנער,
אין אַ קנאה־לופט דערצויגן !
אויגן בליצן
ציינער קריצן,
אַלץ איז פיל,
וואָס מיר באַזיצן,
אַלץ איז פיל און קרענקט דעם וואָרים...
אַלץ חוץ אונדזירע פילע קברים.

(אַלץ צופיל)

זייט איך האָב זי אָנגעטראָפן
אין מיין וואַכן און מיין שלאָפן,
און מיין שלאָפן און מיין וואַכן
און מיין זינגען און מיין לאַכן
אָפּגעמעסטערט, אָפּגעשניטן,
וויי, ווי איך האָב זיך פאַרביטן!
ווער עס קוקט מיך אָן,
מוז אַ ציטער טאָן.

(פאַרליבט)

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד;
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינט,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט, —
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו געשעכטיקט ניט געטאָגט,
שטענדיק וויי, וויי, וויי,
שטענדיק גיי, גיי, גיי,
שטענדיק שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן,
כל זמן כוח איז פאַראַן.

(אַ גלות־מאַרש)

ראָזענפעלד לאָזט אָפּט אַרויס וואָקאַלן צוליבן וואוילקלאַנג און מעטריק־באַלאַנס, ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען, אָנשטאָט נאָכצוטראַכטן און איבערבויען די שורה. דאָס קאָן אפשר דערקלערט ווערן ווי א רעזולטאַט פון זיין האַסטיקייט בלויז אין יענע לידער, וואו דער טאָן איז א פּלוצים־דערהויבענער. אָבער אין לידער, וואו די דערהויבנ־קייט פן טאָן פאַלט, זעט זיך בולט זיין מעכאַנישער מעטאָד, וואָס מיסברויכט די „ליצענציא פּאָעטיקאַ“, ווי צ. ב.,

„לאָזט דעם וואַנד׳רער גריסן“ (ווידער זינג איך) ...
„מיט שענ׳רן רויזנגלוט“ (זי...)
„אַ בלומענקוסט מיט אָפּגעריס׳נע רויזן (פאַר דער חופּה)
„דער הייז׳ריקער גריל“ (נאַטור און מענטש)

„דעם הייליקן וואָרט אין באַגייסט׳רונג געדעדט" (נאַטור און מענטש)

„און אין מיטן ציט׳רען שופרות" (מתן תורה)

„זיי האָבן טיפע ג׳פילן" (קאָנצערט)

אינם לויף פון שטראָמיקער, איינפאַכער עלאָקווענץ, ווען זיין אינערציע טראָגט דעם אויסדרוק ביז אָפּשוואַכונג און צעברייטקייט, פאַלט זיין פשטות און וואָרט־באַדייט אראָפּ אין רויקייט, אראָפּני־דערנדיק אויך דעם מוזיקאַלישן שוואונג.

„דער טייך איז באַזילבערט און גלאַנצט אַזוי שיין,
עס טאַנצן די וועלן מיט זעלטענעם חן, —
אָ, דאָרט זיך צו באָדן ווי גוט מוז עס זיין!
ווי וואָלט איך מיט חשק אין וואַסער אַריין!
מיין גוף איז פון שרעקלעכע אַרבעט פאַרשוואַכט, —
ווי וואָלטן די בעדער מיך שטאַרקער געמאַכט! —
אָ, באָדן זיך ווילסטו, זיך וואַשן אין טייך?
ניט שרעק זיך, מען וועט דיך אַרומוואַשן גלייך!"
(פאַרצווייפלונג)

„פינצטערע געדאַנקען וועקן,
אין מיין בוזים טיפע שרעקן,
דענקענדיק — אָ, שוואַרצער תהום!
דענקענדיק, אַז אונדזער לעבן,
האַנדלען, וואַנדלען, ווירקן, שטרעבן
איז אַ שאָטן בלויז, אַ טרוים!

— — — — — — — — — —

אָ, פינצטערע אומענדלעכקייט!
אָ, שטומע אומפאַרשטענדלעכקייט!
בלייבט אומזיסט מיין דענקען נאָר?
אַלץ דערהרגעסטו, דערשלאָגסטו, ...
אַלץ פאַרשלעפסטו, אַלץ פאַרטראָגסטו,
שטילער גאָרניט, — שטילער גאָר!"
(דער אייביקער סוד)

די מעכאַנישע און זיכרון־אַרבעט איז ביי ראָזענפעלדן אַן אָפּ־געשוואַכטע אינערציע, אַ באַוועגונג פאַרלאַנגזאַמט פון פריערדיקן אַי־בערפלוס און שפּעטערדיקער מידקייט. אין אויסדרוקן, וואו דער מאָטיוו איז צאַרטקייט, איז די דיסהאַרמאָניע צווישן דעם אינטימען און אומשולדיק־פּראָסטן אַזוי אומדערוואַרט, אַז עס דוכט אויס ווי מען הערט אַ געקינצלטע נאָטע.

„גיב מיר דיין שיינינקע
הערצעלע ריינינקע,
נעם מיך אַרום !
— — — — — — — — — —
דיר דיינע בליענדע
ליפּעלעך, גליענדע :
קוש מיך, מיין קינד !
— — — — — — — — — —
הייליקייטס קרוין ביסטו,
הימלס פּאַרשוין ביסטו,
זיסע פיגור !"

(צו דער פּאַסטושקע)

האָבנדיק אין זין ראָזנפעלדס אומגעהובלטע געצייג, דירעקטן מעטאָד און נייגונג צום פולן און ברייטן אויסדרוק, קאָן מען איינזען, אַז זיינע צאַרטע געפילן ווערן ניט פאַלש אויסגעדריקט, נאָר זיי ווערן נים דערהויבן. זיי זיינען ניט אויסגעלייזט פון אַן אומשולדיקער וואולגאַריקייט.

פונקט ווי זיין וואָרט, פשטות און אויפריכטיקייט, האָט אויך זיין פּראָטעסטאַנטישער, צייטנווייז פייערלעכער און הערואישער, מאָן געליטן. נידערנדיק, האָט ראָזענפעלדס זעלטענער שוואונגיקער מאָן זיך אויפגעלייזט אין רעטאָריק און אין אַ שאַבלאָן־פּאָעטישן ווענד, ווי צ. ב.,

אָ, פרעג ווי זעט אויס זייער היים וואו זיי קומען
ביינאַכט, ווען די פינצטערע רעדער פאַרשטומען !
אָ, פרעג וואָס זיי טוען אין צייטן פון דאַרבן : —

אין צייטן פון סלעק, יאָ, די צייטן פון שטאַרבן!
אָ, פרעג ווער האָט שולד אין דעם עלנט דעם שווערן
און פעלט זיי באַוואוסטזיין, — זאָלסטו זיי דערקלערן!"

(די איינשווערונג)

און זיין גויטוועגדיקער מעטאַפאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איבערבייטונג.

אויך די אומדערוואַרטע אַנדייטונגען פון באַשטימטע בילדער, קענגשטאַנדן און געדאַנקען, וואָס דאַרפן ערשט אַנטפּלעקט ווערן אין זייער וואַקסן און ווייטערער באַווירקונג, ווערן ביי ראָזענפעלדן אָפּגעשוואַכט. זיי פאַלן אונטער דעם שטראָם פון זיין טעמפּעראַמענט. דאָס לעצטע פאַרוואַנדלט די דיסהאַרמאָניע צווישן זיין מגושמדיקייט און דער רמזדיקייט פון מעטאַפאָר און סימיל — אין אַ גוזמא. אַזוי־נאָך ווערן פּרעכטיק־אויסגעהאַלטענע שורות, ווי

אָ, דו, אין וועמעס שטאַרקער זינגער־ברוסט
עס האָבן זיך צוויי אָפּגרונטן פאַרייניקט:
— — — — — — — — — — —
אין וועמעס וואונדער שטאַרקעס ליד מען פילט
די אַלמאַכט און די קראַפט פון דער נאַטור,
פּראָפעט, אומשטערבלעכער, איך גיב דיר לויב,
איך פאַל אין שטויב יעצט פאַר דיין שטויב און זינג."

(וואָלט וויטמאַן)

„מיט הימלס פייערדיקע פערד
אין מאָרגנס רייטוואָגן געשפּאַנט
פאָרט אָן דער טאָג און וואַרפט אויף דיר ערד
אַראָפּ זיין שטראַלנדן געוואַנט".

(מאָרגן)

„די תליה איז זיין מאָנומענט
פון וועלכע יונגע דורות זינגען

(פריהייטס אייביקייט)

„פאַרדאַמטע פּרעסערקע, אַ בייזע ערד,
וואָס דיין צערייצטע האַלדז שלינגט אַלץ אַריין
— — — — — — — — — —
און נאָר מצבות זאָגן וואָס דו האָסט פאַרצערט.
(ערד)

פאַרוואַנדלט אין אָפּגעשוואַכטע שורות ווי
„כ׳האָב ניט געוויינט צוליב געוויין,
מיין יעדער טרער האָט שטרייט פאַראַנט,
פאַרמסרט אַ באַהאַלטינעם מיין:
איך האָב געגאָסן מיט גראַנאַטן...
(פאַרוואָס איך בין איך)

„נאָר הינטער דער סצענע פאַרביסערט
מיט יאוש באַטראַכטנדיק דיך —
— — — — — — — —
כ׳האָב אין מיר געטראָגן די קוואַלן
און שטיל האָט געריגנט מיין בליק.
(טראַגעדיע)

„עס ציט׳רען דיינע בריסט ווי וועלן,
וואָס פון די טיפענישן קוועלן,
פון ווילדן, קאָכעדיקן שטראָם
(צו...)

(די אויבערשטע שורות זיינען אונטערגעשטראָכן פון מיר —
נ. ב. מ.)

דאָס אומבאַהאָלפענע ליידט ניט נאָר פון איבערטרייבונג. די אינטענסיווקייט איז אָפּגעשוואַכט, ווייל דאָס וואָרט האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון בילד. דער „גבורהדיקער" אויסדרוק פון אַ ניט־באַצוואונגענעם מאַטעריאַל רוקט אַרויס דאָס וואָרט ווי אַ שטאַמפּ, וואָס בלייבט אויפן אָרט פון בילד. דאָס בילד איז ניט אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרן, די שטריכן ניט דייטלעך געצייכנט.

באַווירקן אונדזער פאַרשטעלונג־קראַפט דורך אימאַזשן פאָדערט

פריער פאר אלץ געבורט און עקזיסטענץ פון אימאזשן. דער פּראָצעס פון זייער אויפלויכט אין אויסדרוק ווערט געהאָלפן און באווירקט דורך דעם צושטאנד פון מעדיטאַציע. וויזיאָנערישע און טרוימערי־שע עלעמענטן ווערן ביי אומשטענדן פון איילעניש און אימפעט ניט אנטוויקלט אין א בילד. אפילו קאַליידאָסקאָפּישקייט איז בליציק בלויז אין איר אויסדרוק־רעזולטאט, אָבער ניט אין דעם פּראָצעס, וואָס פירט צום אויסדרוק. פון אזא ניט דערלייזט בילד באקומט זיך א מין אַלעאָגראַפיע אָן אן אינערלעכן דינעם מוז־צוזאמענהאַנג:

„דער בעל־תקיעה גיט אַ בלאָז;
עס פאַלט אַ טריבעס וועטער,
עס וועלקט אין פעלד דאָס יונגע גראָז,
דער בוים פאַרלירט די בלעטער".

(אלול־מעלאָדיען)

ניט די „שוויץ פאבריק", ניט די קולטורעלע ניוואָ פון דעם אי־מיגראַנטישן לעבן, און ניט זיין האסטיקער שוואונג האָבן געשאפן פאר ראָזענפעלדן די מעגלעכקייט צו קולטיווירן אין זיך דאָס קינסט־לערישע באוואוסטזיין, מיט וואָס די אידישע ליטעראַטור קאָן בכלל ניט צופיל שטאָלצירן. דאָס צופעליקע און ניט דאָס פּינקטלעכע האָט געהערשט אין דעם דיכטער, אין דעם גאַנצן פּראָצעס, וואָס פירט פון זיין איינדרוק ביז צו זיין אויסדרוק. אפילו אין דעם אויסקלייב פון א מאָדעל, פון א מייסטער פאר זיך, האָט זיך מער געמערקט די נייג־גונג צו ווייניק־מעטאָדישע ראָמאַנטיקער און ניט צו יענע געצאמטע, וואָס האָבן אליין דערפונען א נייעם מעטאָד און אים פּינקטלעך אָנגע־ווענדט. ראָזענפעלדס נייגונג צו היינען האָט אים ווייניקער געשאָדט אין זיינע ענג־אינדיווידועלע מאָטיוון, ווי אין זיינע כלל־מאָטיוון. צווישן דעם היינעש־אינדיווידועלן און ראָזענפעלדישן אינדיווידועלן מאָטיוו האָט זיך ניט געקאָנט באוויזן, צוליב דער ענלעכקייט, אזא דיסאָנאַנס, ווי דאָס האָט זיך באוויזן אין ראָזענפעלדס כלל־מאָטיוון.

פאַנאַנדערטיילן מאָטיוון אויף געזעלשאַפטלעכע און אינדי־ווידועלע, אויב דאָס איז בכלל מעגלעך, איז זייער א שווערער און ספּעקולאַטיווער ענין. עס לאָזט זיך אפשר אָנעמען די השערה אַז:

אַן אינדיווידועלער מאָטיוו איז אַן אויסדרוק פון ענג־סוביעקטיווע איבערלעבונגען, נים פּאַרטיפּט צו אור־שפּרונגלעכע עלעמענטן און נים דערהויבן צו אַן אַלגע־מיין־מענטשלעכער כאַראַקטעריסטיק;

אַ געזעלשאַפטלעכער מאָטיוו איז אַן אויסדרוק פון פּאַראַלגעמיינערטע איינהייטן, באַוויזן אין זייערע פאַר־שידענע לאַגעס.

צו די דערפאַלגרייכסטע מיטלען, וואָס פירן צום אויסדרוק פון אַן אינדיווידועלן מאָטיוו, קאָן מען צורעכענען:

דעם סוביעקטיוון אופן פון באַטראַכטן דערשיינונגען; דעם באַ־גרענצטן אָנשטרענג אין אויסוויילן און אין אויסשעפּן די טעמעס; געפילפולע לירישקייט; דעם קאַדענץ־טאָן; און די פּערזענלעכע רעאַקציע.

די דערפאַלגרייכסטע מיטלען, וואָס פירן צום אויסדרוק פון גע־זעלשאַפטלעכע מאָטיוון, זיינען:

דער וויוויסעקטירנדיקער אופן פון באַטראַכטן דערשיינונגען; פּינקטלעכקייט און פּרעציזקייט אין דעם אויסוואַל פון טעמע; די אָנשטרענגונג סיי אין דערנעענטערן די טעמע צו זיך און סיי אין שאַפן פּערספּעקטיוון, כדי קלאָרער צו דערזען די טעמע; אויסשעפּן די טעמע אין איר פולקייט; אָפּווייכן פון לירישער געפילפולקייט, קאָמפּאַקטער טאָן; פאָרמולאַטיווער אויסדרוק; די אומפּערזענלעכע האַנדלונג; און אָנווענדן די דריטע פּערזאָן.

די מאָדערנע דיכטער פונם ערשטן דור זיינען געווען געזעל־שאַפטלעך נאָך זייער „צייט־און־סביבה“ נאָך, אָבער נאָך זייער קינסטלערישער קולטיווירונג נאָך זיינען זיי געווען ראָמאַנטיש־סוב־יעקטיוו און פּרימיטיוו זעלבסט־צענטריש. די ווירקונג פון היינע און פון די רוסישע דיכטער פונם פאַריקן יאָרהונדערט איז אויף זיי געווען זייער שטאַרק. זיי האָבן זיך נים אויסגעהיט אינגאַנצן פון דעם פּלאָנטער צווישן די מעטאָדן און מיטלען, וואָס דער מאַטעריאַל האָט געפאָדערט, און דעם אויסדרוק, מיט וואָס זיי האָבן געוואָלט

אויסלייזן זייער מאַטעריאַל. יענע גראַדן, וואָס פירן זיי אַרויס העכער פון דעם דראַזיקן פּלאַנטער, זיינען די עדות וועגן דער מדרגה פון קולטיווירטקייט און פון באַוואוסטזיניקן צוגאַנג פון יעדן דיכטער.

אומקולטיווירטע דיכטער קאָנען זיך נאָך ראַטעווען פון דערדאָזיקער סתירה דערמיט, וואָס זיי נעמען אָן און מאַכן נאָך פּאַרטיקע מוסטערן פון זייער צייט. זיי פאַרלאָזן זיך, אַז אינסטינקט, וואָס ווערט פון זיי פאַלש פאַרביטן מיטן וואָרט אינטואיציע, וועט זיי שוין ווי ניט איז אַרויספירן פון אַלע שוועריקייטן, און אַנטפּלעקן דעם „טיפסטן" מיין און „העכסטע שיינקייט" פון זייער זעל. אין אַזאַ פאַל ווערן ווידערשפּרוכן און פּראָבלעמען ניט באַהאַנדלט און ניט געלייזט. עס ווייזט זיך ניט, דעריבער, קיין שום נויטווענדיקייט זיך אַנצושטרענגען, כדי פּטור צו ווערן פון אָפּשוואַכנדיקע איבערחזרונגען און שאַבלאָנען.

ווען די־דאָזיקע סתירה ווערט געטריבן פון אַזאַ הייסן טעמפּעראַמענט און ניט געצאַמטן דינאַמישן כוח ווי ראָזענפעלדס, איז אוממעגלעך צו לייזן אָדער דערהויבן דעמדאָזיקן ווידערשפּרוך צו אַ נייער קאָמבינאַציע. דער אויסדרוק ווערט אַרויסגעשטויסן פון זיינע אינערלעכע מוזיקאַלישע אייננשאַפטן, פון פינקטלעכן בילד און טיפערן צווישן־ווערטער־אַנדיים. אַזאַ אויסדרוק ווערט פאַרוואַנדלט אין רעטאָריס, אין פּראָזע וועגן בילד און אין פאַרפלאַכטן רעאַלן מיין פון וואָרט.

אין קאָלעקטיוויסטישע און אויך אין סימבאָליסטישע מאָטיוון פאָדערט דער פּראָצעס צום אויסדרוק אַ סך אַ ווייטערע און קלאָרערע דיסטאַנץ צו זען דאָס לעבן פונם אָביעקט, ווי דאָס פאָדערט דערזעלבער פּראָצעס אין מאָטיוון ענג־סוביעקטיווע. דערדאָזיקער פּראָצעס פון פאַראַלגעמיינערטן אויסדרוק ווערט דערגרייכט פון יענע דיכטער, וואָס קאָנצענטרירן אין זיך דעם טיפערן סך־הכּל פונם קאָלעקטיוו, ווי אויך פאַרשידענע גראַדן און שאַטירונגען פון דערשיינונגען. דער רעזולטאַט פון זייער אויסדרוק איז אַ קאָמבינאַציע צווישן:

זייער קינסטלעריש באַוואוסטזיין, אין דעם פאַל, דעם קאָנצענטרירטן סך־הכּל;

דעם עמאָציאָנעלן אימפּעראַטיוו, און
דעם אומפּערזענלעכן בילד און אָנדייט.

אזוינאַך ווערט דער אויסדרוק, אין מאָטיוון קאָלעקטיוויסטישע אָדער סימבאָליסטישע, אַ פּאַראַלגעמיינערטע ווירקלעכקייט. ער איז אַן ארויסגענומענער פון דעטאַלן, און דערהויבן, דורך קאָנצענטרירונג, צו אַ בילד אָדער וויזיע פון אַ געוויסן מאָמענט, טייל; אָדער פון אַ געוויסער עפּאָכע, גרופּע, קלאַס, פאָלק אָדער ראַסע.

די כלל־מאָטיוון אין דער אידישער פּאָעזיע פון דער השכלה און פון ראָזענפעלדס פּעריאָדע ווייזן ניט אָן אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן פון באַטראַכטן אָביעקטיוו: סיי פראַגמענטן פון אַ מעגלעך עפּאָכע־בילד, און סיי אַן ארויסטויכנדיקע כלל־פאָרמולע. זיי דייטן אויך ניט אָן אויף קיין שום ממשותדיקע קונסט־פּראָבלעמען אין שייכות מיט דער עפּאָכע און דעם כלל. ביידע זיינען באַטראַכט געוואָרן פון אַ קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט און קיינמאָל ניט ווי מאַטעריאַל פאַרן קינסטלערישן אויסדרוק. דאָס האָט געלאָזן פלאַץ פאַר סותרדיקע, צופעליקע אויסדרוק־מיטלען פון אַ באַשטימטן ראַציאָנאַליסטישן געדאַנק. געמערט האָבן זיך: איבערחזרונגען, אַגיטאַציעס אין גראַמען, קלישע־אויטאָמאַטישקייט, און סענטימענטאַלקייט.

ראָזענפעלד האָט געגלויבט, אַז זיין פּאָעטישע שליחות איז דאָס, וואָס די „צייט און סביבה" האָט געפּאָדערט. זייענדיק אָבער אַליין אימפּולסיוו אין זיין אויסדרוק, האָט ראָזענפעלד ניט געשאַפן קיין קאָלעקטיוויסטישע לידער, וואו דעטאַלן ווערן פאַראַלגעמיינערט אין הויפּט־סך־הכלען. ער האָט געשאַפן בלויז אינדיווידואַליסטישע לידער. זיי זיינען ניט געוואָרן אויסגעקריסטאַליזירט אין סימבאָלן. זייערע דעטאַלן פונם קאָלעקטיוו זיינען ניט צונויפגעבריט געוואָרן אין קאַטעגאָרישע פאָרמולעס. אין זיי זעט זיך ניט דער כלל אָדער זיין אָנדייט. אין זיינע אַרבעטער לידער זעט זיך אַ געוויסער איינצלנער אַרבעטער און אין זיינע נאַציאָנאַליסטישע לידער אַ געוויסער איינצלנער איד.

אָפּילו יענע לידער, וואָס זיינען צופעליק געווען נאָכגעביקער מאַטעריאַל פאַר סימבאָלן און קאָלעקטיוויסטישע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, זיינען קיינמאָל ניט דערבראַכט געוואָרן צו זייער פולן אויס־

דרוק. דאָס זיינען ראָזענפעלדס באַוואוסטע לידער, ווי צ. ב., „מיין אינגעלע“, „דער בלייכער אָפּרייטער“, „אידישער פּנקס“, „משה“, „מיר זיינען פרייהייטס סאָלדאַטן“ און אַנדערע פון זעלבן שניט. גע־שטערט אין דעם האָט זייער דערציילערישקייט, אומפאָרמולאַטיווקייט אָדער געגראַמטע פּראָזע.

פון דעם קאָן מען זען, אַז דער טעמאַטישער מאַטעריאַל איז פאַר אים שטענדיק געווען קלאָר, און האָט אַפילו געהאַט אין זיך אַ געוויסן פּלאַן. אַ דאַנק זיין רעאַליסטישן באַנעם און פרימיטיוון אויסטייטש איז זיין מאַטעריאַל געלעגן אויבנאויף. דידאַקטיקע אויבנ־אויפיקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט האָבן אַפילו זיינע „בלינדע אינסטינקטן“ ניט געקאָנט צעשטערן. אין דער פאַרטיפונג אָבער פון זיין מאַטעריאַל, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטיין אין שאַפן און ארויסברענגען ניט די טעמע, נאָר די מיטלען מיט וואָס די טעמע דאַרף ארויסגעבראַכט ווערן, דאָרט האָט שוין פאַר אים קיין שום פּלאַנמעסיקייט ניט געדינט. אין אַזעלכע פאַלן ווערט ער אין מאָ־מענטן פון שטאַרקן אָנרעג געשטויסן פון זיינע „בלינדע אינסטינקטן“, און אין מאָמענטן פון אָפּפלוס באַנוצט ער זיך מיט זיינע איי־גענע שאַבלאָנען. אין ערשטן פאַל מערקט זיך אַ דיסאָנאַנס צווישן זיין פאָרם און שטאָף, און אין דעם צווייטן פאַל — מעכאַנישע אַרבעט.

פאַרלאָזנדיק זיך אויף אימפּולס און אינסטינקט, האָט ראָזענ־פעלד בלויז אין דריי פאַלן דערגרייכט זיין פולן אויסדרוק:

1) ווען זיין פּרימיטיווע דראַנגיקייט שוואַכט ניט אָפּ איר דינאַ־מישן כוח, און האַלט אָן די היץ פון זיין אורשפּרונגלעכן אָנרעג גלײַ־איך ביזן סוף פון ליד. אין דעם פאַל שעפּט־אויס דער צונויפשמעלץ פון אַלע אויסדרוק־עלעמענטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל. ער פאַרלירט ניט דערביי זיין ליניע און ער פאַלט ניט אַראָפּ פון איר, פון דעם אָנ־הויב ביזן אויסגאַנג־פונקט. דערדאָזיקער דויערנדיקער צונויפשמעלץ דערלויבט צייט פאַרן רעפלעקט, וואָס שאַפט אַ העכערן אָפּשיין פון אַ סימבאָל, אַ טיפערן מיין פון ליד, און אַ הויכן טאָן. האַלטנדיק זיך אויף אַ באַשטימטער גליאיקער מדרגה, פאַלט דער טאָן ניט אַריין אין רעטאָרישקייט, נאָר, פאַרקערט, לעבט זיך אויס אין פּאַטאָס און עקסטאַז.

דערהדאַזיקער פּאַטאָס און עקסטאַז, געשמאָלצן מיט דינאַמיש־קייט, דערמעגלעכט ראַזענפּעלדן צו שאַפן אַ וואַגיקע פּולקייט, ד. ה. אין זיין צייט אַ נייעם עלעמענט אין דער אידישער פּאָעזיע.

פ י י ע ר

ניט זינגט פון חופות! — הערט! אַ רעש,
אַ וויי, אַ קלאַג פאַרטומלט אַלעס.
חתנים זוכן אום אין אַש
מיט יאָמער זייערע טויטע כלות.

דער קלעזמער שווייגט... ס׳פאָרן צוריק
די פייער־וואַגנס — אַלץ פאַרלאָרן!
פאַרברענט די בלוטיקע פאַבריק,
צעשטערט אַ ים מיט יונגע יאָרן.

עס ליגן אַרבעטס טעלטער, — קויל
און שטויב, — ווער ווייסט זיי איצט דערקאָנען?
דאָס לעבן קוקט מיט פיין און גרויל
און ווייס ניט וואו זיין רעכט צו מאָנען.

אַ פייער־פאַסטקע איז געווען
דער אָרט וואו קנעכטשאַפט האָט געוויטערט.
זיי האָבן טעגלעך דאָס געזען,
געזען, געאַלט און טיף געציטערט.

דאָך ווילד געטריבן האָט די נויט
זיי דאָרט אַהין יעטווידן מאָרגן
אין שרעק אחריות זוכן ברויט
אין מורא מילדערן די זאָרגן.

איין נויט־אַרויסגאַנג נאָר געשיצט
האָט אין דעם יאָד־נעסט די קרבנות
ס׳האָט מער געסטראַשעט ווי געניצט
און מער געוויזן די סכנות.

זיי האָבן קוים דעם טאָג געקענט,
דעם לעצטן טאָג פון זייערע פּלאָגן.
גאַנץ פרי אַוועק, ביי נאַכט פאַרברענט,
און הונדערטער גערזינדן קלאָגן.

א וועלט מיט ליבע ליגט צעשטערט,
מיט טאַטעס מאַמעס טייערע גליקן;
א וועלט וואָס האָט אַ וועלט גענערט
מיט שמייכלס און מיט זיסע בליקן.

דער פייער־שד האָט אויסגעקושט
מיט טייוולשקייט די יונגע לייבער,
געמאַכט זיי מיט גיהנום־לוסט
פאַר זיינע ווילדע פלאַמען־ווייבער.

ניט זינגט פון חופות! ס׳האָט די נאַכט
איר שוואַרצן חופה־ליד געזונגען.
געזונגען — יאָ, געקאַיכט, געלאַכט...
און גאָט מאַמאָן האָט צוגעקלונגען...

וואָס זוכט די בלינדע גירעכטיקייט?
זי וויל די שולדיקע געפינען?
דאָס איז די שולד פון אונדזער צייט,
וואָס האָט נאָר רויב און מאָרד אין זינען.

פון קברים שפּראָצט דעם רייכנס גליק,
און קיינעם קימערט ניט די מאַסע.
דער מענטש איז הפקר, די פאַבריק,
זי איז פאַרהיט דורך פייער־קאַסע.

ניט זינגט פון חופות! זאָל געזאַנג
פון פרייד און לוסטיקייט פאַרשטומען!
לאָזט הערן דומפּן גלאָקן־קלאַנג!
זאָל אומעטיק דער אָרגל ברומען!

ארונטער אויף די קני, אָ, וועלט!
פאַר דיזער הייליקער רואינע,

דאָ האָט דאָס לעבן זיך געקוועלט,
דאָ שוועבט אַרומעט אַרבעטס שכינה.

פון דאָ שפּראָצט אויף דער שענסטער קוסט,
פון העלירע שטראַלן אויפגעצויגן —
דאָ פורעמט זיך די נייע ברוסט,
וואָס אַ פאַריונגטע צייט וועט זויגן.

2) ווען אין דעם לויף פון זיין טעמפּאָ קומט ניט פאָר קיין לאַנג־זאַמע אָפּשוואַכונג, נאָר אַן אומדערוואַרטער ווענד. דאָס ברעכט אי־בער די עמאָציאָנעלע שטייגונג און דורך דעם די אינטאָנאַציע. דער־דאַזיקער איבערברוך שאַפט דעם איינדרוק פון ספּאָנטאַנקייט, פאַר־אורזאַכט איבעראַשונג, סובלימירטן מיטשאַפן און מיטדענקען:

„פאַרדאַמטע פּרעסערקע, אָ, בייזע ערד,
וואָס דיין צערייצטע האַלדז שלינגט אַלץ אַריין,
און לאָזט נאָר איבער לעבעדיק די פּיין;
וואָס אין דיין גרויסן בויך ווערט אַלץ צעשטערט
און נאָר מצבות זאָגן, וואָס דו האָסט פאַרצערט;
פאַרשאָלטן וואָלט איך דיך, אָ, דו מרשעת,
פאַרפלוכט דיין שטויב מיט ווייטיק און מיט כעס,
דאָך ווי זאָל איך פאַרשעלטן דיך אַצינד,
אַז אין דיין שוואַרצן בוזים רוט מיין קינד?
פאַרשלונגען האָסטו, דעם זיסן בליק,
אין וועמעס ליכט עס האָט געטראָגט מיין גליק,
וואָס איז איצט אויך ניט מער ווי ערד אַ שטיק".

(ערד)

ביי ראָזענפעלדן ווייזט זיך דערדאָזיקער איבערברוך בולט אַרויס, ווייל דער אונטערשיד צווישן זיינע האַסטיקע אָנשלאָג־שורות און די שטילע שורות, איז זייער אַ באַדייטנדיקער און אַן איינדרוקספולער.

3) ווען דער ריינער פּאָעטישער אָנרעג ווערט ניט אַרויסגעשטויסן צו האַסטיק און האַלט־אָן דעם קערנדיקן מיטל־פּונקט צווישן זיין מאַסיווקייט און זיין שטימונג. דאָס דערלויבט מעדיטאַטיווע קוואַ־ליטעט און פּאָעטישע באַטראַכטונג. אין דעם פאַל באַווייזט זיך ראַ־

זענפעלד ווי א ריינער ליריקער, פול מיט פּאַטעטישע בילדער און אויס־דרוקן. זיי טראָגן מיט זיך דעם אָפּקלאַנג פון דורכגעלייטערטע אי־בערלעבונגען און לאַמענטן.

אין דידאַקטישע ריין־לירישע לידער איז נים צו מערקן די חסרונות פון זיינע יענע הייסע אויפשוואונג־לידער, וואו עס שאַלט־און־וואַלט רעטאָרישקייט, גוזמא, אָדער גאָר אָפּגעשוואַכטע מעכאַנישקייט. זיי פאַרנעמען צווישן זיינע פּעלערלאַזע לידער דאָס ערשטע אָרט:

„דער וועג איז ווייט, דער טאָג איז קורץ;
די זון זינקט באַלד אַרונטער;
דאָס וואַסער רוישט, צום ברעג איז ווייט —
מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער!

— — — — — — — — — — — —

אָ, זיי געזונט, דו שיינע זון!
דו שיינסט נאָך ווידער מונטער;
נאָר איך — די כוואַליעס רוישן שרעק —
מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער!

(הערבסט בלעטלעך)

גרויע האָר, בית־עולם בלומען!
איך קוק אייך אָן און פיל אַ קעלט —
צו שנעל זייט איר צו מיר געקומען,
שלוחים פון אַ טויטער וועלט!
איר ווייזט צו שנעל מיר מיין פאַרבליען,
מיין זון צו גיך ווי זי פאַרגייט,
דער בייזער ווינטער קומט צו ציען,
ער האָט דעם קאָפּ מיר שוין פאַרשנייט.

(גרויע האָר)

אין די אויבנאויסגערעכנטע דריי פאַלן, אין וועלכע ראָזענפעלד האָט דערגרייכט זיין געווינטשטן אויסדרוק, איז ער געווען אַ פּאָעט פון גאָר גרויסן שניט. סיי זיינע דורכפאַלן און סיי זיינע דערגריי־כונגען זיינען געווען פון אַזאַ ברייטן פאַרנעם, וואָס האָט זיך מיט אים באַוויזן צום ערשטן מאָל אין דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע.

זיינע חסרונות, וואָס זיינען באַשטאַנען מערסטן אין ניט באַצווינגען זיין מאַטעריאַל און אין ניט קאָנטראָלירן זיין וואולקאַנישע קראַפט, זיינען שנעלער געווען די חסרונות פון זיין עפּאָכע. האָט דען ניט זיין עפּאָכע באַטראַכט קונסט פאַר אַן אומבאַוואוסטזיניקער עמאָציאָנעלער צופאַל־אַקטיוויטעט? ראָזענפעלדס דורכפאַלן קאָנען אונדז דינען פאַר אַ וואָרנונג, פאַר אַן אָנווייז, אין וואָס מיר נויטיקן זיך נאָך אַלץ. באַגרייפן די וואָרנונג און דעם אָנווייז הייסט פאַרוואַנדלען זיי אין שטורקאַצן צו באַלייכטן דעם חושך, וואָס ראָזענפעלד איז מאַרטירער־ריש דורכגעגאַנגען, און וועלכער הערשט נאָך, ליידער, ביז היינט.

צו זיין באַנייאונג אין דער אידישער פּאָעזיע זאָל צוגעשריבן ווערן:

זיין דינאַמישער שוואונג, וואָס פלעגט, צייטנווייז, דערהויבן זיין ליד ביז פּאַטאָס און עקסטאַז.

זיין אומדערוואַרט־סובלימירטער, פּאָעטישער איבערברוך פון איין שטימונג אין דער צווייטער; און

זיין קערנדיקער, פול־טאָניקער ליריזם, וואָס פאַרלירט ניט זיין פולקייט און טאָן־אַרט אין געלייטערטע מאָמענטן פון לאַמענט און מעלאַנכאָליע.

יהואש

יהואש

געמען פון ווערק זיינען ניט קיין צופעליקע באשטימונגען פון זייערע שאפער. פארטיפטע שטודיעס וועגן די דאזיקע נעמען, זייער געבורט, לעבן און שיקזאל, וואלטן אונדז געבראכט פנים אל פנים מיט דער קאמפליצירטער אייניקייט פון דעם אויטאר, זיין ווערק און עפאכע. אונטער א שארף ליכט וואלט דער גאנצער געבוי מיט זיינע באשטאנדטיילן זיך אנטפלעקט. זיינע בייטנדיקע שטאפלען, געפורעמט פון אלץ, וואס דאס באוואוסטזיין גרייט צו פאר מעגלעכע חלומות, וואלטן געמוזט זיך באוויזן. די דאזיקע שטאפלען, ווי נאר באלויכטן, טויכן ארויס פון תהומען און שטראמען זיך פאנאנדער מיט זייערע קלענסטע און וייטסטע שייכותן. און די שטראמיקייט צוויגט זיך פאנאנדער אומדערמידלעך און אן אויפהער. פונקט ווי באך וואלט געשאפן די אינערלעכע וועלט, מיט אן אומפארשטענדלעכן, אבער קאנסטרוקציע־רייכן זין, מיט א צוועק און מיט דעם שטענדיקן אנטפלעקן דעם קערן.

דער פינקטלעכער נאמען פון א ווערק איז דערדאזיקער סאמע קערן. און שווער איז אים אנצורופן, ווייל ער איז דער ברען־פונקט פון גאנצן געבוי, די פארמולע פון זיינע שטענדיק־מערנדיקע מדרגות. דאס איז א פארמולע, וואס האט געגנוג רוים און איינצוזאפן, איבערוואנדלען, און כפל׳ען אונדזערע מעגלעכסטע רמזים און זעאונגען; ווייל זי האט האפט אין א וועלט, וואס ווערט אין אונדזער באוואוסטזיין איבערגעלעבט.

דער נאמען פון א ווערק לגבי דעם ווערק אליין איז פונקט ווי א פיל־גראניק צווייט לעבן איז קעגן דעם דאיקן ווירקלעכן לעבן. אין דעם צווייטן געאנטן לעבן איז אלץ מעגלעך צו דערגרייכן נאך אונדזערע דוכטענישן נאך. דארטן איז דער וואונטש דער פאטער פון פאסירונגען, געדאנקען און טרוימען. אזוי איז אויך מיטן נא־מען פון א ווערק; מיר קאנען אים אנלאדן מיט די מערקווירדיקסטע

רמזים און באַדייטן. מיט אַלץ וואָס אונדזער דורכטעניש קאָן נאָר ווינטשן, מיט אונדזערע אַלע רייכטימער.

דאָס קאָן אָבער ניט געטאָן ווערן מיט דעם נאָמען, מיט דער פאָרמולע פון איטלעך ווערק. וואָס רייכער דאָס ווערק איז מיט אייגענע אוצרות, אַלץ מער קאָן די פאָרמולע באַרגן פון אונדזער עשירות. אויב מען פעלשט אין דעם פּרט, אויב מען טרייבט דאָ איבער, ווערט דאָס ווערק פאַראַרימט אין אונדזערע אויגן.

פאַרטיפן אַ פאָרמולע ביזן סאַמע סוף איז, ווייזט אויס, ניט גרינג. דערפאַר טאַקע ווערן שטענדיק געזוכט גרינגערע וועגן. צוליב אינטעלעקטועלער פוילקייט הערשט אַן אומווילן זיך אָנצושטרענגען און גראָבן אין דער טיף פון רעאַלע און טראַנסצענדענטאַלע דערשיינונגען. וואָרן גרינגער איז צו אַנטלויפן פון פאַקטן, אונטערן אויסרייד, אַז זיי עקזיסטירן גאָרניט. וויפל ביישפּילן מען קאָן דאָס ברענגען פון יעדער ליטעראַטור, וואָס וועלן באַשטעטיקן ווי אַזוי מען לייקנט דאָס אומלייקנבאַרע. אַזאַ לייקענען שטאַמט ניט פון שטאַנדהאַפטיקע דערפאַרונגען, נעמליך, פון גענויע פאַקטן. אויך פירט עס ניט צום אַרומגראָבן זיך הינטער די פאַקטן און דערגרייכן יענעם המיון פון אַ ספינאָזישער אומבאַוועגלעכקייט אָדער יענע אַבסטראַקציע, וואָס דינט ווי אַן אָפּשיין פון פאַקטן. צוליב דער אינטעלעקטועלער פוילקייט פאַרלאָזט מען זיך אינגאַנצן אויף צופאַל, וואָס טרעט נאָר אַרויס ווי אַ שאַבלאָן. צוליב דעמזעלביקן אומווילן צו דיסציפּלינירן זיך געפינט מען ניט דאָס פאַסיקע און פינקטלעכע וואָרט, אַפילו פאַר דעם דאָזיקן צופאַל אַליין. דאָס גרינגסטע איז אָנצורופן דאָס צופעליקע מיט אַ פאַלשן נאָמען: „אינטואיציע". און די פאַלשאָנגערופענע „אינטואיציע" דאַרף עס קענען אַלצדינג לייזן, ווי זי וואָלט געווען אַ נס. איז דעריבער ניטאָ וואָס צו קולטיווירן. אויב מען זאָל די „אינטואיציע" קולטיווירן, כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם קערן פון בילדער, זעאונגען און אידייען, און ווי אַזוי זיי אַרויסצוברענגען פון כאַאָס, קאָן נאָך, כלומרשט, דער נס ווערן אָפּגעטאָן. אין דער אמתן אָבער, אָן אַזאַ קולטיווירונג ווערט געמינערט די אַנטוויקלונג פון קינסטלערישער לאָגיק און אָנונג.

נאָכמער ווי פּאַקטן איז פּרעמד אין קונסט־קרייזן דאָס וואָרט „באַוואוסטזיין". זייענדיק „ליריש צעשויבערט", סענטימענטאַל און פויל צו דערלערנען און צו טראַכטן וועגן אָט דעם „אומקינסטלערישן" וואָרט, האָט מען אים זייער פּשוט פאַרענטפערט. מען האָט אָנגענומען דעם באַגריף „באַוואוסטזיין" פאַר אַ מין קאָפּ־זאַך, פאַר אַ פּשוטער מעכאַנישקייט. עס איז פאַרזען געוואָרן, אַז דאָס באַוואוסטזיין איז דאָס ווערן, דער שווערסטער וועג, וואָס פירט: פון כאַאָס ביז צו איינ־געסטאַלירטע ווערטן. דאָס זעלבע באַוואוסטזיין זעט אומדערשראָקן און קלאָר זיין שווינלאָזיקייט און שטרעבט צו ברענגען האַרמאָניע צווישן סוביעקט און אָביעקט. איז דאָס ניט אַ נאָבעלע רעאַליטעט אילוזאָרישער פון אילוזיעס? און האָך איז דאָס קינסטלערישע באַ־וואוסטזיין געהאַלטן געוואָרן הינטער אַ דיקן וואַל.

באַוואוסטזיין איז ניט נאָר פאַרעכנט געוואָרן פאַר מעכאַניש־קייט, נאָר איז געטייטשט געוואָרן — ניכטערקייט. דאָס איז ניט באַטראַכט געוואָרן ווי די מי צו געפינען דייטלעכן און פּינקטלעכן אויסדרוק צווישן אומפאַרשטענדלעכקייטן, נאָר ווי אַ ניכטערקייט, וואָס חזרט איבער אויבערפלעכלעכע טרואיזמען. באַוואוסטזיין איז ניט געזען געוואָרן ווי דאָס לאָקנדיקע, וואָס פירט דורך אַ מאַטערנדיקן וועג און איז צוגלייך דער וועג אַליין. אָטאָ די פיינלעך־שטראַלנ־דיקע אילוזיע צווישן מוזן און תהומען האָט מען גאָר באַטראַכט ווי אַ מין חשבון־סטערעאָטיפּ פון אַלץ, וואָס איז גרינג און פאַרענט־פערנדיק.

צו וואָס פאַרא אויספירן קאָן מען קומען וועגן דעם דרויסנ־דיקן עמאָציאָנאַליזם אין דער אידישער ליטעראַטור? וואָרן דאָס וואָס איז דער תמצית פון באַוואוסטזיין האָט מען, צוליב גרינ־גער אומבאַשטימטקייט, אָנגערופן „אינטואיציע", וועמעס סינאָנים איז געווען דער „עפּעס". אויף אַזאַ מין טעאָלאָגישן אופן פון טראַכטן איז געווען גרינג זיך צו פאַרלאָזן. דאָ האָט מען זיך אָנ־פאַרטרויט אינגאַנצן דעם צופאַל, דעם „עפּעס". אין דער אמתן אָבער האָט עס געפירט צום שאַבלאָן, הגם דאָס איז פאַרדעקט גע־וואָרן מיטן אויסרייד: שטימונג און פאַרשיכורונג. אַזוינאָך האָט מען געהאַלטן אין איין פאַרשיטן און מאַטערן דאָס אייגענע באַוואוסט־

זיין. וועלענדיק פאַרניכטן די גיכטערקייט האָט מען ניט באַמערקט ווי מען פאַרניכטט דעם האַפּטנדיקן קלאָר־זעער, דאָס באַוואוסטזיין. דערביי האָט מען זיך שווין אָנגעהויבן צו וואונדערן, וואָס דער אויפֿבליץ פֿון צופֿאַל שטאַרבט אָפּ און ווערט אַלץ זעלטענער. און ווי האָט עס געקאָנט דען אַנדערש זיין? מען האָט דאָך געמוזט געפֿינען אַ וואָרט, וואָס זאָל פֿאַרענטפֿערן די קוואַלן פֿון אינטעלעקט און שכל, ווען וואָס מען האָט ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבן קיין קלאָרן באַגריף. און איז ניט די אומפֿינקטלעכקייט און פֿאַרקריפּלונג פֿון דעם וואָרט „אינטואיציע" אַ גוטע באַהעלטעניש פֿון אַלץ, וואָס איז ניט באַגרייפֿנדיק? אַזוי האָט דער פּאַסיווער געדאַנק געפֿונען אַן אַלגעמיינעם באַגריף, וואָס האָט געזאָלט דינען ווי אַ שם־המפֿורש.

אָנונגען און שטימונגען האָבן זעלטן ווען אַן אינערלעכן ווערט, אויב זיי ווערן ניט אַרויסגעבראַכט דורכן ליכט פֿון אונדזער באַוואוסטזיין. און צום פֿולן אויסדרוק ווערן זיי אַרויסגעטראָגן מיט דער מי פֿון שמעלצן און לייטערן. דער אינטואיטיווער עלעמענט איז, אין בעסטן פֿאַל, דער אָנרעג צו דערזען די סכעמע פֿון אַ ווערק, אָבער ניט דער כוח, וואָס שאַפֿט אויסדרוק. ער איז ניט מער ווי אַן אינטעלעקטועלער פּונק געבוירן און פֿאַרגאַנגען אין אונדז. די טעטיקייט פֿון באַוואוסטזיין באַשטייט אין דערפֿאַרן און אַנטפּלעקן די פֿאַרבאָרגענע באַדייטן פֿון אינטואיציע. וואָרן אינטואיציע איז די איינגנשאַפֿט, וואָס העלפֿט צו באַגרייפֿן דאָס פֿאַקטישע. אייגנטלעך איז דאָס דער בערגסאָנישער באַגריף, ווען ער ווערט ניט פּראָפֿאַנירט. אָדער ווי פּואַנקאַרע האָט עס פֿאָרמולירט, אַז אינטואיציע דינט ווי דער זיניקער צוזאַמענהאַנג צווישן צוויי עמפּינדלעכקייטן אָדער פֿאָרשטעלונגען.

אין דער פּעריאָדע פֿון פּרימיטיוון אימפּרעסיאָניזם אין דער אידישער ליטעראַטור האָט מען ניט באַגריפֿן, אַז באַוואוסטזיין איז דער אַקטיווער טייל פֿון קונסט. אַז זיין ווילן איז צו דערזען און צו אורטיילן איבער יענער ספּאָנטאַנער באַגרייפֿלעכקייט, וואָס איז, אייגנטלעך, דאָס אומבאַוואוסטזיין. מען האָט ניט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז אינטואיציע ווערט געשאַפֿן דורך קולטיווירן און איבן דאָס באַוואוסטזיין. מען האָט געוואָלט גלויבן און געגלויבט, אַז אינטואיציע

איז א מין געטלעכע מתנה פאר גליקלעך־אויסדערוויילטע. עס האט זיך ניט געוואלט איינזען, אז אינטואיציע איז א רעזולטאט פון צו־גרייט און איבונג. האט מען דעריבער ניט אנאליזירט אינטואיציע, און ניט דערזען זי אונטער איר אמתן שיין, ווי א פארטיפטע געוואוינ־הייט און דערפארונג־באוואוסטזיין. נאכמער, ווי אן איבערבא־וואוסטזיין.

אויב מען האט אנגערופן פארשידנארטיקע ניט־באגריפענע קינסטלערישע דערשיינונגען מיט איין ווארט „אינטואיציע", האט מען דערמיט באמת געשאפן ניט מער ווי איין דערקלערונג פאר אומ־צייליקע קעגנגעזעצלעכע טעטיקייטן. דאס הייסט, מען האט זיך בא־ווארנט מיט אן איין־און־איינציקן מעכאנישן פארטל. דאס האט גע־שטערט דעם קינסטלערישן באוואוסטזיין. נאכמער, דאס האט געמוזט פירן דערצו, אז דער אינטואיטיווער עלעמענט זאל פארטריקנט ווערן און פארלירן זיין שאפנדיקע קוואליקייט. ניט קליין איז געווען, און איז נאך איצט, די צאל פון יענע קינסטלער, וואס שטעלט מיט זיך פאר פראבלעמען פון א־באוואוסטזיניקייט. דעריבער זיינען ביי אונדז אזוי ווייניק קונסט־פראבלעמען געלייטערט געווארן. ווי מאדנע עס הייבט אן אויסצוזען אונדזער גאנצער עמאציאנאליזם, ווען מען דער־זעט, אז די „אינטואיטיסטן" ארבעטן גאר נאכן זכרון נאך, נאך אן איין־און־איינציקן אנגענומענעם שטאמפ. און גראד די „ניכ־טערע" ווערן גאר געזען ווי זוכער און שטייגער אין פארפלאנטערטע, צוזאגנדיקע ספערן.

עס איז דעריבער ניט קיין צופאל, וואס די פארמולע פון יהוואשעס רייפסטע און דורכגעלייטערטסטע לידער איז פון אים אנגערופן גע־ווארן „אין געוועב". יהוואשעס קינסטלעריש באוואוסטזיין האט אפירגעשטיגן פון דער גרינקייט, אין וואס די קלישע־„אינטואיטיסטן" האבן זיך פארוויגט. ער האט געפילט, אז דאס אומבאוואוסטע ליגט ניט אין אויגנשיינלעכקייטן. האט ער געשטרעבט זיך צו דערפילן אין יענע שאפנדיקע אנהייבן און סופ'ן, וואס האלטן פארבארגן אין זיך דעם זין פון דעם אומבאוואוסטן. אויפדעקן מיסטעריעזיע פארהאנ־גען האט פאר יהוואשן געמיינט אנטפלעקן הויכע דערפארונגען, שאפן באוואוסטקייט פונם אומבאוואוסטן. דאחטן וויל ער באשטעטיקן

זיין זיין. און די באשטעטיקונג ווערט גאר א טראגישער ניצחון. ווארן אין דער אמתן האט דער זינגער דערזען זיך שטרויכלען אין די נעצן פון פאטום. יעדער שטרייט „אין געוועב" איז פול מיט סתירות און טראגט אין זיך אומצייליקע גורלות. האט יהואשעס קאמף „אין געוועב" געשאפן חלומות און שיידוועגן, קנוילן און לייזונגען. דאס האט א שטוים געטאן די אידישע פאעזיע צו א שטארקן באוואוסטזיין, צו נייע זוכענישן און רעטונגען, צו א דראנג און איבערוואנדל, ווי דאס האט פריץ בשעתו געטאן. יהואשעס שפינוועב-פעדים, זיינע אנ־רעגונגען און אנטפלעקונגען, האבן זיך געהאלטן אין איין מערן, פאר־פלאנטערן, אפפלאנטערן און באנייען. דאס אלץ צו דערזען, צו דיס־ציפלינירן און פארטיפן האט געמיינט צו שאפן נייע מעגלעכקייטן:

„פון זומערפעדעם קייטל איך א בריק,
און זע זיי אין א פעסטן פעלז זיך קערן;
איך אייל ניט גיין פארויס, ניט גיין צוריק,
און ניט איך פחעג ווי לאנג עס וועט געווערן"

(א זאמען ליכט)

„און פריידיק טראגן וועל איך אומעטום
מיט זיך, דאס זיסע וויסן אז איך לעב
אין מיטן פון דיין הייליקן געוועב..."

(געוויסנהייט)

„איך האב א קארב פון שלאנגען גיפטיקע געבראכט,
און האב געהויערט פאר דיין שוועל אין שווארצער נאכט,
און אויף די בלאע ליפן מיינע, אויפגעדרייט
געלעגן זיינען ווערטער ווי די שלאנגען, גרייט
ארויסצושפרינגען ווען דו וועסט צו מיר ארויס: —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
האסטו באוויזן זיך... און פון דיין אויג האט מילד
ארויסגעשפונען זיך אן איינציקער לאנגער בליק
און מיך פארוועבט, ביז כיהאב געבויגן מיין גניק
אין שאנד צו דיינע פיס..."

(דער הייליקער)

און אונטער טויטע בלומען,
וועט זיך אַ פֿאַדעם שפּינען...

אַ פֿאַדעם צוגעבונדן
צו ווייטע וואונדער־וועלטן —
וועט ער פֿאַר אַלע וואונדן
דיך טויזנטפֿאַך פֿאַרגעלטן..."

(פֿאַרזאַמט)

און דו ביסט געלעגן פֿאַר דיין געץ
און פֿרום געבוקט זיך צו דער הייליקער געשטאַלט,
איז אַ שפּין אַרויסגעקראָכן פֿון איר נעץ
און דיך באַוועבט, און אַ קנופּ דיך האַלט
געבונדן צו דיין אָפּגאָט, קיינמאָל ניט צו שיידן
ביז דערזעלבער מאָל ווערט אויפֿעסן אייך ביידן..."

(געבונדן)

„איך זוך אין פֿלאָנטער פֿון יסורים"

(אַ ליכט וואָס צאַנקט)

„אַ פֿאַדעם האָט פֿון קנויל זיך אָפּגעדריבלט,
און איז אין פֿינצטערניש צו מיר דערגאַנגען,
האָב איך מיט מי געצויגן און געגריבלט,
און האָב אַרויסגעצויגן שלאַנגען...

מיין זעל, מיין מידע זעל,
האָסט דריבלענדיק אין פֿינצטערנישן
זיך פֿעדעמווייז אַליין צעריסן —
מיין זעל, מיין מידע זעל..."

(שאָטנס)

דורכן פּאַטום אָנגעהאַנגען אין דעם אומענדלעכן געוועב, אַלע־מאָל אויף אַן אַנדערן „שפּינוועב־פֿאָדים", „אַן אַ שטערן, אַן אַ מילכ־וועג", האָט בלויז זיין ווילן צום באַוואוסטזיין אים דיקטירט צו זוכן אַן אויפֿהער ליידונגען און פּערספּעקטיוון. זיין געוועב האָט זיך, אַזוינאַך, געהאַלטן אין איין בייטן פֿאַר זיינע אויגן. אין דעם לעצטן סך־הכל האָט ער פֿאַר זיך קלאָר געמאַכט דריי באַשטימטע ספֿערן:

אור־חושך, הימלליכט, און צווישן די בײדע — אויפלויכטנדיקע און לעשנדיקע נאָמען. און ער הענגט און וויגט זיך פון פּאַרדים צו פּאַרדים. מיט איין וויג נעפינט ער זיך פאַר דער אַנטפּלעקונג פון דעם טראַדיציאָנעלן אָנהייב פון אַלע אָנהייבן; ער איז אין דער קעגנוואַרט פון „כביכול, אין ים פון רוישיק־שימעריקע פליגלען...“; ער גרייכט ביז צום געזאַנג פון „געבערונג“, „פון יונגער פליגל־שפּריי־טונג“. און אָט מיט אַ צווייטן וויג איז ער אין הארץ פון „שרעקעדנישן“, ער שלומערט אין דעם טויט. אָט איז ער אַ פאָרעמער פון „גרויסע רונדע זונען“, וואָס ער, דער מייסטער, לאָזט רינגלען איבער זיך און אונטער זיך. און פּלוצים — „גרויסע שוואַרצע טייכן“, און ער איז בלויז „אַ מילב אין רעגן, הענגט... אויף אַ שפּינוועב־פּאַרדים“.

דער גרעסטער טייל יהואשעס אַרבעטן פון דער פּעריאָדע, וואָס פאַר „אין געוועב“, איז כאַראַקטעריסטיש מער פאַר זיין עפּאָכע איידער פאַר אים אַליין. זיינע אַרבעטן בעת יענער פּעריאָדע זיינען פאַרן דיכטער געווען בלויז צוגרייטונגען און איבונגען. ער האָט דעמלט געזוכט בייצוקומען און באַהערשן די כלי־זיין און די מאַטעריאַלן, וואָס זיין צייט האָט פאַר אים צוגעגרייט. פאַר אַ דויערהאַפטיקן קינסטלער איז ניט גענוג צו ווערן דער געוועלטיקער איבער די כלי־זיין און מאַטעריאַלן, וואָס די עפּאָכע צווינגט אויף אים אַרויף. דאָס וויכטיקסטע איז בייצוקומען און באַהערשן די עפּאָכע אַליין. יהואשעס אַרויסרייסן זיך פון ראַציאָנאַליסטישע שאַבלאָנען און אין אַ רעאַליסטישער עפּאָכע אַנטפּלעקן אַ וועלט פול מיט ניואַנסן פון צעפּלאָנטערטע געוועבן, — דאָס האָט שוין געמיינט געוועלטיקן איבער דער עפּאָכע. קלאָר האָט זיך אָנגעהויבן הערן אַ נייער גרונטמאָטיוו פון יהואשן אַליין: די אומבאַזיגבאַרקייט פון פּאַטוס.

פון די ראַציאָנאַליסטישע מוסטערן פון זיין צייט האָט ער זיך באַפרייט דורך דעם ווילן צום קינסטלערישן באַוואוסטזיין. ער האָט זיך אַליין דערבראַכט צו זיין אייגענעם קונסט־אויסדרוק, צום „געוועב“, צו זיין שיקזאַל און צו דער וועלט פון זיינע אָנונגען. יהואש איז אַ ביישפּיל ווי אַזוי באַוואוסטזיין איז ווייט פון ראַציע, און ווי פרעמד אַ געוויסע השפעה קאָן זיין אַפילו פאַר יענעם, וואָס איז איר אַ צייטאין דינסט. שוין נאָך אין זיין ראַציאָנאַליסטישער פּעריאָדע רייסן זיך

דורך יהואשעס איינענע טענער. ווי נאָר דאָס באַוואוסטזיין טוט אָפּ פון אים די „צייט־און־סביבה"־מאָטיוון, וויקלט זיך פאַנאַנדער זיין סוביעקטיווקייט. און דייטלעך הייבט מען אָן צו הערן זיין לייקענען די אויבנאויפיקע קלישע־ראַציע. דאָס ווערט ביי אים אַן איבערצייגונג, אַ גלויבן.

„מעגסט טויזנט לאַנגע טעג און נעכט
זיך גראָבן און זיך גריבלען אין דיין זינען,
די האַנט וואָס טרייבט דיך ווי אַ בלינדן קנעכט —
זי וועסטו, מיט דיין פאָרשן ניט געפינען."

(דער גבול)

נאָך דייטלעכער רעדט ער וועגן הערשאַפט פון שיקזאַל, וואָס האַלט אין איין אַנטפּלעקן פּעסימיסטישע, מאָרבידע זעאונגען:

„אין דעמערונג געפלויגן איז אַ גרויסער ראָב,
און מיט אַ שאַרפן שנאָבל מיר דעם וועג געוויזן,
און רעכטס און לינקס, וואו'הין איך האָב געקערט דעם קאָפּ,
פון ערד און בוים אַרויסגעשפּרונגען זיינען ריזן
מיט שווערע קייטן איבער זייער גאַנצער גרייס:
„דערלייז! דערלייז!"

— — — — — — — — — — —

פון שטורעמדיקע ינדן האָט אַ פעלז אַרויסגעשטאָכן,
און איך בין אומגעשוואומען ווי אַ טויטער פיש
מיט גרויסע קאַלטע אויגן... האָט אַרויסגעבראָכן
פון האַרץ פון פעלז אַן אומדערבאַרימדיק געמיש
פון שרעק און פון געשפּעט, פון צאָרן און געוויין:
„צעברעך דעם שטיין!"

אַ מדבר קברים האָט זיך ווייט און ברייט געצויגן,
און אין דער מיט געשפּרייזט האָט איינער מיט אַ הוילן
און שטאַרקן אָרעם, און די ברוסט אַרויסגעבויגן...
און ווי ער האָט באַשוואָרן, און ווי ער האָט באַפוילן,
האָט אים פון דריערד אַ הייזעריקער קול צעגרוילט:
„צעפוילט... צעפוילט..."

(זעאונגען)

יהוּאשעס פּעסימיזם איז ניט אַ רעזולטאַט פון אַ סענטימענטאַלן בליק אויפן לעבן, נאָר פון אַ פילאָסאָפישן באַנעם; כאָטש אין ביידע פאַלן טרייבט איבער דער פּעסימיסט זיינע סדר־הכּלען וועגן לעבן. קומט ער דען ניט צו אַזאַ אָנשויאונג דורך זיין אייגענעם סוביעקטיוון צושטאַנד? דאָך ליגט דער אונטערשייד צווישן דעם סענטימענטאַלן און דעם פילאָסאָפיש־געניגטן פּעסימיסט אין דעם גראַד פון אינטע־לעקט. אין ערשטן פאַל ווערט דער פּעסימיסט דערטרונקען אין זיין פּעסימיזם. ער איז דער פּאַסיווער קרבן און דער פּעסימיזם הערשט פולשטענדיק איבער אים. אין צווייטן פאַל ווערט דער פּעסימיסטי־שער צושטאַנד באַגריפן, די סיבה געזוכט און דאָס באַוואוסטזיין באַ־הערשט דעם צושטאַנד. אין דער רגע ווען דער סוביעקט באַטראַכט אָביעקטיוו זיין צושטאַנד, ווערט פאַר אים אָפן דער וועג צו אַ ווילן־וועלט, וואָס לעבט אין דער ספער פון פּאַקטן און האַנדלונגען. יהוּאש וואָלט זיך קיינמאָל ניט באַפרייט פון זיין עפּאָכע, ער וואָלט געדרעמלט חלומלאָז אין בלינדער יכולת, ווען זיין באַוואוסטזיין וואָלט ניט באַהערשט די רויע צופלוסן פונם אונטערבאַוואוסטזיין.

אויב דער שאַפענהאַוערישער ווילן איז אַ ווילן צו לעבן און דער טויט איז זיין שונא, דעמלט איז דאָס באַוואוסטזיין, טאַקע געבאָרן פונם ווילן, אַ געפאַנגענער מייסטער, וואָס האַלט דאָס גלייכגעוויכט צווישן צוויי געפאַרן: דעם בלינדן אינסטינקט, וואָס תהומט אין אונדז דינאַמיש און זינלאָז מיט ענדלאָזע יסורים, און דעם טויט, וואָס קאָן אויסלייזן דעם איינצלנעם פון ליידן, אָבער ניט דעם מענטשלעכן מין.

וואָס מער מייסטער, וואָס מער „מעטאַפיזישע חיה“, אַלץ מער דערזעט מען זיך געכאַפּט אין פּלאָנטער פון „געוועב“. וואָס העכער די מדרגה, וואָס גרעסער די בענקשאַפט צו וועלן זיין אָביעקטיוו, אַלץ מאָדנערע אומפאַרשטענדלעכקייטן דערפילן מיר. אַלץ בולטער ווערט פאַר אונדז די שטים און די פאַרשטעלונגען פון דעם וועלטס ווילן, וואָס זוכן ליידנשאַפטלעך אויסדרוק, און געפינען אים סוף־כּל־סוף אין סובלימקייט. דער וועג איז אָבער — לויטער יסורים. און אָט זיינען יהוּאשעס וואָגשאָלן: מיזערערע און שיינקייט, אינסטינקט און אינטעלעקט. ווי נאָר ער ווערט דער זיגער איבער זיין „בלינדן

אינסטינקט", קאָן ער אויסווירקן אין זיך אַן אַבזיכטלעכע אַנטוויקלונג פון געדאַנק און פאַרשטעלונג־קראַפט, אַנונג און אויסדרוק. ער איז אָבער דעמלט אויך אַ געפאַנגענער פראַמעטעי, אַ געשמידטער האַר. ער פאַרמערט זיינע ליידן און אילוזיעס אין אַ פלאַנטער־וועלט, וואָס ווערט אַ קונסט־דערפאַרונג און וואו יסורים און אילוזיע פאַרגיטיקן איינס דאָס צווייטע.

וואָס פאַרא כישופדיקע דערגרייכונגען קאָן דער אינטעלעקט זיך אַליין דערלויבן אין אַ וועלט פון אייגענע דוכטעניש. דערהויפט ווען דער אינטעלעקט ווערט דערבראַכט צו יענער הויכער מדרגה, צו יענעם קאַטאַרזיס, וואו דאָס באַוואוסטזיין, דער מייסטער אַליין, ווערט פנימלאָז און פאַרשוואונדן. איז דאָס דען ניט אַ גאָר הויכע מדרגה פון אָביעקטיווקייט?

פון אַ יחידישער, סוביעקטיווער, באַגרענעצטער וועלט, דורך ספּערן פון ווירקלעכע און אילוזאָרישע דערפאַרונגען, פירט דאָס באַוואוסטזיין צו אַ פאַרגעסן. ניט צו דעם פאַרגעסן נאָכדעם ווען מען ווערט אויפגעוועקט און בליציק־שנעל פאַרשלונגען אין טאָג־טעגלעכע ליידנשאַפטן און נויטן, וואו דער בלינדער אינסטינקט הערשט ווידער, וואו

„דאַן וויין אָדער לאַך, דאַן בענטש אָדער פלוך
דעם נעכטיקן טאָגס פאַרגעניגן..."

(פון ליפּ צו ליפּ)

דאָס באַוואוסטזיין פירט צו יענעם פאַרגעסן, וואו ער אַליין פאַרשווינדט אין אַן עקוויליבריום, וואָס איז ווי אַן אויסלעש, ווי אַ צושטאַנד פון ניט עקזיסטירן, און וואָס בלייבט דאָך פאַראייביקט.

יהואשעס סוביעקטיווע, באַגרענעצטע וועלט איז די וועלט פון „שרעקן" און „מיזערערע", פון „אַנגסט־געשריי" און בלוט־פאַרגליווערונג אין „דער בלינדער טויבער נאַכט...", וואו

„...שטום
אַן איינזאַם אויג שווימט אום,
— — — — — — — —

און ניט עס ווייגט און ניט עס לאַכט,
און ניט עס שטראָפט און ניט עס שפעט,
און ניט עס בעט,
און ניט עס מאָנט...
נאָר שפּוקט אַרום פון אָרט צו אָרט
און שפּיאָנט —
אַמאָל פון דאָ, אַמאָל פון דאָרט,
אַמאָל פון ווייט, אַמאָל פון נאָנט..."

(אַ אויג)

פון זיין סוביעקטיווער גרויל־וועלט וויל ער זיך באַפרייען, פון די אַלע „ווילקאַלאַקעס־ריזן" און משונהדיקסטע פאַרזעניש. אָבער וואָס שטאַרקער זיין וועלן זיך באַפרייען, וואָס דינאַמישער עס ווערט דורכ־דעם זיין סוביעקטיווקייט, אַלץ מער ווערט ער צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיי, און זיי טאַנצן „הונדערט טעג צו פאַלן און אַ גרונט ניט צו דער־גרייכן" און „טויזנט טויטן שטאַרבן". אין דער רגע ווען באַוואוסט־זיין טרעט אַריין אין זיינע דערפאַרונגען, שטייגט ער אַלץ נענטער צו אַזאַ הויכער באַהערשונג, צו אַזאַ אָביעקטיוויזירונג, ביז זיין באַ־וואוסטזיין ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָסמיש באַוואוסטזיין. און אויב עס איז פאַקטיש אוממעגלעך צו דערגרייכן פולקאָמע אָביעקטיווי־קייט, איז אָבער די דורכריייניקונג, די איבערוואַנדלונג פון מדרגה צו מדרגה, — די אָביעקטיוויזירונג אַליין, דער זין פון העכערן זיין. דורך פיר מדרגות, פיר שטראָמען ווערט די סוביעקטיווקייט, דער עמאָ־ציאָנאַליזם פילטרירט. דורך:

1) דעם רויען אינסטינקט.
2) דעם אונטערבאַוואוסטזיניקן דראַנג צו שאַפן,
3) דער באַוואוסטזיניקער לייטערונג,
4) דעם אינטואיטיוון אויפלויכט.

דער עמאָציאָנאַליזם שטראָמט־דורך זייערע טיפן און, אין לעצטן אַנאַליז, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַן עמאָציע פון דעם אַבסערווירנ־דיקן „איך". דאָס איז דעם „איכס" איבערצייגונג, אַז דער ענגאַ פון וועלכן ער שטאַמט, איז אונטערוואָרפן די טאָטאַלע סענטימענטן פון אַלע וועזנס. דער דיכטער דערפילט זיך דעמלט ווי אַ פּרט און גאַנצס, אַלזייענדיק און אַללעבנדיק:

„איך בין דער נעפּל אין דער ווייט
און בין אַ שאַל פון הויכע בערג,
און בין די פרייד פון גרויסע ווערק,
און בין דער ווייטיק, וואָס באַנייט...

איך בין דער טויער און די טיר,
און בין דער שליסל און די שוועל,
איך בין אַן אָנזאָג און אַ טרעל,
און וועלדער פויגלען הינטער מיר...“

(דער נביא)

„איך בין דער טונקעלער טורעם
וואָס וואַכט דורך נאַכט און טאָג;
איך בין די ווייטע גלאָק
וואָס רופט פון שרעק און שטורעם.

איך בין די קילע שטילקייט,
און בין די פעסטע טיף;
איך טרינק מיט יעדן טריף
די אומדערפילטע פילקייט.

איך שעפּ די פרייד פון שאַכטן
אין אומבאַשיינטן גרונט,
און וועב דעם קנויט וואָס זונט
דעם טויט און זיינע נאַכטן.

איך בין דאָס גרויסע גאַרן,
און בין די גרויסע זעט;
און בין דאָס גרויס געבעט
וואָס ווייגט פאַר אַלע צערן.

איך בין די הויכע מויער
מיט שויבן אין דער וואַנט,
מיט טויבן אויפן ראַנד,
און שלאַנגען אויף דער לויער.“

(טויבן און שלאַנגען)

ווען אַ מענטש גיסט זיך צונויף מיט אַ באַשטימטער דערשיינונג, מיט אַ „זאַך", ווערט די דאָזיקע דערשיינונג, די דאָזיקע „זאַך", ד. ה. דאָס פּריערדיקע אָביעקטיווע, פאַרוואַנדלט אין אַ סוביעקטיווער קאַטעגאָריע; און דער מענטש, די פּריערדיקע סוביעקטיווע קאַטעגאָריע, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקטיווער. ד. ה. דער מענטש, דער סוביעקטיווער איינס, ווערט פאַרלאָשן פאַרן אָנגעזיכט פון זיין נייעם אָקאָרשט אָביעקטיוו־געוואָרענעם „איך".

ער גיסט זיך צוזאַמען, למשל, מיט גראָזן און צווייגן, און ווען זיי רעדן צו אים, אין מאָמענטן פון אויפלויכט, ענטפערט זיין אָביעקטיוויזירטער „איך", דער פּנימלאָזער אין אים. אָבער ער, דער מענטש, דער סוביעקטיווער פאַקט, בלייבט דרויסן פון דעם אַלעם; ער האָט ניט קיין צוטריט און קאָן ניט פאַרשטיין דעם געמורמל פון די גראָזן און די צווייגן.

„האָבן גראָזן אונטער מיר
און צווייגן אין דער הויך
גערעדט צו מיר.
און עמיצער אין מיר האָט זיי געענטפערט,
און איך האָב צוגעהערט זייביידן,
און ניט פאַרשטאַנען . . .

(ביימער)

אין זיינע „בריוו צו פלאַקוסן" שטרייכט פּלאָטינוס אונטער, אַז דאָס אַבסאָלוטע וויסן איז באַזירט אויף דער אידענטיטעט פון דעם „באַגרייפנדיקן גערדאַנק און דעם באַגריפענעם אָביעקט" און אַז דאָס סובלימע איז דער צושטאַנד פון אויפנעמעוודיקייט.

דער דאָזיקער צונויפגוס, די אידענטיטעט, און דער הויכער אויפנעם, ווי אויך דאָס אויסלעשן זיך און זיך דערפילן אין אַ קאָסמיש באַוואוסטזיין — דאָס זיינען יהואשעס אָפטע איבערלעבונגען:

„האָב אַלע ווייסע שטערן איינגעזויגן,
און ליג אין ווייסן שימער אויסגעשפרייט,
און פיל געבורטן סיהאָט דיין אומענד גרייט,
אין מיינע דיכן טראָג איך אַלע רויגן."

(אַ זאָמען ליכט)

לאָמיך שלומערן אין דיר,
ווי אַ בלינדער זאָמען שלומערט
אין דער וואַרעמער בייט,
און שפירן בלינדערהייט,
ווי אַלע וועלטן צוקן דורך דיין האַרץ..."

(אַ בודאַ־געבעט)

זיינע דערפאַרונגען גייען־אָפּ און קומען צום זעלביקן קרייז־פּונקט: אויפגעכאַפּט פון „שלומערן" און זיך געפינען אין די גרעצן פון דער פריערדיקער מיזערנער וועלט, אַראָפּפאַלן פון סובלימען צום אַפּאַטישן, — און ווידער דער קאַמף פון ווילן און באַוואוסט־זיין. אויב דאָס איז די ווירקלעכקייט, ליגט דען ניט איר צוועק אין דעם ניצשעאַנישן „ווילן צו מאַכט", מאַכט, אַרויסצוברענגען פון זיך אַליין דעם זין? ווי ניצשע, געפינט אויך יהואש אַ פּאַעטישע באַרעכ־טיקונג איןליידן, וואָס טראָגן אויף זייערע כוואַליעס אַ העראָאיזם. די פּאַר־סאָקראַטישע דערגרייכונג און ניצשעס באַשטרעבונג — דער דיאָנים און אַפּאָלאָ סינטעז, האָט געגעבן יהואשעס „טראַגישן אָפּ־טימיזם" אַן אַנדער אויסדרוק. באַקכס לייכטזין און עקסטאַז, פרייד פון מאַט און אַוואַנטורע זיינען ביי יהואשן גאַרניט פּאַראַן. די דיאָ־ניסישע סטאַדיע אַליין, אָן דעם צומיש פון דעם אַפּאָלאָנישן, איז ביי אים ניט קיין לייכטזיניקע. די פרייד — אַ פאַרניכטונג פון טרוי־ער, דער עקסטאַז — פון אַ גלויביקן, און די זעליקייט — אַ פּערוועדזש.

„וועט אין דעם טאָג דעם גרויסן
אַ ווינקל דיר באַשיינען,
דער פונק פון גרויסע שעהן
די פרייד פון גרויסע פּיינען...

(פּאַרזאַמס)

פרייד און ציטער,
פרייד און ציטער,
אונטער טויטע הויטן קריכן אום געבורטן,
אונטער שוואַרצע בייטן טאַנצן גייסטער
מיט זאַנגען אויף די שטערנס".

(ווייסע וואָלקן)

„פול מיט פרייד און מאַכט און יוגנט,
צום אונטערגאַנג . . .

(אויפן שטראָם)

„און ניט דער הימל אויבן, ניט די ערד פון אונטן
פאַרמאָגן מערער פרייד און מער אנטציקטע 'טרערן...

און וואו דו ביסט געפאַלן פון דעם גורלס בויגן ?
און ווער עס האָט דעם לעצטן זיסן טריף געזויגן,
און אין זיין רויש דעם אויסגעלערטן כוס צעשפּליטערט ?
איך וועל ניט פרעגן און איך וועל ניט וועלן ויסן,
נאָר אין געהיימע ווינקלען וועל איך זיך פאַרשליסן,
און פילן ווי דיין הייסע ליפּ אויף מיינער ציטערט..."

(אייביק)

„איך קום מיט אַלצדינג אָן,
וואָס קלייבסטו אויס דערפון ? —
צו זיין אַ טוי אויף רויטע מאָן,
און שימערן און אויסגיין אין דער זון . . ."

(צווישן ביימער)

האָם אפּאַלאָנישע, ווידער, איז ביי יהואשן אַ דינאַמישע און לײדנשאַפטלעכע קאָנטעמפּלאַציע :

„הענגט אויף אַ צווייג
אַ גילדערנע זון אין אַ טראָפּן געפאַנגען —
ציטערט און פליטערט אַ וואַלד מיט געזאַנגען
אין אַ קליינינקן שטייג . . ."

(זעיר־אנפּין)

„זאָג איך זיך : אָט וועט געשען,
איינער פון די איינגעדרייטע וואָרצלען
וועט מיר איינוואַקסן אין לייב,
און דורך מיינע בלוטן וועלן זאַפּן
וואַסערן פון אונטער־ערדישע טייכן,
און זאַפטן פון שטומע טרויעריקע זאַכן,

וואָס ריידן ניט, און טראַכטן ניט,
נאָר וואַקסן, וואַקסן, וואַקסן..."

(ביימער)

יהואשעס אָרדענונג איז סקולפּטור־ און עפּיש־אַרטיק. זי איז אָבער אויך אַ באַוועגלעכע, פול מיט שרעקן, אַנגסטן און אַלעמאָל אין דער טעטיקייט פון באַפרייאונג. דאָס איז אַ סטרוקטור אָן דער שטרענגער, פאָרפרווירענער סימעטריע. זי איז ברייט־שוואונגיק, פריי־אָטעמדיק, ביבליש און פּרייפערזיק. יהואש אַליין האָט דאָס גערופן ניט סימעטריע, נאָר האַרמאָניע. אין זיין עסיי, „דער תנ"ך — דאָס מענטשלעכע בוך, דער בונד צווישן פעלקער", שטרייכט ער אונטער דעם אונטערשייד צווישן דעם אַפּאָלאָניש און דעם ביבלישן: „העלענישע סטיל־שיינקייט איז הויפּטזיכטלעך סימעטריע, גלייכגלי־דערדיקייט, עקוויליבריום. די שיינקייט פון די נביאים איז האַרמאָ־ניע, שיינקייט פון אומגלייכקייט, ווי די שיינקייט פון צווייגן אין אַ ווינט. אויסברוכן וואָס קומען אַרויס דירעקט פון דער נשמה און וואָס קאָנען זיך אין קיין סימעטרישער כלי ניט אַריינפּאַסן".

ניט געקוקט אויף דעם אמת און דער קלאַסישקייט פון יהואשעס ציטאַטע וועגן דעם אונטערשייד צווישן דער העלענישער און דער נביאישער שיינקייט, ליגט אָבער דער אונטערשייד אַ סך טיפער. דער אונטערשייד דאָ איז דערזעלביקער, וואָס צווישן עסטעטיק און עטיק, צווישן קונסט און וויסנשאַפט, צווישן דערקענטניש און זיט־לעכקייט. דאָס ערשטע זוכט צו אידענטיפיצירן זיך, צונויפצוגיסן זיך מיט דעם אינערלעכן ווערן און זיין פון אַ דערשיינונג, פון אַן אָביעקט, וואָס דאָס איז דער ווערט. דאָס צווייטע זוכט האַרמאָניע, פּראַגמאַטישקייט, וואָס דאָס איז באַציאונג.

יהואשעס סינטעז פון „טראַגישן אָפּטימיזם" איז אינגאַנצן אַן עטישער. ניצשע, ווידער, ביי וועמען דאָס סובלימע איז דער „אַרטיס־טישער באַצווינג פון דעם שרעקלעכן", דערזעט די וועלט אַלס אַן עס־טעטישן פענאָמען, — אַ ווערט. אויסלייזן זיך פון דעם שוואַרצסטן און האָפנונגלאָזן פּלאָנטער מיינט ביי יהואשן צו דערגרייכן אַ האַר־מאָניע, וואו דער פּראָצעס איז אַ תכליתדיקער. דאָס מיינט צו זיין

שטענדיק עטיש. דאָס מיינט צו דערגרייכן אַ באַציאונג. ביי ניצשען איז דאָס אַריסטאָקראַטישע — דער ווערט, די „הערן־מאָראַל“; און ביי יהואשן איז דאָס די באַציאונג, „די הערדן־מאָראַל“. יהואשעס הערמאַיזם איז ניט פון בלוט און קאַמף, נאָר פון זעלבסט־אָפּלייקע־נונג, פון געוויסן. דאָס קאָן מען אַרויסדרינגען אַפילו בלויז פון יהואשעס געדאַנקען וועגן דעם

„טו דיין טייל און צען מאָל מערער,
זיי דער ערשטער וואו ס'איז שווערער,
זיי דער לעצטער וואו ס'איז לייכטער;
זיי דער זייער און באַפּייכטער,
העלף דאָס גאַנצע פעלד געראָטן,
און ניט נעם אַ זאַנג פון בייט;
דין צום ליכט און לעב אין שאָטן,
לאָז פון לויב און שפּאָט פון טאַדל,
און טראָג אין טרייסט פון דיינע רייד
דעם צייכן פון דיין אדל...“

(אַריסטאָקראַטיע)

ניצשעס זוכעניש האָט זיך אָנגעהויבן מיט שאָפּענהאַוערס פּעסימיזם, און יהואשעס — מיט אַ פּאַראַמאַנטישטן ראַציאָנאַליזם. דעם אָנהייב־פּונקט גרייט צו די עפּאָכע, נאָר די מעטע ווערט צוגע־גרייט פון דעם מענטשן. איינעמס אָנהייב קאָן זיין אַ צווייטנס אויס־גאַנג־פּונקט, און דאָס לעצטע — אַ דריטנס אָנפאַנג. וויכטיק איז:

1) דער פּראָצעס פון דערגרייכונג,

2) זיינע רעזולטאַטן,

3) דער אויסוואַל (איינגנאַרט) און

4) די קוואַליטעט פונם פאַרלאַנג צו דערגרייכן דעם ציל.

די לעצטע צוויי זיינען, אין לעצטן אַנאַליז, אָפּהענגיק פון דער אינטענסיווקייט פון דער טראַדיציע, ד. ה. פונם אָנהייב־פּונקט. האָ־מער און עסכיל האָבן אָנגעהויבן פון מיטאָס און סימבאָל, פון דעם

הערֲאישן און שיינעם, און זייער זיג איבערן ווילן האָט געקאָנט געפירט ווערן ביזן בארגשפיץ; און אין אים האָט ניצשע געזען די רעכטפאַרטיקונג פון לעבן. ניצשע אַליין האָט אָנגעהויבן פון אָפּ־לייק, פון רעזיגנאַציע. איז ער, וואָס האָט פאַראַכט דעם "קריסטלעכן" פּלאַטאָ, ניט אַרויס אַליין ווי אַ פּעסימיסט, ווי אַ דעקאַדענטישער קריסט צו „העלעניזירן די וועלט"? ניט דער אידישער אָפּשטאַם פון וואַגנערן, „דער גייער", איז געווען די שולד פון וואַגנערס, ווי ניצשע האָט געטראַכט, דורכפאַל. דער טעות איז געלעגן אין דעם אָנהייב־פּונקט, אין דער טראַדיציע, וואָס ניצשע האָט אָוועקגעשטעלט פאַר וואַגנערן. דער ניצשע־וואַגנער פאַל איז אַ גוטע אילוסטראַציע ווי אַזוי קריטיק מאַכט טעותן, אויב זי קאָן ניט פריער פאַר אַלץ פעסט־שטעלן דעם אָנהייב־פּונקט פון פּאַרטיק־געגעבענע דערפאַרונגען. געשיכטע חזרט זיך איבער; קיינמאָל ניט אין דערזעלבער פאָרם, נאָר אַלעמאָל נאָך דער אָנהייב־סיבה נאָך. וואָס איז פאַר וואַגנערן גע־ווען צוגעגרייט אין מיטאָס און אין חער מוזיק? אַ פּאַרלייגטע „ניבע־לונגען", וואָס מען האָט באַדאַרפט אָפּפרישן אין דער רעאַליטעט פון אַן אַנדער עפּאָכע, אַ ליטעראַרישע טעמע, אַ מיטאָס־טעמע. און וואו איז געווען די באַכישע מוזיק, אַז פון באַכן ביז בעטהאָווענען איז זי, נאָך ניצשעס מיינונג נאָך, געווען סאָקראַטיש אין גייסט, דעקאַדענטיש, אונטערגייענדיק? איז אין דעם „ניבעלונגען רינג" ניט פאַרפאַלן געגאַנגען אַ סך מוזיק און, זוכנדיק אויסדרוק, זיך פאַרוואַנדלט אין דראַמע? די שטענדיקע טראַגעדיע — ווען בייצוקומען, מיט גראַנדיעזן פּאַרנעם און געטערמעגלעכקייטן, די אייגענע עפּאָכע און ניט קאָנען זיך אינגאַנצן אַרויסרייסן פון איר אָן שיף־ברוך. אַליין אַ ראָמאַנטיקער, „אַ נאַר אין קריסט", האָט ניצשע ניט געזען די נאַטירלעכקייט פון וואַגנערס „פאַרצווייפלטן און „אָפּגעלעבטן" ראָמאַנטיזם, און דערפאַר איז ער געווען איבעראַשט פון וואַגנערס פלוצימדיקן צוזאַמענברוך, „פאַרן הייליקן קרייץ".

יהואשעס אָנהייב־פּונקט איז געווען אַ פאַרראָמאַנטישטער ראַ־ציאָנאַליזם. דאָס איז, אייגנטלעך, רויע ראָמאַנטישקייט, סענטימענ־טאַלטקייט, אויסגעדריקט אין אַ פאָרם פון פרימיטיוון רעאַליזם. זיין אומדערמידלעכער וועג אָבער האָט געפירט דורך דעם „ווילן צום

לעבן", „ווילן צו מאַכט", כדי אַרויסצוברענגען דעם פּולן „איך". יהואש האָט אין זיינע נסיעות ניט געזוכט קיין זיגרייכע שלאַכטפעלד־טרוימען. ער האָט געזוכט זיין פולן „איך" ניט אין „„ביירוט", וואָס איז געווען פאַר ניצשען „דער סאַקראַמענט אין טאָג פון שלאַכט". יהואש האָט געזוכט זיין דערפילונג אין באַציאונגען צו אַרומיקע דערשיינונגען. ער האָט עס געזוכט אין דעם זין, אין דעם צוועק. זיינע באַציאונגען, זיין עטישקייט האָט, פאַקטיש, ניט געשטילט זיין דורשט. ער האָט געשטרעבט נאָך ווייטער, נאָך טיפער. ניט וויסנדיק אַליין, האָט ער ניט איינמאָל באַטראַכטן יענע אָביעקטיווע דערפאַרונג, וואָס פירט צו אַן עסטעטישער רעכטפאַרטיקונג. דאָרטן פלעגט יהואש אָנ־רירן און דערשפּירן דעם ווערט, דעם צענטער, וואָס האַלט אין זיך די עצם דערקענטניש.

אויב יהואשעס „טראַגישער אָפּטימיזם" האָט זיך ניט אָנגע־הויבן פון מיטאָס, האָט אָבער דער וועג אים געפירט פון שכלדיקייט צום מיטאָס. די ביבל איז פאַר דעם שפּעטערדיקן יהואשן ניט געווען קיין ליטעראַרישע טעמע, אַן אויסגאַנג־פונקט, נאָר די „אַלצדיקייט" מיט וואָס ער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן. דער ביבל־אָביעקט איז גע־וואָרן זיין איבערדיכטונג, זיין אָנרעג צום אויסדרוק; און זיין באַ־וואוסטזיין — ביבליש: זיניק און פּאַטעטיש, באַוועגלעך און קלאַ־סיש. דערפאַר איז זיין פּאָעזיע פול מיט דראַמאַטיזם און האַנדלונג. „עס ווערט מער געוויזן ווי געזאָגט, מער געמאָלט ווי באַשריבן, מער נעטאָן ווי גערעדט". ניט רייד וועגן דירעקטן צוגאַנג, נאָר דער צו־גאַנג אַליין רעדט פאַר זיך, און דערפון — יהואש דער מאָלער און דעטאַליסט, דער שוואונגיקער אָנגרייפער און ענערגישער זוכער פון עצם, פון ווערט.

אין זיין ריטם איז יהואש פול מיט אַקצענטירונגען און אונטער־שטרייכונגען, מיט איבערברוכן און מיט אַראָפּ־ און אַרויף־שטייגונ־גען, מיט רעפרענען און קאַדענצן. שטרעבנדיק נאָך אַן „אַלצדי־קייט" פון טעמע, ווערט ביי אים פאַרשידנאַרטיק פאַרענטפערט די מו־זיקאַלישע פּראַזירונג. אין אַ „געוועב" פון „אַלצדיקייט"־פאָרשטע־לונגען, דערהויבענע אָדער אַפּירגעשוואונגענע, איז זיין ריטם ניט קיין רעטאָרישע דראַמאַטישקייט, ווי דער פאַל וואָלט געווען אין רעאַליס־

טישע בילדער־דעקלאמאציעס. יהואשעס פאעטישע דינאמישקייט, זיין דראמאטיזם, זוכט אויסצודריקן דעם אינערלעכן ווערט, א דאנק דער אידענטישקייט צווישן אים און זיין אביעקט. די ביבל־, תלמוד־ און לעגענדע־מאטיוון, מיט וועלכע ער האט זיך באנוצט איידער דער „אין געוועב" פעריאדע, זיינען פאר אים ניט כאראקטעריסטיש. זיי זיינען גיכער א טעמאטישער טייל פון זיינע מאטעריאלן, איידער אן אינער־לעכער טייל פון זיין קונסט־באוואוסטזיין. דאסזעלביקע קאן געזאגט ווערן וועגן דעם מוזיקאלישן כאראקטער פון דידאזיקע מאטיוון. זיי טראגן אין זיך א מין ראציאנאליסטישע גראמען־מעכאניש־קייט, א שאבלאן פון זיין צייט. וואס פארא טייל פון די מאטיוון מען זאל ניט ארויסנעמען וועט עס דינען ווי א כלל:

„עס רוישן די בוימען פון אלטן בית־עולם
די לבנה קוקט בלייך און פארקלערט,
איצט קומען די מתים, סיי יונגע סיי אלטע,
ארויס פון דער פינצטערער ערד".

(הינטערן פארקאן)

פאר אים זיינען כאראקטעריסטיש ווענדונגען און אנפראגעס,

„מיינע אוצרות זיינען זאמד,
און וואס אנגסט איך און איך היט?
דו ליכטיקער,
דו ריכטיקער,
באשייד מיר מיין געמיט".

(דו ליכטיקער)

„ווען וועלן מיינע שיפן קומען?"

(מיינע שיפן....)

„פאטער פון מיין זעל,
„וואו זאל איך דיך געפינען? —"
פארשווערער!
קוק אן דיין ווערק:"

(ליגנטשן)

„אַ קאָרב מיט רויזן אָנגעשאָטן —
צו וואָס ?"

(איינע)

„אָ זיגל, אָ זיגל,
ווי שטאַרק וועסטו זיין ? —"

(אשמדאי)

זיין מוזיקאַלישע שטייגערונג האָט ליב דעם איבערברוך אין דער פּאָליפאָנישער פּראָזע, ווי דער פאַל איז אינם פאָלגנדיקן ליד, נאָך דער עלפטער שורה :

„איך האָב דיין רופן ניט געהערט,
און שלאָג אַצינד זיך אין דער ברוסט,
איך האָב געלעכצט און האָב באַגערט,
און ניט געמערקט אַז מיין געלוסט
געקומען ביסטו צו דערפילן . . .
איך בין ביים וועג געלעגן און געהיט,
דאָס אויער אָנגעשפּאַנט אויף יעדער טריט,
און אויסגעמאָלט אַ הויכן און אַ שטילן,
וואָס ברענט אַ נייע ערד צוטראָגן . . .
אַ וואָרט וואָס שפּרייט אַ קוויקונג אין געמיט,
אַ האַנט געגרייט צו היילן און צו קילן...
און אָנגעקומען איז אַ פייער וואָגן,
די רעדער שטורעם און געוויטער,
די פערד צום האַלדז מיט בלוט באַצוואָגן,
אין הייסער יאַגד אויף שניט און שניטער...

איך האָב דיין רופן ניט געהערט,
און שלאָג זיך אין דער ברוסט אַצונד,
דו ביסט דאָס לעבן און די ערד
און מיר אַ פעלד מיט טויטע קרייטער...
רייס אַלע וואָרצלען אויס פון גרונט,
און פליק אין פעדים אַלע בענדער,
דו יונגער, שטאַרקער שטורעמרייטער,

מיר גריסן דיך אין לעצטער שטונד,
דו שרעקלאכער, דערלייזער און פארלענדער..."
(מאַריטורי סאַלוטאַמוס)

ער פאַרטיפט זיין עמאַציאַנאַליזם און זיין שטימונג מיט דעם אויס־גאַנג־טאָן און רעטאַרד, מיטן רעפרען און איינשטיל,

„מיין קינד,
נעם אַלע דיינע בלומען צו,
און פליק זיי איינציקווייז אין זאַמד
און זאָג: איך האָב פאַרזאַמט..."
(פאַרזאַמט)

אָדער

„געפאַלן איז אַ שאָטן אויף מיין שוועל,
און קיין געשטאַלט איז ניט אַריינגעקומען...
געהערט האָב איך דאָס שוימען פון אַ וועל,
און קיינער איז צום ברעג ניט צוגעשוואומען...

מיין זעל, מיין מידע זעל,
וועסט אייביק, אייביק וואכן,
און אייביק, אייביק, פרעגן,
און תמיד וועט אַנטקעגן
דאָס לעבן שטיין און לאַכן —
מיין זעל, מיין מידע זעל..."
(שאָטנס)

פון „שימאָנע־סאַן" און „אַנגעלוס", פון „בודא־געבעט" און „די שוואַרצע טיר", דורך „געטער־דעמערונג" און „טאַמערלאַן", ביז צו „אויף די חורבות" און „שוים", וויקלט זיך פאַר אונדז פאַנאַנדער אַ רייכע און פאַרשידענאַרטיקע ריטמיק, אַ סימפאָניע פון אַלערליי מאָדולאַציעס און באַוועגונגען.

ווייל ביבליש און סימפאָניש שווימען־אויף ביי אים די הויפּט־טענער אין פאַרשידענע שליסלען און דאָס ליד קריגט אַן אָפּגלאַנץ פון אַ קלאַסישער האַרמאָניע און פון אַ המשכדיקייט.

„אַ טויזנט יאָר געוואַרט, אַ טויזנט יאָר געוואַרט,
און פּאַלט די שוואַרצע מויער,
וואו וועט איר אַלע זיין, וואו וועט איר אַלע זיין,
איר גלויבער און פאַרטרויער ?...

אַ טויזנט יאָר געוואַרט, אַ טויזנט יאָר געוואַרט,
און פּלאַצן אַלע רינגען
ווער וועט דער שטאַרקער זיין, ווער וועט דער
שטאַרקער זיין,
צו קומען און באַצווינגען ?...

אַ טויזנט יאָר געוואַרט, אַ טויזנט יאָר געוואַרט,
און טוט דער פעלז זיך שפּאַלטן,
ווער וועט צום פרישן טראַנק, ווער וועט צום
פרישן טראַנק,
זיין קרוג דער ערשטער האַלטן ?...
(אויפגאַנג)

נאָכמער באַמערקט זיך דאָס אין לידער פון גרעסערער לענג, ווי צ. ב. אין דריטן ליד „צווישן בוימען", אין צווייטן ליד „דער נביא", אין „אויפן שטראָם", „די בריק", „אויף מוטער רחלס קבר", „תהלים", „אומרו", „די שווארצע טיר", „שרעקן". זיינע איבערחזרונגען זיינען אַ מין דראַמאַטיזם פון דער מוזיקאַלישער פראַזירונג, ווי אויך אַ פּאָל־קיט, וואָס ברענגט אַרויס און טראָגט פאַנאַנדער די שטימונג שטופּנ־וויז. אַ חוץ איבערחזרונגען פון אָנהייב פערז, די ריין מוזיקאַלישע, באַווייזן זיך ביי אים אומצייליקע אויסרעכענונגען אין דעם סדר פון זיינע שורות. דאָס איז, אייגנטלעך, די דעטאַליזירונג אין דעם באַ־שרייב־מעטאָד, וואָס גיט צו פולקייט צום בילד:

„איבער די טאָלן,
איבער די פּלוינען,
איבער די קרוינען,
פון שניי אויף בערג,
אָן אַ צאָם, אָן אַ ציל, אָן אַ וועג,
הינטער שאַריקע כמאַריקע פּעק,

הינטער רויזיקע קרויזיקע שטרייפן,
מיט געפלי, מיט געפּאָך, מיט געפּייפן,
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
דער ווינט איבער בערג..."

(ווינט)

ענערגישע באַוועגונג איז יהואשעס דראַנג, און דערמיט קאָן פאַרענטפערט ווערן, וואָס אָנשטאָט אַריינפאַלן אין לאַנגווייל און מאָנאָטאָניע פון אויסרעכענונג, ווערט זיין פּילוואַרטיקייט געראַטעוועט דורך דער פולקייט פון באַוועגונג און באַשרייבונג. ווי נאָר ער קומט צו קאָנצענטראַציע, פאַלט דעמלט אָפּ דער מעטאָד פון איבערחזרונג און אויסרעכענונג, און עס באַווייזט זיך, אפשר צום ערשטן מאָל אין דער אידישער פּאָעזיע, אַ שפע פּאָעטישע פאָרמולעס און מאַקסימס, אמת, פון אַ מוזיקאַלישן און עטישן מין.

„אויף די הויכע טאָפּאָל־שפּיצן
שלאָפט איין דאָס הערבסטע בלאַט".

(אויפן לאַנד)

„נאָר ביי דער שוועל וועט שטיין גאָטס ליבשאַפט
און וועט האַרן

צו קושן דיר די וואונד, און היילן דיינע צערן...

(גאָטס הויז)

איך בין אַן אָנזאָג און אַ טרעל,
און וועלדער פייגלען הינטער מיר..."

(דער נביא)

„און פיל געבורטן סיהאָט דיין אומענד גרייט,
אין מיינע דיכן טראָג איך אַלע רויגן",

(אַ זאָמען ליכט)

„מיט טויבן אויפן ראַנד,
און שלאַנגען אויף דער לויער".

(טויבן און שלאַנגען)

„— — און שפּירן בליינדערהייט,
ווי אַלע וועלטן צוקן דורך דיין האַרץ",

(בודא געבעט)

„דער דופּט אַליין האָט אַלע מיינע שלענג געטייט."

(דער הייליקער)

דורך הוילע צווייגן האָבן
געזיפּט זיך זילבער־זאַנגען".

(הערבסט־מאָטיוון)

יהואשעס באַשרייב־מעטאָד ברענגט אין רעזולטאַט קלאַסישע פולקייט, קאָמפּאַקטע עפּישקייט און, צייטנווייז, אַנטבלויזטע פייער־לעכקייט. דער שטריך פון געוואַגטקייט טרעט בולט אַרויס אין דעם דירעקטן אופן ווי אַזוי ער באַהאַנדלט זיינע פּייזאַזשן, און ווי אַזוי ער לאָדט זיי אָן ענערגיש מיט דעטאַלן. דער פּראָצעס, וואָס פירט צום צונויפשמעלץ מיטן אָביעקט, איז ביי אים אָן אַנגרייפנדיקער, אַ שטענ־דיק־באַוועגלעכער, אַזוי, אַז עס באַמערקט זיך אַפילו ניט דער איבער־גוס פון איין טייל צום צווייטן. די קענגנוואַרט און די גאָר נאָענטע צו־קונפט זיינען די צייטן, וואָס יהואש באַנוצט צומערסטן, כדי אויס־צודריקן זיין דינאַמישקייט: „וואָלקנס רוקן זיך צו וואָלקנס", „פּאַלט אַ שאָטן אויף די פעלדער", „בייגט דעם קאָפּ די ברייטע ליפּע, לאָזט פון רעגן־גוס זיך וואַשן". אַנדערש וואָלטן זיינע באַשרייבונגען פאַר־לאָרן דעם מוזיקאַלישן שוואונג, וואָס פאַרגלעט, לינדערט זיינע אי־בערחזרונגען און אויסרעכענונגען, און פאַרוואַנדלט זיי אין לעבע־דיקע, נאָרוואָס געפורעמטע בילדער. די פאַרגאַנגענע צייט און די ווייטע צוקונפט טרעטן ביי אים בולט אַרויס אין סטאַטישע, שוין־געשעענע פּאַסירונגען, וואָס דינען ווי אַ קאַנווע פאַר פילאָסאָפיש־פּאָעטישע רעיונות און זעאונגען.

זיינע באַשרייבונגען זיינען פול מיט אַטריבוטן, וואָס שטרייכן אונטער ווי אַזוי ער האָט געזען און וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן און אַליין אַריינגעטראָגן אין דעם מאַטעריאַל. דער אַטריבוט, אָפּשפּיגלענ־דיק אָן איינגנשאַפט, וואַרפט זיך אונטער צומבעסטן דעם מאַלערישן און וואַקסנדיקן אין דעם בילד, בעת דאָס אַלעגאָרישע איז אַ צונויפ־

נעם, אַ מין עזאָטערישער צענטער פון אַ סך ליניעס, וואָס ציען זיך פון פאַרשידנאַרטיקע דערשיינונגען און זאַכן. דערפאַר איז די אַלעגאָריע ביי יהואשן צומשאַרפסטן אין ווייזיעס, וואו די פאַרגאַנגענע און ווייט־צוקונפטיקע צייט ווערט גענוצט. זיינע לידער „שוים", „די בריק", זיינע מדבר־לידער, שטאָט־לידער, זיינען אילוסטראַציעס פון דער באַלדיקער דינאַמישער באַשרייבונג, וואו עס ווערט אָנגעווענדט דער אַטריבוט. דער ברייטער פאַרנעם און אָנגעלאָדענע דעטאַלן־שטריכן דערלויבן ניט צו ציטירן פולע לידער. אַ קליינע אילוסטראַציע וועט עס אפשר באַווייזן:

„הונדערט איילן אין דער ברייט,
גרין און זילבער איז דאָס קלייד
פון דער נעבל־מיידל,
רעגנבויגנס אָנגעצויגן אויף די זוימען,
שניי און זון און שורות שווימען
איינגעוועבט אין צעפּ און פלעכטן.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ווייסע שטויבן,
שניי און זון פון אויבן,
און אַ גורט פון רעגנבויגן.
טאַנצט די נעבל־מיידל
מיט די שטאַרקע שרייעדיקע וואַסערן,
מיט די יונגע שרייעדיקע וואַסערן."

(די מיידל פון די נעפּלען)

אין די לידער ווי „שאָטנס", „הין און הער", „זעאונגען", „אין טאָל פון טויטעביינער" און אין יענע אַלע, וואָס טראָגן אין זיך אַ פּראָפעטישן טאָן, זיינען די בילדער סטאַטישער. דאָ זיינען די לידער קאָנצענטרירטער. די גאַנצע ענערגיע ווערט דאָ ניט פאַרברויכט אויף דעטאַל־באַשרייבונגען. זי ווערט פאַרווענדט אין העכערן דאָס ליד דורך אַלעגאָריע, דאָ ווערט דאָס ליד קאָמפּאַקטער, אָנגעשטרענגט־שאַרפער און רמזימדיקער:

„און ווי דו וועסט אַזוי באַפעלן,
וועט יעדער פעלז דיר האָניג קוועלן,
און ווי דו וועסט אַזוי באַשווערן,
וועט יעדער שטיין אַ ברוסט דיר ווערן".

(נאַרונג)

אַלעגאָריש זיינען אויך יענע באַשרייבונגען, וואו דער „איך"־מאָטיוו פאַרוואַנדלט זיי אין ליריק, ווי אין די לידער „דער הייליקער", „דער נביא", „דער שומר", „דערלייזונג", „אויף די חורבות", „דערוויסן"...

„די נאַכט האָט זיך גערדיקט צו מיר פאַרטרויט און ווייך,
און צוגעהערט מיט גרויסע אויגן וואָס איך טראַכט...
די גרילן האָבן אין די קליינע גרינע וואַרשטאַטס
געשליפן און געפיילט פון אַלע זייטן...
אַ פראָש איז אויפגעשפרונגען אונטער מיינע פיס,
און זאַט געקרעכצט האָט אונטער מיר דאָס פייכטע גראָז,
דער ווינט איז ערגעץ אויף די בערג
געלעגן איינגעוויקלט אין די סאָסנעס און געשלאָפן...
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

— — — — און אומגעריכט
האָט אויפגעציטערט לעבן מיר די נאַכט,
און איינער האָט גענומען אויפקלייבן די שטערן —
אַזוי ווי איך האָב נעכטן אויפגעקליבן
דעם פאַרמערס קאַרשן אין אַ קויש —"

(זומער נאַכט)

מיט דעם דעטאַל פון קלאַנג שאַפט ער דאָס פאַרשידנאַרטיק־מוזיקאַלישע און מיט דעם דעטאַל פון באַשרייבונג — דאָס מאַלע־רישע.

געוויינלעך ווערן בילדער פאַרטושירט בעת זיי גייען דורך דעם פראָצעס פון קריסטאַליזאַציע, וואָס דאַרף אַרויסטראָגן אַ סימבאָל. אַ סך פרטים פון בילד ווערן פאַרלאָרן אויך ביים דורכברעכן אַ וועג

צום ווערט פון אָביעקט, צום וויטסטן און טיפסטן אינם מאַטעריאַל. דער מאַטעריאַל אַליין איז ניט נאָכגעבנדיק און ניט באַהילפיק. פאַר־קערט, וואָס שווערער די אויפגאַבע פונם קינסטלער, אַלץ ווייניקער דורכדרינגענדיק, אַלץ תהומיקער ווערט דער מאַטעריאַל. ביי יהואשן ווערט די בולטקייט פון דעטאַלן ניט אָפּגעשוואַכט אויף זיין וועג צום אינערלעכן ווערט פון אַ דערשיינונג. זיינע דעטאַלן האַלטן אָן אַ לעבעדיקן אויסזען און אָטעם, ווי זיי וואָלטן געווען אַ שטענדיקע ווירקלעכקייט דערגאַנצט פון דעם מאָלער. דאָס ווערט ביי אים דער־גרייכט אַ דאַנק זיין דינאַמישקייט, קאָמפּאַקטקייט און אויסדויער. אָבער נאָכמער דערפאַר, וואָס דעטאַל־שילדערונג איז בלויז אַ האַלב־וועג נסיעה צום האַרץ פון דער זאַך.

דעטאַליזירן אין שילדערונגען איז אַ פּרימיטיווער אופן פון וועלן אַנטדעקן דעם ווערט פון אָביעקט. יהואש האָט טאַקע דורכגעמאַכט דעם וועג פון ראָמאַנטישן ראַציאָנאַליזם ביז צו דעם צושטאַנד פון קאָסמישן באַוואוסטזיין. דאָס איז אַ וועג, וואָס האָט אים אויסערגע־וויינלעך באַרייכערט מיט קינסטלערישע דערפאַרונגען. אָבער אָן אַ ספּעציפיש־וואַכיקן חוש פאַר פאָרם וואָלט ער ניט געקאָנט אָנווענדן און אַלעמאָל פאַרבייטן מעטאָדן, וואָס זאָלן שטימען מיט זיין מאַטע־ריאַל און מיטן רעזולטאַט פון זיין אויסדרוק. דעם מעטאָד פון דעטאַל אין דער שילדערונג האָט ער גענוצט, אמת, אין דער שווערסטער קאָמ־פּליצירטקייט: אומדערמידלעך דעטאַליזירט, אָנגעגריפן דירעקט דעם אָביעקט און אָנגעהאַלטן די דינאַמישקייט, פולקייט און קאָמפּאַקטקייט. אָבער דערדאָזיקער מעטאָד האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געדורשט נאָך אַ טיפערער און אַבסאָלוטער דערקענטניש.

זיין דערגרייכן אַנדערע מעטאָדן איז, אייגנטלעך, דער וועג, וואָס האָט געפירט פון באַציאונגען צום אָביעקט — ביז צו זיין ווערט, פון עטיק ביז עסטעטיק. זיין פאַרעטישטע עסטעטיק אונטערשיידט זיך פון דער ריינער: אין דעם אופן פון דערגרייכן דעם ווערט, און אין דעם רעזולטאַט פון דעם דערגרייכטן ווערט.

פון דעם אופן ווי אַזוי אים ווייזט זיך אויס אַן אָביעקט, גייט ער אַריבער צום אַטריבוט. דאָס איז דער אופן, דורך וועלכן ער

שרייבט צו פאַרשידענע אייגנשאַפטן צום קעגנשטאַנד, וואָס צווינגט דעם אָביעקט אַרויסצוטרעטן ווי אַ לעבעדיקע קאַטעגאָריע:

„ווען פלאַמיק זונפאַרגאַנג קושט ווילד
די וועלן זיינע — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
און פאַרב נאָך פאַרב און גלוט נאָך גלוט
פליסט פון אוקינוס אין דיין בלוט".

(וואָס איז די מאָס?)

„די ביימער־שפּריצן רוישן,
און טרייסלען אָפּ אַ טרוים..."

(אויפן לאַנד)

„אויבן וואָלקנס ווילד צעפלאַקערט,
אונטן בייטן גאָלד צעאַקערט.."

(אויפן ים)

„און ערגעץ אין אַ ווינקל איז אַ פלאַם
געשפּרונגען און געלעקט די נאַכט.."

(נאַכט)

שטרעבנדיק אָבער צו אַנטדעקן די עסענץ פון אַ דערשיינונג, געפינט ער, אַז ער מוז זיך באַנוצן מיט אַ ראַפינירטערן מיטל, מיט דער אַלעגאָריע, און, צום סוף, מיטן סימבאָל. דורך דעם וואָס ער טראַגט איבער דעם זין פון איין זאַך אויף דער צווייטער, דייט ער אָן אויף אַ טיפערן זין פונם קעגנשטאַנד. וואָס ווייטער ער גייט אַוועק פון שילדערונג און וואָס דירעקטער ער קומט צו צום אַטריבוט, אַלץ ווייניקער ווערטער נוצט ער, אַלץ פאָרמולאַטיווער באַווייזט זיך זיין שורה:

„בלומען ליכט באַגאָסענע
לאַכן רונד אַרום,
איינע אַ פאַרשלאָסענע
שטייט די אָוונט־בלום..

בלאַט אויף בלאַט פאַרדעקנדיק
אין אַ קנויל געדרייט,
טוליעט זי זיך שרעקנדיק
ביז דער טאָג פאַרגייט..."

שטאַרבט די זון זיך טוקנדיק
אין אַ טייך מיט בלוט,
קומט די נאַכט, באַקוקנדיק,
וואָס די שטילע טוט...

פינטלען שטערן טויזנטער,
זוכן זיי די בלום:
„טויט דער טאָג דער ברויזנדער,
קום, דו קליינע, קום..."

שפּרינגט זי אויף אַ ציכטיקע,
נאַקעט פון איר כוס...
פאַלן שטערן ליכטיקע,
שמאַכטנדיק אין גראָז..."

(נאַכט־בלום)

אָדער

„אַ שטערן איז אַריינגעפאַלן
דורכן שויב,
איז מיין שוואַרצע פעדער
טויט געבליבן אין די פינגער.
האָבן אַלע קליינע שיינע זאַכן
זיך אויסגעשאָטן און צעפלויגן
ווי שטויב פון אַלטע בגדים
און כיבין געבליבן ברייט און ליידיק
ווי אַ שנייאיק פעלד
מיטן שטערן אין דער מיט..."

(אַ שטערן)

אויך דער מעטאַד פון דעם אָביעקטס דירעקטן איינדרוק אויפן דיכטער שפּילט אַ גרויסע ראָל אין יהואשעס לידער. די עמ־פינדלעכקייט פונם דיכטער ווערט אונטערגעשטראָכן און גיט אַ קלאָרע מעגלעכקייט צו באַגרייפן די פּערזענלעכקייט. דאָס פּאַנאַניסטישע אין דער שילדערונג, דאָס קוויקן זיך מיט דער שילדערונג אַליין, טרעט אַפּ פאַר די איבערלעבונגען פונם דיכטער. די ליבשאַפט פון מאָלן אַליין אַלס אַ טעטיקייט, ווי צ. ב.

„ביז פון דער ווײַטן וועט אַ פונקלדיקער ראָד
זיך גליטשן אויפן וואַסער, און אַ קאַרעהאָד
פון שטערן וועט זיך פיצלען און צעפאַלן
איז בלויע שאָטנדיקע וואַלן —"

(שוים)

ווערט פאַרביטן אויף אַ דראַנג צו פאַרשטיין דעם מהות, דעם זין, דעם צוועק פון אַ דערשיינונג:

„איך האָב געוויינט און האָב פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט
און ניט געוואוסט פון וואָס,
אין דרויסן ביי מיין קאַמער האָט אַ גריל געקלאַפּט,
באַהאַלטן אין זיין גראָז.
פון פענצטער איז ווי דינע אייז אַ ווייסער פּאַס
געפאַלן איבער מיר;
איך בין געלעגן שטאַר, די ברעמען קאַלט און נאַס,
און שטום געקוקט צום טיר".

(איך האָב געוויינט)

יהואשעס דירעקטקייט, פּינקטלעכקייט און דעטאַל־שילדערונג פון זיין יעדן מעטאָד העלפן אים אַרויסצוברענגען דעם פולן קערן פון זיין אויסדרוק. זיי גרייכן אָבער ניט דעם אַבסאָלוטן ווערט פון אַ דערשיינונג, פון אַן אָביעקט. ווי גרינג עס וואָלט פאַרענטפערט געוואָרן די הויפּט־פּראָבלעם פון דער עסטעטיק, און דערמיט אויך פון דער מעטאַפיזיק, ווען ס'וואָלט געווען אַ דירעקטער וועג אַריינצודרינגען אין אַ דערשיינונג, אין אַן אָביעקט. וויסנשאַפט וואָלט דעמלט פאַרנומען דאָס אָרט פון קונסט, און לאָגישקייט און אינפערענציאַלקייט וואָלטן פאַרביטן דאָס שטייגן פון קינסטלערישע דערפינדונגען. דער פּראָצעס פון אויפלויכט וואָלט, אַזוינאָך, געוואָרן אוממעגלעך. און דער וועג, וואָס פירט צו אידענטיטעט פון סוביעקט און אָביעקט, צום צונויפשמעלץ אין אַ קינסטלעריש באַוואוסטזיין, און דורכדעם צום געפיל פון אומשטערבלעכקייט, — וואָלט אָפּגעווישט געוואָרן. עסטעטיק איז דער דראַנג צו אַנטפּלעקן דעם אָביעקטס אינערלעכן ווערט; אירע אַבסטראַקציעס רוקן אַרויס דעם אָביעקט אַזוי, אַז ער זאָל אויפלויכטן און

הערקענט ווערן. דאָס איז, אייגנטלעך, ריינער סימבאָליזם. סימבאָליזם איז אַן אוניווערסאַליזירונג אָדער אָביעקטיוויזירונג פון אַ ווערט. אַן איינדרוק פון דעם ענגאַ ווערט אַנגענומען פאַר אַן איינדרוק וואָס אַנט־האַלט אַן אוניווערסאַלן אמת בלויז דעמלט, ווען ער ווערט אומאָפּ־הענגיק פון דעמזעלבן ענגאַ; ווען דערדאָזיקער אמת איז אַנווענדבאַר ווי אַן איינדרוק אויף אַנדערע. דער אינטערעס דערפון ליגט דעמלט ניט אין דעם ענגאַ, און ווערט דערפאַר אַן אָביעקטיווער ווערט.

ביי יהואשן שפּילט דער סימבאָליזם ניט קיין אָביעקטיווע, נאָר אַ סוביעקטיווע ראָל. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס זיין הויפּטזאַכ־לעכע נייגונג איז געווענדט צו זיינע מעטאָדן פון אַנטדעקן דעם אטרי־בוט. כאָטש ער באַמיט זיך צו קומען און קומט פון דעם אָביעקטס באַציאונגען און שייכותן — צום ווערט, דערגרייכט ער בלויז דעם סוביעקטיוון ווערט. זיינע סימבאָלן ווערן ניט אָפּגעטיילט פון זיין ענגאַ און בלייבן דערפאַר אויף ווייטער אין שייכות מיט אים:

„ווער האָט מיין זעל געווערדיקט און געווײַלט
צו זיין די פייל פון זיין געהיימען בויגן?"

(אור זרוע...)

„איך בין דער אַקער, און די זאָט,
איך בין דער שטורעם און דער בראַנד..."

(דער נביא)

„ווען איך בין פויגל און בין טרעל,
ווען איך בין רינג און איך בין קייט —
ווען איך בין שפּראָץ צום ערשטן מאָל באַפּאַרבט
פון זון, און אויך דער גערשט וואָס שטאַרבט
אין טיפעניש פון בייט"

(דאַנק)

דידאָזיקע עטישקייט אין זיין סימבאָליזם ווערט נאָך בולטער אין יענעם מעטאָד, וואָס איז ווייטער און טיפער ווי עס איז דער אימ־פּרעסיאָניזם. מיט יענעם טיפן מעטאָד באַנוצט זיך יהואש איידער ער גיסט זיך צונויף מיט זיין אָביעקט. דאָס איז דער מעטאָד פון

לאָזן די דערשײנונג, דעם אָביעקט אַרײַנצודרינגען אין דעם סובּ־יעקט, אין זיך אַלײן:

„האָב אַלע װײַסע שטערן אײַנגעזױגן,
און ליג אין װײַסן שימער אױסגעשפּרײט,
און פיל געבורטן ס׳האָט דײַן אומענד גרײט,
אין מײַנע דיכן טראָג איך אַלע רױגן".
(אַ זאַמען ליכט)

„מײַן צוקאָפּנס זײַנען
האַרטע אײַנגעדרײטע װאָרצלען,
זאָג איך זיך: אַט װעט געשען,
אײנער פון די אײַנגעדרײטע װאָרצלען
װעט מיר אײַנװאַקסן אין לײַב,
און דורך מײַנע בלוטן װעלן זאַפטן
װאַסערן פון אונטער־ערדישע טײַכן,
און זאַפטן פון שטומע טרויעריקע זאַכן,
װאָס רײדן ניט, און טראַכטן ניט,
נאָר װאַקסן, װאַקסן, װאַקסן..."
(בוימער)

„דער װינטער האָט מיר אײַז אַרײַנגעפראָרן
אין געבליט"
(װײַסע װאָלקן)

„אַ זאָמען ליכט איז אײַנגעזײט אין מיר,
װי אין דעם גרונט איז אײַנגעזײט אַ קערן",
(אַ זאָמען ליכט)

„איך װעל געהאָרכיק טרינקען אַלע סמען,
נאָר זאָל דײַן האַנט דעם כּוס צו מיר געגעבן,
כ׳װעל זױגן גאַל װי ס׳קינד די ברוסט פון מאַמען,
און װעל באַגלײַך אויף דײַנע הענט זיך לעבן".
(אַ זאָמען ליכט)

די װעגן, װאָס פירן צום קאָסמישן באַװאוסטזײַן, קאָנען זײַן

אָביעקטיווע און סוביעקטיווע; עסטעטישע און עטישע. אין דער אי־דענטיטעט, אין דעם צונויפגיסן זיך מיט א דערשיינונג, מיט אַן אָביעקט, קאָן מען אונטערשיידן צוויי פאַלן:

1) ווען דער סוביעקט דרינגט אריין אינם אָביעקט;

2) ווען דער אָביעקט דרינגט אריין אין דעם סוביעקט.

אין דעם ערשטן פאַל, ווען דער עגאָ טרעט אריין אינם אָביעקט, ווערט ער אויף אַזויפיל קלענער פונם אָביעקט, אַז אַנטפּלעקנדיק די עסענץ פונם אָביעקט, ווערט דער עגאָ אַלץ אומבאַדייטנדיקער, ביז וואַנעט ער ווערט אינגאַנצן פאַרלוירן. ער ווערט אומפּערזענלעך. אַזוי פּאַסירט עס אין דעם ריינעם סימבאָליזם. דאָרט ווערט די אָביעקטיווקייט געשאַפן צוליב דעם פאַרשווינדן פונם עגאָ. צוליב דער געשאַפענער איינ־יקייט טרעטן ניט ארויס די שייכותן פון איין קאַטעגאָריע צו דער אַנדערער. דער אָביעקט ווערט אַן אומאָפּהענגיקע דערשיינונג, מיט שאַרפע קאָנטרון. דאָס, אייגנטלעך, איז דער ציל פון דער עסטעטיק.

אין דעם צווייטן פאַל, ווען דער אָביעקט דרינגט אריין אין דעם סוביעקט, בעסער געזאָגט, ווען דער אָביעקט ווערט פון דעם עגאָ אריינגעלאָזן אין זיך, ווערט דער עגאָטיזם פון דעם סוביעקט פּילפאַך פאַרגרעסערט. די דערשיינונג, דער אָביקט, ווערט פון דעם עגאָ באַנוצט אַלס אַן אָנהייב־פּונקט, אַ מיטל. ער ווערט, נאַטירלעכערהייט, פּילפאַך פאַרקלענערט, אָבער ניט פאַרשוואונדן. ער בלייבט פּערזענ־לעך. דער צושטאַנד ווערט דאָ אַ סוביעקטיווער. צוליב דער באַצי־אונג פון איין קאַטעגאָריע צו דער צווייטער ווערט דער סוביעקטיווער צושטאַנד אַן עטישער.

ביידע וועגן קאָנען פירן צו אַ קאָסמיש באַוואוסטזיין, צום צו־נויפגיסן זיך מיטן אָביעקט אין איינס, און ווערן מיט אים אידענטי־פיצירט. מען דערגרייכט אָבער שאַרפערע קאָנטורן און פּינטקלעכערע דערקענטנישן פון אָביעקטיווע איידער פון סוביעקטיווע ווערטן. דורך דער עסטעטיק מער ווי דורך דער עטיק. דורך אַנטפּערזענלעכן זיך מער ווי דורך קאָנצענטרירן דאָס אייגענע און דאָס אייגנטימלעכע פון דער פּערזענלעכקייט. דאָס גרעסערע וויסן, דער רעזולטאַט פון אַן אַנטפּלעקונג, ליגט אין דעם סוביעקטס אריינדרינגען אין אַ גרעסערער

זאך ווי ער אליין איז . דער ארייננעדרונגענער אָביעקט ווערט חער סימבאָל, דער קאָסמישער אספעקט פון א דערקענטער זאך. אין דעם פאַרקערטן פאַל איז דער ענגאַ גרעסער פון דעם אָביעקט, וואָס טרעט אין אים אריין, און דער אָביעקט ווערט אזוינאָך וויניקער דערקענט.

פון באַציאונגען אליין דערפירט יהואש זיין דערקענטניש צום ווערט. זיין דערקענטניש איז א סוביעקטיווע, א פערזענלעכע; זיין שטרעבונג, ווידער, איז צו דערגרייכן דאָס אָביעקטיווע, דאָס וויטע. רעכנט מען זיך נאָך מיט זיין צייט און מיט דעם עטישן ווי מיט א ספּעציפיש אידישן אָנהאַלט, ווערט העמלט פאַרשטענדלעכער דער מאַרטירער־וועג, וואָס יהואש איז דורכגעגאַנגען מיט ווילן אָגן אויסדרויער. דיסציפּלין איז א פאָדערונג פון קונסט. ווי העראָ־איש איז זי אָבער ביי פּיאָנערן מיט דינאַמישע נאַטורן. זייער באַ־וואוסטזיין טרייבט זיי ארויסצורייסן זיך פון זייערע, זיי געגעבענע, גרענעצן, און פאַרוואַנדלען זייער העכסטע דערגרייכונג אין א קלאָרער דערקענטניש. יהואשן איז געווען קלאָר זיין וועג און דערפאַר זיינען זיינע שטרעבונגען אזוי זיניק און אָנגרייפנדיק. די סוביעקטיווע ווערטן באַפרידיקן אים ניט. שטרעבט ער דען ניט צו בייצוקומען זיין עגאָאיזם אין צוזאַמענגוס מיט דער דרויסנדיקער וועלט? איז דען ניט די באַפרידיקונג דער וועג, וואָס פירט צו טויט? וויפל ראַסן־סיבות ליגן הינטער זיין בענקשאַפט נאָך אָביעקטיווע ווערטן, און וויפל באַ־דויער און טראַגישער אָפּטימיזם — ביים האַרץ פון דרויסנדיקן אָביעקט:

„אָ פרילינג, ווי וואָלט איך זיך וועלן פאַרבייטן
אין ליכטיק געפּאַרבענעם בלאַט פון אַ בלום". (פרילינג)

און זיין פאַרלאַנג איז שטענדיק געווען צו ווערן דער ריינער אָביעקט, צו ווערן

„.... אַ זום־זום דורכן טאָג,
און שלומערן אין אָוונט אויף אַ זאַנג"....

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צו זיין אַ טוי אויף רויטע מאָן
און שימערן און אויסגיין אין דער זון"....

(צווישן בוימער)

זיין דראַנג צום אַבסאָלוטן ווערט האָט אין אים אַרויסגערופן גראָטעסקע בילדער, זעאונגען און טיפע איינלעבונגען:

„אונטער טויטע הויטן קריכן אום געבורטן,
אונטער שוואַרצע בייטן טאַנצן גייסטער
מיט זאַנגען אויף די שטערנס".

(ווייסע וואָלקן)

„וועם ווי דיך באַקלעמט דער אָוונט־רעגן
וואָס שלוכצט אין דער געדיכטעניש פון קרייטער?"

(וועם ווי דיך)

זוכנדיק צו דערגרייכן דעם אבסאָלוטן ווערט, פלעגט אין אים לעבן אַ געפיל, אַז ער האָט אין בייקומען איבערמענטשלעכע שטע־רונגען. און אַזעלכע שטערונגען האָבן באמת עקזיסטירט. ניט פאַר־לאָזנדיק סוביעקטיווע באַציאונגען צו דערשיינונגען, איז אויסערגע־וויינלעך שווער, כמעט אוממעגלעך, אויך אָנצורירן בעשת מעשה דעם אָביעקטיוון ווערט פון דיזעלביקע דערשיינונגען. און פלעגט ער דאָ דערגרייכן שלימות, איז דאָס געווען דער עקוויליבריום צווישן די צוויי צושטאַנדן. אין מאָמענטן פון אַזאַ דערגרייכטער באַלאַנסירונג פלעגט דאָס געפיל פון ווען בייקומען, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סענ־סואַליזם; און אין מאָמענטן פון ניט איינגעשטילטע קאָנפליקטן — אין אַן איבערפלוס פון ליידנשאַפט.

„.... איז אַ צווייג אין אַ צווייג
און אַ שטאַם אין צווייטן פאַרשלונגען געוואָרן —
צוזאַמענגעקוושט אין אַ בונד אַ געהיימען..."

(אין וואַלד)

„און אַ ברייטע ערד מיט אָנגעקוואָלענע בריסט
וועט זיך קרעמפן, וועט זיך שטרעקן:
געבורט, געבורט".

(ווייסע וואָלקן)

אויך מיט דער פאַרעטישטער עסטעטיק האָט זיך יהואש ניט באַ־נוגנט. וואָס ווייטער און טיפער פון דעם דערגרייכטן עקוויליבריום,

דעם באַלאַנס צווישן סוביעקטיווקייט און אָביעקטיווקייט, אַלץ מאַ־טערנדיקער ווערט די פּראָבלעם. ווען מען זאָפּט אין זיך אַריין, ווען מען טראָגט אין זיך אַ דערשיינונג, וואַקסט דערביי דער אייגענטער עגאָ־טיזם, די אייגענע פּערזענלעכקייט. דעמלט לייזט זיך אויף אין דער פּערזענלעכקייט די גאַנצע דערשיינונג. אין אַזאַ צושטאַנד איז עס אוממעגלעך צו לאָזן דעם עגאָטיזם, די פּערזענלעכקייט וואַקסן אין זיך, און אין דערזעלביקער צייט זיך אַנטפּערזענלעכן, אויפלייזן זיך אין דער דערשיינונג, בעת זי אַליין, די דערשיינונג, האַלט אין פאַר־שווינדן.

דאָס מענטשלעכע לשון ווערט אומבאַהאָלפן, פּאַראַליזירט אין דער טראַנסצענדענטאַלער וועלט, ווען דער עגאָטיזם, די פּערזענלעכקייט, וויל אָנהאַלטן האַרט די פולע סוביעקטיווקייט. ביי דראַנגיקע, אַק־טיווע נאַטורן ווערט דאָס וואָרט, אין דעם פאַל, הילכיק, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אויך געריסן אַריבער די גרענעצן פון וואָרט. „דער יחיד קאָן ניט פאַבריצירן זיין אייגענעם לשון, און אַז ער וואָלט אַזאַ לשון פאַבריצירט וואָלטן אים זיינע מיט־יחידים ניט פאַרשטאַנען" (פון דער עסיי איבערן תנ"ך). האָט יהואָש געמוזט אָנווענדן אַזאַ וואָרט אָדער אַזאַ אויסדרוק פאַר זיינע באַגריפן, וואָס איז שוין געווען אין דער שפּראַך און וואָס האָט אין „דער פּריזם פון... (זיין)... נשמה אַן אַנדער פאַרב און... אויך אַן אַנדער באַגריף". דאָס האָט ער געזוכט און געפונען. און ווי ניט־פּאַסיק עס זאָל, צייטנווייז, ניט קלינגען זיינער אַן אויסדרוק אין אַזאַ פאַל, געהערט עס נאָך אַלץ צו די לאָגישסטע און פּינקטלעכסטע אויסדרוקן פון יהואָשעס בילד און באַגריף. טראַכט מען זיך טיפער אַריין אין יהואָשעס אַן איבערגע־טריבענעם אויסדרוק אָדער בילד, דערזעט מען עס ווי דורך זיין איי־גענער פּריזמע.

„איך בין געקראָכן אויף דעם וועג דעם גראָען,
האָט פון דיין טריט געשפּריצט אויף מיר אַ שטויב".
(אַ זאָמען ליכט)

„אַז די טיר וועט בלייבן צוגעשלאָסן פעסט
און ווייסן וועסטו ניט צומאָל אוואו דער שלאָס,

האַלטן וועסטו דיינע ליפּן צוגעפּרעסט
צום שוועל, ווי ס׳שוט די בין צום צוגעמאַכטן שפּראָץ".
(אַז די טיר וועט בלייבן צוגעשלאָסן)

„און אין רויזנקנאָספּ לעכצט די געזעטיקסטע קוויט,
איר פעסטונג פאַנאַנדערצערייסן..."
(קום צו מיר)

„שוין ברעכט דער גייסט די צאַמען,
שוין איז דאָס האַרץ אין פלאַמען,
שוין פלאַקערט דאָס געבליט..."
(דאָס ניט געזונגענע ליד)

דערגרייכנדיק דעם ווערט פון אָביעקט, ווען אַפילו דעם סוביעק־טיוון, געפינט ער זיך אין אַ וועלט פון טראַנסצענדענטאַלע דערשיי־נונגען און ראָמאַנטיזם. אין דערדאָזיקער וועלט אָבער איז ער, אַ דאַנק זיין אומפאַנג, דורכדרינגלעכקייט און זיין דעטאַל־מעטאָד אין דער שילדערונג, — אַ רעאַליסט. אַ גייסטיקער רעוואָלוציאָנער ניט נאָר פון געדאַנק, נאָר אויך אין דער פאָרשטעלונג־קראַפט, געפיל און אויסדרוק, איז דער טראַנסצענדענטאַלער רעאַליסט אין אים דער זעער פון דעם אמתן ווערט; יענעם ווערט, וואָס געפינט זיך אויסער דער באַגרענעצטער, רעאַלער וועלט. ער ווערט דער פאַקטישער פולער אויסדריקער פון דעם פּינקטלעכן פון דעמדאָזיקן ווערט.

אין אַ צייט פון ראַציאָנאַליזאַציע, רעוויזיע פון אַלטע אידייען אין דער רעליגיע, פילאָסאָפיע און סאָציאַלע סיסטעמען; אין אַ צייט פון וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס און אויפשטייג פון קלאַס־באַוואוסט־זיין, האָט יהואָש אַריינגעטראָגן דעם גייסט פון ראָמאַנטיזם אין דער וועלט פון פאַקטן. אין דעם ליגט דער צוזאַמענהאַנג צווישן יהואָשן, דעם זעער פון סוביעקטיווע ווערטן, און דעם רעאַליזם, וואָס פאָר־דערט באַציאונגען. פאַקטן האָט ער ניט באַנומען ווי ווירקלעכקייטן, פּאַסיקע פאַר פאָטאָגראַפיעס און פלאַך־שילדערונגען, נאָר ער האָט זיי באַוויזן אין דעם טיפערן צושטאַנד, אין דעם ווערט. יהואָש איז אַ ראָמאַנטיקער, אין דעם זין פון באַהאַנדלען פריי אַלע דערשיינונגען פון לעבן און פון פאָרשטעלונגען. דעריבער שפּיגלט ער אָפּ די קאָמ־

■ליצירטקייט פו אונדזער לעבן, און נוצט דערפאר פארשידענע איני־האלטן און פארמען. זיין קינסטלערישע ענערגיע פארוואנדלט פאקטן פון דער אנגענומענער ווירקלעכער וועלט — אין פאעזיע. ער שטעלט טאקע דעם מאראלישן אינסטינקט העכער פון געוויינלעכע איבערציי־גונגען, דאס אידעאליסטישע איבער דעם אוטיליטארן און מאטעריא־ליסטישן. אבער ער דערהויבט ניט דעם אינסטינקט העכער פון געדאנק, דעם יחיד העכער פון דעם כלל. א דאנק זיין באוואוסטזיין סינטעזירט ער דאס רעאלע און ראמאנטישע. זיין סאציאלער חוש איז, אזוינאך, פארעסטעטישט. ער פארוואנדלט יעדע דערפארונג אין א פאעטישן אפ־רוף. אין זיינע לידער, וואו עס שפיגלען זיך אפ די וועלט־מלחמה, די רוסלענדישע רעוואלוציע און נאציאנאלע באפרייאונג, מישן זיך ווירקלעכקייטן מיט אלעגאריעס און סימבאלן. „מאקסוויני", „גע־פעלשט", „לינטשן", „פירער", „שמיד דו יונגער", „אויפן וועג", „פארשאלטן" זיינען אקטועלע צייט־מאטיוון דערהויבן צו אוניווער־סאלקייט.

„.... דו ווייסט ניט פון דיין מאכט,
אונדזער שאנד האט דיך באשערט,
אונדזער כעס האט דיך גענערט...
אונדזער נויט האט דיך באשערט,
דו פארויס, און מיר באנייט
אויסגעוואקסן וואונדער־לייט..."

(פירער)

„האט דיין ליבשאפט ניט דיין כעס בארוט,
און האט דיין פיינטשאפט און דיין צארניק בלוט
צומאל ניט שטארק געמאכט דיין ארעם,
צערייס דיין קלייד און לאז פאנאנדער
דיינע האר און וואנדער
אום אין שווארצע נעכט ארום די קברים,
און טראכט ניט וואס דו ווערסט,
און פרעג ניט וואס דו ביסט,
נאר ווי א טויטער ווארעם
דריי זיך איין אין טויט און פעסט".

(צווישן קברים)

„דער וואָס האָט געפּעלשט אָן זיינע ברידער,
און פאַרלייקנט זייער פּיין,
וואָס זאָל זיין חרם זיין?
מיט שוואַרצע ליכט?
מיט שופרות פאַרן אָרון־קודש?
אַלע שוואַרצע ליכט פאַרלעשן וועט אַ בייזער הויך;
אַלע שופרות וועט פאַרשרייען
דער הילך פון גאָלד,
דער קלונג פון שפּאָרן;
אַלע קללות וועט פארמעקן
די גלאַטע צונג און דער פאַרשייטער פּנים...
וואָס זאָל דער חרם זיין? —
שטילערהייט און נאָכאַנאַנד,
און ווי די בלעטער פון אַברייטן וואַלד,
דורך אַלע לענדער און דורך אַלע צייטן
אַ שוואַרץ געדעכעניש:
„פאַרעטער!..."

(פאַרעטער)

נביאיש־דראַמאַטיש און עטיש איז יהואשעס צאָרן, האַס און האָפנונג אין זיינע צייט־לידער. זיינע צייט־לידער זיינען אַ סינטעז פון „פאַרשאָלטן" און פון „דערלייזונג" פון דעם יחיד און פון קאָלעקטיוו, פון דעם פאַקטישן און דעם אידעאַלן. אַן עטיש־עסטעטישע פּערזענלעכקייט, נעמט ער אָן זיין צייט און פאַרוואַנדלט זי אין צייט־לאָזיקייט, באַוועלטיקט ווירקלעכקייט און טראָגט פון זי אַרויס טרוי־מען און ווערטן. ער איז אַ פּעסימיסטישע נאַטור און אַ טראַגיש־אָפּטימיסטישער קלאָר־זעער, וואָס שטרעבט אומדערמידלעך צו דעם הערצאישן און דעם מיטאָס. ער איז צוגלייך אַן אַטעאיסט, וואָס זוכט דעם ווערט פון דרויסנדיקע דערשיינונגען, און אַ מאַמין. ער פילט די אומשטערבלעכקייט פון זיין

„טויזנט־טויזנט יאָרן בין איך אַלט,
און טויזנט־טויזנט יאָרן וועל איך אַלט זיין..."
(אויף די חורבות)

„און ביסט ווי הונדערט פרילינגס יונג,
און ביסט ווי הונדערט הימלען ברייט".
(וואָס איז די מאָס ?)

און ער וויל, ווי אַ גלויביקער, פאַראייביקן דעם זיין

„מייסטער און פירשט און האַר,
אומגעזעענער, אויביק־געגאַרטער,
ניט פאַרשווינד.
פלימער אַזוי ווי אַ שאָטן אין נעבל,
צינד זיך אָן ווי אַ שימער דורך וואָלקן,
און פיר אונדז . . ."
(מייסטער און פירשט און האַר)

זייענדיק אַן עטיקער און אַן עסטעטיקער, זוכט ער זין און צו־זאַמענהאַנג פון לעבן, ווי אַזוי צו דערגרייכן שלימות און אַנטפּלעקן זיין עצם. ער געפינט מיט דער הילף פון זיין באַוואוסטזיין, ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט, דאָס עטישע, דאָס עגאָטיסטישע אין זיך אַליין, דורכגייענדיק דערביי געוועבן פון דער עסטעטיק.

האָב איך אַ געוועב געוועבט,
— — — — — — — — — — — —
און זע ווי טרייסטיק און געבענטשט
מיין געוועב איז אַרויסגעקומען".
„אין שווארצע וואַסערן
האָב איך אָנגעשעפּט
— — — — — — — — — — — — — — —
און זע דאָס ליכט
וואָס איך האָב אויפגעפאַנגען".
(אַ זאַמען ליכט)

„די שטראַלן האָבן מיך געשטאָכן,
דער שימער האָט מיין קראַפט געבראָכן,
האָב איך די אויגן פעסט פאַרזיגלט,

און פון דער פינסטערניש האָט העל
אַרויסגעבליצט אַ שטערן —
איז דאָס געווען דער קערן,
דער קערן פון מיין זעל..."

(דער קערן)

וועלנדיק פאַרוואַנדלען אין אַן אייביקייט די רגע
"... ווען פון יעדן שטיינדל טוייט
אַרויס דאָס שטומע האַרץ — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
און אַלע קנופּן ווערן אָפּגעריסן — — — — — — —

(פּאַראַ אַ רגע)

רירט ער אָן אַן אייביקע פּראָבלעם פון דעם עטיק־עסטעטיק סינטעז. דערמיט דערגרייכט ער אין זיינע לידער ווערטן, אמת, סוביעקטיווע, דאָך באמת ער זיך צו דערגרייכן אָביעקטיווערע דערקענטנישן, אַבסאָלוטע ווערטן. די דאָזיקע אַבסאָלוטע זיינען דאָס די ריין־עסטעטישע ווערטן, פאַר וואָס ער האָט אַזויפיל כוחות פאַרלאָרן און נאָך וואָס ער האָט אַזויפיל געדורשט.

צום באַדויערן האָט זיין עפּאָכע ניט נאָר פאַלש געטייטשט דאָס וואָרט „אינטואיציע", נאָך אויך דאָס וואָרט „עסטעטיק".

מען האָט ניט צוגעשריבן צו דער עסטעטיק די אַנטפּלעקונג פון דעם אינערלעכן ווערט פון אַ דערשיינונג, פון אַן אָביעקט, אינגאַנצן אָפּטיילנדיק זיך פון זיך אַליין. מען האָט ניט אָנגענומען עסטעטיק ווי די עצם וועלט־דערקענטניש דרויסן פון אונדז. קעגן דעם עטישן, עגאָטיסטישן, ענג־סוביעקטיוון באַגריף וועגן שיינקייט, וואָס רוט אויף שטענדיקע באַציאונגען צו דרויסנדיקע דערשיינונגען, קעגן דעם האָט מען ניט געשטעלט, ווי אַ קעגנזאַץ, דעם אַבסאָלוטן אָנט־פּלעקטן ווערט, דאָס טיפסטע פון אַ דערשיינונג, פון אַ וועלט. קעגן דעם האָט מען אַרויסגערוקט אַ יונגטלעכן, סענטימענטאַלן סענסואַליזם. און מען האָט, לײדער, געגלויבט, אַז עסטעטיק מיינט: פּוצעריי און אידייעלאָזיקייט, אַ־מאָראַלישקייט און עלפנביין־טורעמדיקייט.

מען האָט געקאָנט מערקן ביי יהואשען, ערגעץ וואו, איינפלוסן פון אַזעלכע מאָראַליסטישע באַגריפן. יהואשעס דראַנג נאָך דיסציפּלין און עסטעטישע ווערטן האָט אים אָבער אַלץ מער און מער דערווייטערט פון דידאַקטישע אויבנאויפיקייטן. יהואש זוכט און געפינט דעם עקוויליבריום צווישן עטישע באַציאונגען און עסטעטישע ווערטן. דאָס איז פאַר אים דער סינטעז פון עטיק און עסטעטיק. די דאַזיקע לייזונג געפינט ער אין דער נביאישער אויפפאַסונג פון שיינקייט, וואָס איז אפילו אין תוך פערזענלעך און עטיש, פול מיט באַציאונגען.

„ווען איך הער זיך צו צו די אַלע פאַרשיידענע נייע שטימען, וואָס ווערן אַלץ הערבאַרער אין דער וועלט פון קונסט און ליטעראַטור, דאַכט מיר, אַז די מאָדערנע דיכטונג ווערט אַלץ מער העברעאישער, אידישער. די פּוצעריי מיט ווערטער, די גראַם און קלאַנג קינסטלעריי, מאַכן פּלאַץ פאַר אוממיטלבאַרן אויסדרוק, פאַר רויע געזונטע ווערטער, אַזוי ווי שטיקער אויפגעאַקערטע ערד. דער ריטם איז ניט דער קאָנווענציאָנעלער הין־און־העריקער, טאַנצנדיק, זיך חנדלענדיק, ווי עמיצער פאַריכט זיין קראַוואַט פאַרן שפּיגל, נאָר דער ריטם פון וואַלדן און ערד, דער ריטם פון שטורעם און דונער אָדער פון דעם פאַרבןכאַאָס פון זונאונטערגאַנג.

אין לעצטן אַנאַליז איז שיינקייט און עטיק איינס. אַזוי איז עס געווען ביי די נביאים. דאָס איז די אידישע אויפפאַסונג פון שיינקייט. גאָט איז דער מקור און פאַרמאָדעל פון שיינקייט און פון גערעכטיקייט און פון ריינקייט אין איינעם. און דער קולט פון שיינקייט איז גאָטדינסט, און דער דיכטער איז אַ כוהן און אַ נביא, און יעטוועדעס וואָרט זיינס מוז קוועלן פון אַ גלויבן, פון אַ טיפן גאָט־גלויבן, פון אַ טיפן דראַנג צו לויטערקייט און צו ריינקייט פון לייב און זעל“.
(דער תנ״ך — דאָס מענטשלעכע בוך, דער בונד צווישן פעלקער).

א. ליעסין.

א. ליעסין

די אנטוויקלונג פון דער ערשטער פאזע אין דער מאָדערנער אי־דישער פּאָעזיע — פון ש. פרוגן, אראָפּ ביז אברהם רייזענען — קאָן באצייכנט ווערן ווי אַ דויערנדיקער קאמף צווישן צוויי כוחות: דעם געזעלשאפטלעכן און דעם אינדיווידואליסטישן.

דער געזעלשאפטלעכער וועלט־באַנעם איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ נאָך ניט אינגאנצן פארגאַנגענער השכלה עפּאָכע. אמת, ער איז געוואָרן בוויניקער צוליב דער בייטנדיקער סיוזשעטיק און פאָרם, און נאָכגעביקער אונטערן דרוק פונם אָנקומענדיקן אינדיווידואליזם. דאָך איז ער נאָך אַלץ געווען מער איינגעפונדעוועט אין דעם אידישן פּאָעטישן צוגאַנג, איידער דער נייער, נאָך דעמלט רויער, פערזענ־לעכער מאָטיוו.

דער אינדיווידואליסטישער וועלט־באַנעם האָט אין זיין אַנט־וויקלונג זיך גענערט פונם שטראָם, וואָס האָט געפירט די אידעאַלי־זירונג פונם אידישן לעבן דורך דעם ראָמאַנטיזם, ביז צו דער מע־טאפיזיק. די אידעאַליזירונג, די ראָמאַנטיק און די מעטאַפיזיק זיינען גרויסע מעגלעכקייטן אויפצואוועקן דאָס עמאָציאָנעלע, און אין דער זעלבער צייט פארנעמען נייע ניט־באַטראָטענע ספערן.

ווי ראַציאָנאַל די השכלה זאָל ניט האָבן געווען בנוגע דעם לעבן, איז זי אָבער געווען טעאָלאָגיש אין אירע קונסט־באגריפן. איר פּאָ־עטישער געדאַנק איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער, אַ פארטיק־געגעבע־נער, אויף וואָס מען האָט זיך באוואוסטזיניק ניט אָפּגעשטעלט און וועמעס מהות מען האָט ניט אָפּגעפרעגט.

דאָס אידישע קינסטלערישע וואָרט האָט אין צייט פון דער השכלה זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי שטערונגען:

אויף דער אָפענער פּאַראַכטונג, וואָס דער גרעסטער טייל משכילים, דער אומדעמאָקראַטישער, האָט אַרויסגעוויזן קעגן דער שפּראַך פון די אידישע מאַסן; און

אויף אַ שאַבלאָן אין פּרט פון פּאַראַלעלגעמיינערן דעם סיר־זשעט פון אַ ווערק, וואָס דורכדעם איז פאַרזען געוואָרן זיין פאָרם.

צוליב די דרינגענדיקע צילן פון זייער טעאָריע, האָבן די משכילים־פּאָעטן זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן מיט פּראָבלעמען, וואָס זיינען געלעגן דרויסן דעם גדר פון דער ערשטער נויטווענדיקייט. זיי, די פּאָעטן פון דער פאַר־מאָדערנער צייט, האָבן ניט געקאָנט אפילו טראַכטן וועגן נייע פאָרם־מעגלעכקייטן. דערפאַר איז זייער ליד געוועזן סטאַטיש און זיך געהאַלטן אויף איבערחזרונגען. אַן אויסנאַם אין דעם פאַל איז די צופעליקע שטייגונג פון עמאָציע, און דורך דעם, טיילוויז, די פאַרפיינערונג פון דער פאָרם, ביי די סאַמע טאַלאַנטירסטע פּאָעטן פון דער עפּאָכע. דאָס קאָן מען זען, צ. ב., אין מיכל גאָרדאָנס עלע־גיע „מיין לעבנס־צייט“. די פאָלק־פּאָעטן דאַרף מען דאָ ניט אַריינ־רעכענען, ווייל זייער פאָרם איז זיי געגעבן געוואָרן אַ פאַרטיקע.

דער אינדיווידואַליזם האָט זיך אַמשטאַרקסטן באַפעסטיגט אין דער אידישער פּאָעזיע אין דער צייט פונם „גייסטיקן ניהיליזם“, נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר. זיין אָנקום אָבער, ווי אַ רעאַקציע קעגן די איינגעבאַלזאַמירטע רעשטלעך פונם השכלה־געדאַנק, האָט זיך געפילט שוין אין די אַכציקער יאָרן. די דעמלטיקע רוסישע רעאַקציע האָט גורם געוועזן פון איין זייט דעם קליין־בירגערלעכן ציוניזם, און פון דער צווייטער זייט די אידישע אַרבעטער באַוועגונג. די וויכטיקע עקאָנאָמישע ענדערונגען, צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציע אינם אידישן לעבן, האָבן אָנגעמערקט נייע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך צוערשט אויסגעקריסטאַליזירט אין דער פּסיכיק פון שאַפנדיקע יחידים. די נייע סאָציאַלע געדאַנקען האָבן דורך זייער דעמאָקראַטישקייט געפירט צו דער אידעאַליזירונג פון אידישע מאַסן, ביז צום ראָמאַנטיזם, פון וואַנעט דער אינדיווידואַליזם האָט געצויגן זיין יניקה.

איידער אָבער דאָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין קינסטלערישער ענערגיע האָבן ביידע, — סיי דאָס אָפּפֿליסנדיק־פֿאַרענדיקטע (דער געזעלשאַפֿטלעכער עלעמענט) און סיי דאָס צופֿליסנדיק־באַנייטע (דער אינדיווידואַליסטישער עלעמענט), — זיך געפֿונען אינם צושטאַנד פֿון צוזאַמענבראַך.

פֿאַרן פּאָעטישן אויסדרוק איז דער גערעאַנגל פֿון דידאַקטיקע צווײַ עלעמענטן ניט בלויז אַ פֿראַגע פֿון פֿאַרשידענעם וועלט־באַנעם. דאָס איז אויך אַ פֿראַגע פֿון פֿאַרשידענע דראַנגיקייטן און מעטאָדן, וואָס ווערן דערבײַ באַשאַפֿן און אָנגעווענדט. אויף אַזאַ אופֿן האָבן דער כמו־אָביעקטיווער פֿאַראַלגעמיין־מעטאָד און דער לירישער דע־טאַליזיר־ מעטאָד געשטראָמט איינער קעגן דעם אַנדערן. דערמיט דערקלערט זיך די צווייאיקייט אין די פּיאָנערן פֿון דער נייער אידי־שער פּאָעזיע. דער פּרימיטיוו־אומפּערזענלעכער און פּרימיטיוו־קלאָרער, דירעקטער צוגאַנג אין באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל, האָט גע־קעמפֿט קעגן דעם אָנגרייף פֿון עמאָציאָנעלן און אומדירעקטן אופֿן פֿון אַרויסברענגען דאָס איראַציאָנעלע פֿון דעם יחיד.

אין ליעסינען האָט דערדאָזיקער צוזאַמענבראַך זיך אָנגעהייבן אויסצוקריסטאַליזירן:

אַ דאַנק אַ ספּעציעלן עלעמענט פֿון זײַן טראַדיציאָנעלער סביבה, וואָס האָט דערציעריש געווירקט אויף זײַן נייגונג צו סינטעטיזירן סתירות;

און אַ דאַנק זײַן גײַסטיקער ענערגיע.

דער ספּעציעלער עלעמענט פֿון ליעסינס סביבה, וואָס האָט גע־קאָנט געפֿינען אַ צוזאַמענוועב צווישן עקרים, אַרויסגעשיילטע פֿון זייערע אָנוואַוקסן, איז געווען די לערע און די פּירונגען פֿון די „מור־סרניקעס". דער „מוסר" האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַן עטישע לערע, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ סינטעז פֿון צוויי גרונטלאַגן: סאָציאַלע טענדענץ און אינדיווידואַליסטישע סוביעקטיוויטעט. די־דאָזיקע גרונטלאַגן האָבן געפֿירט דעם „מוסר" צו אַן אַסקעטישער מאָראַל. דעם „מוסר" איז אויך אויסגעקומען זיך אויסצולעבן צווישן

צוויי סתירהדיקע כוחות, אונטערשיידנדיק זיך פוןביידע: פון דער השכלה און דעם חסידיזם.

זיין ענערגיע האָט באַשאַנקען ליעסינען מיט אויסדויער, ניט צו ווערן אין דערדאָזיקער צווייאיקייט היסטעריש אָדער אפאטיש, ווי דער פאַל איז געווען מיט א סך פון זיינע צייט־מיטשאפער.

דער „מוסר", וואָס איז געווען שטארק באַפאַרבט מיט אינדיוויד־דואליסטישן סוביעקטיוויזם, האָט אים באַווירקט מיט קאָנצענטרירטקייט און זעלבסט־אנאליז. דאָס האָט אים אָפּגעהיט פון די השכלה־שאַבלאָנען און אים דערהויבן, מיט דער הילף פון זיין קינסטלערי־שער קראַפט, איבער דעם פרימיטיוו פון דער דעמלטיקער באַוועגונג־פּאָעזיע. דאָס האָט אים געטראָגן וואָס ווייטער אַלץ העכער אין די קלאָרע וואַסערן פון ליריק.

אין זיין צווייאיקייט האָט די טראַדיציע אים געדינט פארן איינ־האַלט פון זיין מאַטעריאַל, און זיין דויער־ענערגיע—פאר זיין פאָרם.

אין א צייט פון צווייאיקייט אין דער אידישער נייער פּאָעזיע איז ליעסין, אַליין א צווייאיקער, געקומען ווי גלייכהאַלטן און סינ־טעטיזירן די פארשידנארטן, וועמעס צוזאַמענהאנג ער האָט אויסגע־דריקט אין זיין דואליזם.

דער דואליזם האָט אַלעמאָל באַגריפן די שייכות פון צוויי פּאַ־ראלעלע באַשטאַנדטיילן: געדאַנק און מאַטעריע (אין דער מעטאַ־פיזיק); גוטס און שלעכטס (אין דער עטיק). פּלאַטאָס אריינפיר פון א דואליסטישער קאָנצעפּציע פון אוניווערז האָט אונטערשטראָכן, אַז בלויז אידייען עקזיסטירן. דערמיט האָט ער געמוזט אָננעמען א קעגנגעזעצטן פרינציפּ פון א ניט־זיין, דעם באַזיס פון א סענסועלער עקזיסטענץ און פון אומפּולקאָמקייט. אַזוינאָך, מיט דער סתירה פון זיין און פון ניט זיין, האָט ער געשאַפן די איינהייט וואָס איז אויך א צווייפּשטעל פון דעם נעגאַטיוון און דעם פּאָזיטיוון. בלויז דער פרימיטיווער דואליזם האָט געלייקנט דעם צוזאַמענהאנג, אפילו צו־פעליקן, פון דאַכטנדיקע, סתירהדיקע גרונטלאַגן.

דער דואליזם אין קונסט קאָן דינען פאר אן ארגומענט קעגן

דער פרימיטיווער באהויפּטונג פון אזא שייכות צווישן צוויי גרונט־לאגן: געדאנק און מאטעריע. דער אינהאַלט (מאטעריע) און די פאָרם (געדאנק) קאָנען ניט אויסלעבן זיך איינס אָן דעם צווייטן. פאָרמלאָזיקייט ווי א סך־הכל עקזיסטירט ניט אין דעם אומאַרטיקולירטן אינהאַלט אָן וואָסער ניט איז פאָרם־אויטענטישקייט.

אפילו ווען דער געדאנק קאָן ניט שאפן אָדער באגרייפן די מאַטעריע אין איר עצם, מוז די מאטעריע דאָך אָנגענומען ווערן ווי די אָנטשטייאונג פון דעם געדאנק; אָדער ווי די סיבה פון עמפינדלעכקייטן, וואָס האָבן ארויסגערופן דעם געדאנק. די געזעצן פון סיבה און ווירקונג פירן צו אָט דעם אמת.

די פאָרם אין קונסט מוז, אזוינאָך, אָננעמען דעם אינהאַלט ווי א נויטווענדיקע היפּאָטעזע. ניט אויסשעפנדיק אינגאנצן דעם אינהאַלט, נעמט די פאָרם אָן דעם אינהאַלט ווי איר אנטשטייאונג־פונקט, ווייל עס איז אוממעגלעך צוצוטיילן פאָרם צו דעם וואָס עקזיסטירט נאָך ניט.

דער דואַליזם ווערט אזוינאָך א מין מאָניזם, וואָס באהויפּט אויך די עקזיסטענץ פון מאטעריע. אָבער דערפאר נעמט ער איר אָן אויף אזוי ווייט, אויף וויפל די מאטעריע ווערט אָנגענומען ווי אַן אינטעלעקטועלע באגרינדונג פאַרן געדאנק.

אין דער פּסיכאָלאָגיע איז די פראַגע נאָך נעענטער צו אַן אידעאַליסטישן סינטעז. באוואוסטזיין באשטייט פון צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס: עמפינדלעכקייט און לאָגיק. אָבער אזוי ווי באוואוסטזיין אַליין איז קורץ־דויערנדיק און אינדיווידועל, מוזן דערפאַר אינטעלעקטועלע דערשיינונגען פאַרענטפערט ווערן לויט אַן אורשפּרונגלעכער טעטיקייט. דידאַזיקע טעטיקייט פאַרהאַלט און סיסטעמאַטיזירט פאָרשטעלונגען און חוש־דערקענטנישן.

פונקט ווי אין דער מעטאַפיזיק די מאטעריע, אין דער קונסט דער מאטעריאַל, אזוי ווערט אין דער פּסיכאָלאָגיע אָנגענומען א היפּאָטעזע פון א טעטיקייט, וואָס עקזיסטירט א פּריאָרי. זי עקזיסטירט באזונדער פון דערפארונג און חוש־פּערצעפּציע. אזוינאָך איז דער

נעדאַנק ניט קיין רעגיסטער, וואָס פאַרצייכנט אויטאָמאַטיש די איינדרוקן פון די חושים. ער האַלט אין זיך אַ סיסטעמאַטיזירונג, אַ קריטישע טעטיקייט, וואָס רעאַגירט אויף די איינדרוקן. אין זין פון דערלייזן דעם מאַטעריאַל, איז פאָרם אַן אַ פּריאָרי קאַטעגאָריע. מיט דעם מאַטעריאַל, און דורך אים, דורכנעמענדיק אַלץ קריטיש, דריקט די פאָרם אוים דעם שטאָף. די אמתע דערלייזונג פון דעם מאַטעריאַל ליגט דעריבער אין דעם סינטעז, וועמעס גראַדן זיינען אויך די גראַדן אין דער דערלייזונג פונם ווערק.

די פּראָבלעם פון פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם אינהאַלט־פאָרם סינטעז איז ניט קיין פּראָבלעם פון פּאָזיטיוון מאָניזם, נאָר פון אידעאַליזם. אין דעם ליגט די סברהדיקייט: דאָס לייקענען פון וואָסער ניט איז אמתן ווירן. די פּראָבלעם פון קלאָר ווערן ווענן דעם אינהאַלט־פאָרם סינטעז, אַנדערש געזאָגט, ווענן איינדרוק־אויסדרוק האַרמאָניע, ליגט אין דעם איפן ווי צוצוקומען צו יעדער קאַטעגאָריע מיט דער הילף פון דער צווייטער, און דורך איר גופא.

לאָזנדיק די פונקציע פון מיטטיילונג אָן אַ זייט, ווי אַ דרויסנדיקע, אוטיליטאַרע עובדא, איז דער ווירקליכסטער פּראָצעס אין דער קונסט אַפּצושפּיגלען איינדרוק אין אויסדרוק. דער אויסדרוק אָבער איז קיינמאָל ניט די פולע אָפּשפּיגלונג פון דעם איינדרוק, ווי געלונגען עס זאָלן ניט זיין די האַרמאָנישע צונויפשטראָמען פון אַלע פּראָצעסן, וואָס פירן צום געהעריקן אויסשפיר. יהואָשעם אילוסטראַציע ווענן דעם איז איינע פון נאָר אַ סך.

„און פיל איך זאָל ניט זינגען אייך,
איר וועט בלויז פונקען קריגן,
די פלאַם — די פלאַם זי בלייבט ביי מיר
פאַרשלאָסן און פאַרשוויגן...

און פיל איך זאָל ניט זאָגן אייך,
איר קריגט בלויז וועלן־שפּריצן,
דעם ים — דעם ים וועל איך אַליין
פאַר זיך אַליין באַזיצן...

און פיל איך זאָל ניט דיכטן אייך
און פון מיין וועלט דערציילן,
מיין סוד — מיין סוד וועט קיינער ניט
מיט מיר אין לעבן טיילן...

(מיין סוד)

די סיבה דערפון ליגט, אפשר, אין דעם, וואָס דער איינדרוק ווירקט אויף אונדז אָן אונדזער ווילן, בעת דער אויסדרוק פאָדערט באוואוסטזיניקע באהאנדלונג.

די פסיכאָלאָגישע אינטערפּרעטאַציע אין דער קריטיק קאָן אונדז העלפן אראָפּנידערן פון דעם שאַפערס אויסדרוק צוריק צו זיין איינדרוק; דורך די אויסגעדריקטע קאָנצעפּציעס צוקומען צו די סיבות פון די קאָנצעפּציעס, ד. ה. צום איינדרוק.

די סאָציאַלע אינטערפּרעטאַציע, ווידער, קאָן דערקלערן די ווירקונג פון דער צייט און סביבה. זי קאָן אָבער ניט דערגרייכן איר צוועק אָן דעם ביאָלאָגישן מאָמענט, ד. ה. ירושה; אָדער אָן אַ מעטאָד, וואָס קאָן פאַרשן באוואוסטזיין און באַציאונגען אין דעם יחיד. וואָרן דיזעלבע צייט און סביבה קאָן פונקט קעגנזעצלעך באַווירקן צוויי פאַרשידענע מענטשן.

דער עסטעטישער מעטאָד וועט אונדז אָבער פירן צוריק פון דעם קינסטלערס איינדרוק צו זיין אויסדרוק. דאָס וועט ווייזן ווי אַזוי זיין איינדרוק איז פון אים אויסגעדריקט געוואָרן, ד. ה. דעם סינטעז פון זיין אינהאַלט און פאָרם.

מיט דער הילף פון דעם אויסדרוק־צום־איינדרוק מיטל, באַלויכטן פון מיליע, קאָן מען דערקלערן:

1) ווי אַזוי און פאַרוואָס האָבן זיך פאָרמירט אַזעלכע און נים אַנדערע איינדרוקן;

2) די אינטענסיווקייט פון דעם קינסטלערס נייגונגען צו זיינע מאַטעריאַלן.

מיט דעם פאַרקערטן אופן, ד. ה. מיט דעם איינדרוק־צום־אויסדרוק מיטל, קאָן מען דערקלערן:

1) דעם סובלימיר־פּראָצעס פון עמאָציע דורך דער פאָרשטע־לונג־קראַפט,

2) דאָס באַוואוסטזיניקע ביים אויסדרוק־געבורט,

3) די פאָרם־אַנונג, און

4) ווי אַזוי די אַנונג איז אינטעלעקטואַליזירט און דורכגע־פירט געוואָרן.

די פאַרטראַכטונג פון אַ זאַך ליגט, אַזוינאָך, אין דעם איינדרוק, ווייל, ווי אַלעקסאַנדער פּאָפּ דריקט זיך אויס, די געלערנטע פאַר־טראַכטן דאָס, וואָס זיי האָבן פון פריער געוואוסט.

אורטיילנדיק נאָך דעם וואָס ווערט פאַרטראַכט אין ליעסינס לידער, וואָלט מען זיי געקאָנט פאַנאַנדערטיילן אויף עפּישע און ליריי־שע לידער . אָבער די פאַנאַנדערטיילונג אַליין פאַר זיך איז קיינמאָל ניט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס די פּאָסיקע באַהאַנדלונג פון יעדער פאָרם פאָדערט געוויסע מעטאָדן. אין ליעסינס פאַל איז די באַהאַנדלונג פון גרויס באַדייט, צוליב דעם וואָס ער באַרייכערט:

1) די עפּישע אָביעקטיווע לידער מיט פּערזענלעכע איבערלע־בונגען און ריין־סוביעקטיווע באַפאַרבונגען. ער פאַוואַנדלט די מאָטיוון אין אַן אַנאַלאָגיע און אין אַ קינסטלערישער לייזונג פון גע־זעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, און

2) די ליריש־סוביעקטיווע לידער מיט אַ שייכות צו אַ קאָלעק־טיוו. ער דערהייבט זיי צו אַן אוניווערסאַלן באַנעם.

זיינע פּאָעמעס פון דער סעריע „אַרום דער וואַנט“ אָדער יענע, וואָס זיינען געבויט אויף היסטאָרישע מאָטיוון, אידישע און ניט אי־דישע (ווי צ. ב. „רבי עקיבא“, „בר כוכבא“, „על תירא עבדי יעקב“, „ישוע בן חנן“, „רבי שמעון מיימי“, „יונה“, מהר"ם מראָטענבערג און די לידער צו און וועגן רוסלאַנד), שפּיגלען אָפּ זיין באַציאונג, בליק און פאַרענטפערונג פון עטישע פּראָגעס. מאַרטירערטום אוי מסירת נפש, גייסטיקער אויפשטייג, ווי אויך מאָראַלישע אומבאַזיג־

באַרקייט, טראָגן זייער זין און לייזונג אין זיך אַליין. אין דעם ליגט דער שליסל פון ליעסינס צוגאַנג צו דער וועלט. זיין איינענע באַ־ציאונג מערקט מען דורך לירישע ווענדונגען אָדער דורך באַשטימט־געמיינטע אַדיעקטיוון, וואָס טויכן־אויף אינם גאַנג פון ליד. דעם אומבאַזיגבאַרן בר־כוכבא לאָזט ער ניט פאַלן אין זיין מאָראַלישן זיג, נאָר דורך אַ סענטימענטאַלן ווענד און אַ פּאַסיקן אַדיעקטיוו דערקלערט ער אַ לעגענדע־עלעמענט: די סיבה פון בר־כוכבאָס טויט און דעם גורל, וואָס ליגט ניט אין דעם העלדס רשות:

„ניט אַ זון פון אַ פּרוי האָט באַזיגט אים,
ניט אַ מענטשן־קראַפט האָט אים געטויט,
נאָר אַ שלאַנג אַ פאַרפלוכטע; מען האָט זי
אויף זיין קערפּער געפונען פאַרדרייט."

אין „מהר"ם מראָטענבורג" זעט מען זיין פּערזענלעך רעאַגירן אויפן זעלביקן אופן.

„דער פעלז פון ענזיסהיים איז האַרט,
נאָר האַרטער איז אָבער דער ווילן
פון הייליקן גאון, וואָס שמאַכט דאָ פאַרשפּאַרט,
האַלב טויט אין אַ קאַמף אין אַ שטילן,"

— — — — — — — — — — — — — — —

דער צאָרן פון רודאָלף פון האַבסבורג איז גרויס,
דאָך שוואַך איז די פויסט אין דעם אייזן
צו ברעכן דעם גרייז, וואָס דערלאָזט ניט דורכויס
דעם צורר אַ ביישפּיל צו ווייזן."

נאָך קלערער ווייזט זיך אַרויס זיין באַציאונג אין לירישע־רעטאָרישע ווענדונגען, וואָס ער באַנוצט אַליין אָדער דורך זיין העלד:

„אין דער מיט פון אַ מענטשהייט פון בלוט־פיינד
גייט דאָס פאָלק גלות־אויס, גלות־איין,
דאָך ווי דו, אַזוי שטאַרק און פאַרעקשנט,
אָ, בר כוכבא, דו זוניקער מיין!"

אָדער:

„אָ, זיי געגריסט, דו תליון, זיי געגריסט, דו לייד,
איך האָב אויף אייך געוואַרט, איך נעם אייך אויף
מיט פרייד

אָ, זיי געגריסט, דו מיתה, זיי געגריסט, באַשערטע,
איך גיב זיך איבער דיר, געווינטשע און באַגערטע!"
(רבי עקיבא)

ליעסינס אופן, ווידער, אַריינצוטראָגן אַן אומפּערזענלעכן עלע־מענט אין לירישע לידער, שאַפט פאַר זיי גיכער אַ ווייטערע דיסטאַנץ און דערהויבט די ריין־פּערזענלעכע אַפּשפּיגלונג. עס באַווייזט זיך אַ ווייט־אַרומנעמענדיקער וועלט־באַנעם. אַזוינאָך ווערט זיין סוב־יעקטיוויזם אָביעקטיוויזירט און זיין אינדיווידואַליזם — אָנגעלאָדן מיט אָנדייטן פון פילפאַכע אַטריבוטן, און אָפט מיט אויגנשיינלעכער סימבאָלישקייט. דעם אומפּערזענלעכן עלעמענט דערגרייכט ער דורך זיין סימיל, וואָס העלפט אים אַריבערטראָגן אַן איבערלעבונג אין אַן אוניווערסאַלער קאַטעגאָריע. דער אַטריבוט, ווידער, וואָס איז אייגנ־טלעך די שוועל צום סימבאָל, ווייזט אָן, וואָס ליעסין שרייבט־צו צו דער וועלט דרויסן פון אים.

„עס גייט פון פינצטערניש די שיף
אין פינצטערניש אַוועק.
באַווייזט זיך ליכט אין שוואַרצן טיף,
עס טריפט אַ שטראַלכל — טריף נאָך טריף,
און פלאַטערט אויפן דעק.
פון וואַנעט קומסטו ליכטיקייט,
אין פינצטערניש צוגיין ?
צי ערגעץ פון אַ יענער־זייט,
צי נאָר פון מיר אַליין ?

איך גיי אין פינצטערניש אַוועק,
אין איינזאַמקייט פון שיף,
באַווייזט זיך וויסט און לער אַ שרעק,
וואָס וואַרפט מיט שאָטנס אויפן דעק
פון גאָרניטיקער טיף.
פון וואַנעט קומסטו, שרעקיקייט,
אין גאָרנישטקייט צוגיין ?
צי ערגעץ פון אַ יענער־זייט,
צי נאָר פון מיר אַליין ?

און ברענגט די שיף צום ברעג מיך שוין
און לאָזט מיך וואו אין ווייט,
פאַרגייען שוין מיט מיין פאַרגיין
דאָס ליכט, דער שרעק און אויך אַליין
די יענע יענע־זייט?
עס שטומט דער ברעג פון גאָרנישט טיף,
און דעקלאַז שוואַרצט דער דעק;
און ווייטער, ווייטער גייט די שיף
אין פינצטערניש אוועק.

(די שיף)

אין אַ סך לירישע לידער פון ליעסינס שפּעטסטער פּעריאָדע באַמערקט זיך דער זעלבער אַריבערטראָג־מאָדוס פון איין קאַטעגאָריע אויף דער צווייטער: — פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען אויף דער סביבה, פון געדאַנק אויפן בילד, אָדער פון מיקרא אויף מאַקראָ. אַזוי איז דאָס אין זיינע לידער: „די פייערן פון בראָדוויי", „ביים ים", „ניו־יאָרק בעי", „אויפן וועג צו סאַנדי הוק", „אויפן ברעג".

אין די פריערע לידער האָט זיך באַמערקט אפילו דער פּראָצעס, וואָס האָט געפירט זיין ליד צום אויסדרוק פון אוניווערסאַלע באַגריפן. דאָס איז באַשטאַנען אין אָנהאַלטן אַן אינדיווידועלע שטימונג אין באַריר מיט אַלגעמיינע שייכותן; און, אָפּט, אין אַרויסשיילן אַ סוביעקטיוון געדאַנק פון אַ קאָלעקטיווער פּעריפעריע.

„איך האָב אַ גאַנצע נאַכט דיין לעבנס־בוך געבלעטערט,
און ווידער האָט מיך טיף דערשיטערט און דערשטוינט
דער גרויסער, בייזער וואונדער פון דיין וויסטן קיום,
און ווידער האָב איך לאַנג, מיין פאָלק, אויף דיר געוויינט".

אָדער

„אַך, זאָלן זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן
מיט בלוטן פאַרטרונקען — איך שטרעק מיט אַ שמחה
דעם האַלדז זיי אַנטקעגן!"

(זאָלן זיי קומען)

אויף אַן ענלעכן אופן קומט פאָר ביי ליעסינען דערזעלביקער פּראָצעס אין זיינע סאָציאַלע לידער. אין דער צייט ווען די „באַוועגונג־פּאָעזיע" איז געווען פול מיט דעקלאַמאַטאָרישער פּראָפּאַגאַנדע און מיט אַלגעמיינע אַבסטראַקטע באַגריפן, האָט ליעסין אריינגעטראָגן אין זיינע סאָציאַלע לידער א ליריש־אינדיווידועלן עלעמענט און קאָנקרעטערן אויסדרוק.

אין זיינע סאָציאַלע לידער האָט ליעסין געשאַפן בולטע בילדער, וואָס האָבן אוממיטלבאַר געווירקט מיט זייער דירעקטקייט און מענטשלעכן, קאָנקרעטן צוגאַנג. דורכן יחיד באַווייזט ער דעם קאָלעקטיוו, דורך אַן איבערלעבונג רעגט ער אָן קינסטלעריש אויף די סיבות, וואָס רופן אַרויס אַזעלכע איבערלעבונגען. „די שאַפּ־מיידל", „דער ניוסבאָי", „אַ געוויינלעכע געשיכטע" זיינען אילוסטראַציעס דערפון.

„אַך, קאַלט און בלאַס און וויסט
מיין יוגנט גייט אַוועק —
אַן שטערן מיר די נעכט,
אַן זונען מיר די טעג.

אַך, ווי אַ פייגעלע,
פאַרוואָרפן פון איר נעסט,
פאַרלאָרן אין דער פרעמד,
פאַרשפּאַרט אין שטייגל פעסט.

— — — — — — — — — — — — —

דורך מאַטערניש און שוויס,
דורך צרות און דורך פּיין,
און ביז אין גראָען צאָפּ
און ביז אין גרוב אַריין.

(די שאַפּ־מיידל)

ליעסינס דואַליזם מערקט זיך נאָך מער אין זיינע נאַטור־לידער. זיי זיינען באַשטעטיקונגען פון יענע סתירהדיקע כוחות, וואָס ווירקן סיי אין דעם איינצלנעם און סיי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער קאַמף פון ליכט און פינצטערניש, פון שלעכטס און גוטס גייט דורך ווי אַ הויפּט־מאָטיוו אין זיינע מערסטע נאַטור־לידער. אין זיין

ליד „ווינטער“ ברענגט ער אהאספערן, „מיט אויגן רויט־געצונדענע“, „מיט וואונדן ניט פארבונדענע“, צום „שמאָלן בערינג־ים אין אייז, אין קריעס אַ פאַרנורטן“ און

„צום צווייטן ברעג קומט ווייס אַראָפּ
הערעדיאַס אַ צעשויבערטע;
זי טראָגט דעם טאַץ פון יוחננס קאָפּ
אין מארמאָר־הענט פאַרצויבערטע.

— — — — — — — — — — — — —

זיי קוקן, קוקן שטום אַ ווייל,
וויסט איינער אויפן אַנדערן,
און קערן אום זיך אין געאייל
צוריק אין וויסטן וואַנדערן.“

דאָסזעלבע איז אין זיין ליד „ביים זון־אויפגאַנג“,

„אָט פינקלען אין נעבל די פורפור־געוועבן,
אָט פלאַמט זי, די גרויסע, די גאָלדענע קרוין;
דאָס קומט ער, דער זיגרייכער ליכט־גאָט צושוועבן,
דער זוניקער אור־אַלטער מיטרא אַליין.

דער חושך־גאָט לויפט פאַר זיין ליכט־קראַפט אין ציטער,
עס שווינדט פאַר זיין שטראַל דאָס געשפּענצט פון
דער נאַכט,
און אַלץ איז אין גינגאָלד, און אַלץ איז אין פליטער;
דאָך לעבט זי נאָך ערגעץ, די פינצטערע מאַכט.

אהורמין און הורמיז, די נאַכט און דער מאָרגן,
זיי בלייבן דאָך טיילן פון גאַנצן באַשאַף;
אַוואו איז דער שטילער באַשאַפער פאַרבאָרגן
אין שוי־שפּיל פון שאָטנס און ליכטער־געלאַף?“.

אפילו אין זיינע לידער, וואָס מען וואָלט געקאָנט אפשר אָנרופן סאַטי־רישע, איז דער עלעמענט פון דואַליזם נאָך שארפער ארויסגעבראַכט. דער טאָן פון זיין סאַטירע טראָגט אין זיך אַ האפט פון באַדויערנ־דיקן הומאָר און טראַגישקייט, וואָס צווינגט ארויף מיטגעפיל דורך

א פאַרפּיינערטן און טיפן שוידער. ווי קלאַסישעביישפּילן פון זיין שווערמוטיקער סאַטירע קאָנען דינען זיינע לידער „דער געלעכטער“ און „די גאַס נאָך האַלבע נאַכט“.

דער תמצית אין דידאַזיקע לידער איז דער
„...טרויס אַן אויסגעליידיקטער,
און אויסגעשפּאַסטער שפּאַס.“
דער חלום, וואָס ווערט אויסגעלאַכט, ווען
„...אויפן וואָר שטעלט שטיל זיך פאַר
דער חוזק פון דער נאַכט.“

די הויפּט עלעמענטן פון ליעסינס אויסדרוק לאָזן אונדז אונטערשטרייכן זיין דואַליזם, וואָס מיט זיין הילף דריקן זיך אויס:

1) זיין סאָציאַלע טענדענץ באַפּאַרבט מיט סוביעקטיוון אינדיווידואַליזם;

2) זיין אוניווערסאַליזירטער סוביעקטיוויזם;

3) זיין נטיה צו עטיק, וואָס שאַפט אין אים די קאָנצעפּציע פון באַציאונגען (פון מאַרטירערטום, ווידערשטאַנד, מסירת נפש).

אויב מען נעמט אָן זיין דואַליזם ווי דאָס וויכטיקסטע אין זיין אויסדרוק, איז דאָס אַלץ נאָך ניט דער פולער אָפּגלאַנץ פון זיין איינדרוק. ווי אויבן אויסגעפירט, יעדער אויסדרוק איז קיינמאָל ניט קיין פולער לגבי דעם איינדרוק. זיין איינדרוק איז אַזוינאָך אָנגעלאָדן מיט דיזעלבע הויפּט-עלעמענטן, וואָס באַווייזן זיך אין זיין אויסדרוק אין א דעסטילירטער, אָרגאַניזירטער מאָס. זיין איינדרוק איז א רעזולטאַט פון ירושה און סביבה-ווירקונג. „זייער אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט איז געווען זיין פאָטער... ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט טיפער רעליגיעזיטעט. ער האָט אָבער דאָס ניט ליב געהאַט ארויסצואווייזן... ער איז געווען א הייסער אָנהענגער פון ר' ישראל סאַלאַנטער און זיין מוסר. אין לערנען האָט ער ניט ליב געהאַט דעם פּוסטן פּשטלען און פּילפּולן זיך, נאָר דעם לאָגישן, קלאָרן ארט דענקען. ער האָט זיך געהאַלטן אָן די מעטאָדן פון דעם ווילנער גאון. (דר. אלי' סינטאָווסקי: א. ליעסינס אָפּשטאַמונג.) דידאַזיקע

ניגונגען, וואָס ליעסין האָט געירשנט, זיינען פון פריסטער קינדהייט באַפעסטיקט געוואָרן סיי פון דעם, וואָס ליעסין האָט געלעבט אין דערדאָזיקער אַטמאָספערע פון מוסר און קלאָרן אַרט דענקען, און סיי פון דער דירעקטער השפעה פון זיין דערציאונג. „זיין פאָטער... פלעגט זייער הויכע און ערנסטע ענינים". (דר. סינטאָווסקי) אויך דער דירעקטער באַריר מיט די סלאָבאָדקער מוסרניקעס, וואָס צווישן זיי האָט ליעסין זיך געפונען אין עלטער ווען די כאַראַקטער־שטריכן ווערן שוין בולט, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ליעסינס ניגונגען.

דער מוסר טראָגט אין זיך אַן ענלעכקייט צום מיטלאַלטערלעכן קאַטוילישן אַסקעטיזם און צו אַ רעליגיעז־פעסימיסטישן מיסטיציזם. דעריבער האָט זיין יסוד געדרוט אויף דעם, אַז דערגרייכן גוטע מידות אין זיך קאָן יעדער מענטש אַליין מיט דער הילף פון אומדערמידלעכער זעלבסט־קריטיק און שטענדיקער אינערלעכער נאָכדענקונג. אַרויסגייענדיק פונם געדאַנק פון פרייען ווילן און פון דער אוממעגלעכקייט פעסטצושטעלן אַלגעמיינע כללים פאַר אַלע, האָט דער מוסר געוויזן, אַז דעם וועג צו אינערלעכע דערגרייכונגען דאַרף יעדער געפינען אַליין און אים צופּאַסן צו זיין אינדיווידואַליטעט. ליידן און געדולד זיינען די באַדינגונגען אויפן וועג צו אַזאַ דערגרייכונג. האַלטנדיק פרייד, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין חסידיזם, פאַר אַ לייכטזין, האָט דער מוסר געלערנט ערנסקייט אין באַגרייפן און דורכטראַכטן דערשיינונגען. ער האָט ווי געצוואונגען, אַז מען זאָל זיך דורכדרינגען מיטן אָביעקט צו אַזאַ מדרגה, אַז דער צונויפגוס זאָל פירן צו עקסטאַז. מען זאָל זיך דורכנעמען מיט אַ צעוויטיקטן ניגון אַזוי, אַז די פאָרשטעלונג פון געדאַנק זאָל געזעען ווערן אין קלאָרע בילדער, וואָס קאָנען פירן צו פילן די גייסטיקע און קערפּערלעכע יסורים פון שטייגונג. דערדאָזיקער סוביעקטיווער אינדיווידואַליזם פון מוסר איז באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ סאָציאַלער טענדענץ. ווי יעדע עטישע לערע, ווי אינדיווידואַליסטיש זי זאָל ניט זיין, האָט אויך דער מוסר געמוזט דורכגיין פאַרשידענע מדרגות. ער האָט אָנגעהויבן מיט דער קריטיק איבער עקזיסטירנדיקע מאָראַלישע אינסטיטוציעס און קאָדעקסן, ווי: תלמוד, חסידיזם, השכלה. דידאָזיקע קריטיק האָט געוועקט און געפירט צום מאָראַלישן באַוואוסט־

זיין. זי האָט צום סוף געזוכט צו געפינען אַן אוניווערסאַלע קרי־טעריע פון מאָראַל, ניט פאַרלירנדיק דערביי דעם מעטאָד פון אינדי־ווידועלן אופן צו דערגרייכן רעזולטאַטן. סיי דער אַנאַליז פון נאָכ־דענקונג, און סיי דער געדאַנק, אַז אַלע פליכטן און טוגנטן ליגן אין אַ העכערן אַל־זיין פון גאָט, האָט אַוועקגעשטעלט דאָס מאָראַלע באַוואוסטזיין ווי אַ מוז, און אַזוינאָך ווי אַן אוניווערסאַלע קריטעריע. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַלע באַאַרבונג פון מוסר. סאַלאַנטער, פונקט פאַרקערט ווי די משכילים, האָט גערופן צוריק צו די אַלטע אידישע מאָראַל־רעליגיעזע גרונטלאַגן. דערפאַר האָט ער אָפּגעגרענעצט די פערזענלעכקייט פון דער זינדיקייט פון דער וועלט. ער האָט אונטערשטראָכן די רעליגיעז־עטישע עלעמענטן פון אידנטום אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די פאָלקס־מאַסן, וועמעס שיק־זאַל האָט פאַר זיי אוממעגלעך געמאַכט צו דערגרייכן די לערע אָן צוגרייטונג. קעגן דעם ראַציאָנאַליזם פון דער השכלה און דער פריי־דיקייט פון חסידיזם האָט ער אַרויסגעשטעלט קאָנצענטראַציע און באַוואוסטזיניקע פרומקייט, אַן אינטעלעקטועלן מעטאָד און אַ מיס־טישן פעסימיזם. די וועלט איז בלויז דער שווידער־וועג צו יענער וועלט און יעדער מענטש דאַרף זיך פילן, ווי אַ שווערד וואָלט אים אַלע מאָל געלעגן ביי די פיס און הינטער אים דער אָפענער גיהנום.

דעם דואַליזם פון מוסר טראָגט ליעסין שפּעטער אויך אַריין אין זיינע באַגריפן וועגן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. „וואָלטאָווטשינע" (נאָך ליעסינס אמתן נאָמען, וואָלט) איז באַשטאַנען: אין קעגנערשאַפט צו דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פון די אַכציקער יאָרן; צו דעם „בלויז עקאָ־נאָמיזם" פון די דעמאָלטיקע סאָציאַליסטן; און צו דער אויבערפלעכ־לעכער אַגיטאַציע. „וואָלטאָווטשינע" האָט געפאָדערט אינטערנאַ־ציאָנאַליזם, פּאָליטישע צוגרייטונג אַ חוץ דעם „בלויז עקאָנאָמיזם," און קולטור אָנשטאָט בלינדע אַגיטאַציע. אין צייט פון אַסימילאַטאָ־רישן סאָציאַליזם, באַטראַכטנדיק אַסימילאַציע ווי אַ פּראָדוקט פון קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזער געזעלשאַפט, האָט „וואָלטאָווטשינע" געפונען דעם סינטעז צווישן פאָלק און קלאַס. גלויבנדיק, אַז דער אינ־טערנאַציאָנאַליזם דאַרף זיין פאַר פעלקער דאָס, וואָס סאָציאַליזם איז פאַרן קלאַס. די באַפרייאונג פון קלאַס און פאָלק איז ניט נאָר אַ קעגנ־

זאץ, נאָר אַ גלייכצייטיקע לייזונג. נאָך אינטערעסאַנטער איז דער אופן ווי עס דאַרף געפירט ווערן דאָס פרײדיקן סאָציאַליזם. אים איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס מען וויל דערגרייכן די אידישע מאַסן מיט געדאַנקען און פסוקים, וואָס זיינען פרעמד דעם אידישן מאַסן־מענטש. ער האָט געגלויבט, אַז פאַרן אידישן אַרבעטער און קבצן דאַרף מען ברענגען די סאָציאַליסטישע לערע דורך אַרויסדרינגען איר עטיק פון דער גמרא און פון די מוסר־ספרים.

ליעסינס נייגונג צו רעליגיעז־פעסימיסטישער עטיק איז אַזויאַרום געווען דער גרונט פון זיין פּאָעטישן מאַטעריאַל. דער פּועל יוצא פון דערזעלביקער נייגונג, ד. ה. זעלבסט־אַנאַליטישע רעפלעקטיווקייט, איז געוואָרן דער פּראָצעס, וואָס האָט פאַנאַנדערגעוויקלט זיין פאָרם.

עטיק, ווען זי ווערט ניט פאַרוואַנדלט אין אַ טרוקענער דאָגמע פון פאָרמאַליזם, איז אַ שאַפנדיקע פונקציע. זי פירט צו שלימות צווישן דורכגעפאַלענע פאַרזוכן צו געפינען אַ מאָראַל, וואָס איז העכער פון די פאָרויסבאַשטימונגען פון מאָראַלישן באַוואוסטזיין אַליין. זוכנדיק העכערע האַרמאָניע, זעט זי צוליב דעם, דעם שטענדיק־בייטנדיקן אויסזען פון פּראָבלעמען. אַ דאַנק דעם זעלבסט־אַנאַליז ווערן איר קלאָר די דורכגעפאַלענע פאַרזוכן. דאָס פירט: דעם שאַפנדיקן עטיקער צום אויסדרויערנדיקן צווייפל, און דעם דאָגמאַטישן עטיקער צו סקעפּטיציזם און רעזיגנאַציע.

ליעסין געהערט צו די ערשטע. דורכגייענדיק פאַרשידענע בייטונגען און אַנטוישונגען אויף זיין וועג,—פון מוסר צו השכלה און אידישן סאָציאַליזם,—איז ער אַלעמאָל פאַרבליבן אַ ווילנפולער, אַן ענערגישער זעלבסט־אַנאַליטיקער, און אַ צווייפלער. ניט קיין סקעפּטיקער און ניט קיין רעזיגנירער, דורשט ער אַלעמאָל, אין טיפסטע מאַטערנישן, נאָך אַ דערלייזונג־האָפענונג.

ניט נאָר די העלדן פון זיינע פּאָעמען זיינען אַקטיווע און פאַרעקשנטע

„גייט דאָס פאָלק גלות־אויס, גלות־איין,
דאָך ווי דו, אַזוי שטאַרק און פאַרעקשנט,
אָ, בר־כוכבא, דו זוניקער מיין".

(בר־כוכבא)

„זי האָט זיך פיל יאָרן געגרייט צו דער תליה,
ביז ענדלעך די שעה איז געקומען;
דאַן איז זי באַגייסטערט אַריין אין דער פעטליע,
אין אַלטן באַגער, אין דעם פרומען"

(אַ קראַנץ אויפן קבר)

„נאָך האַרטער איז אָבער דער ווילן
פון היילקן גאון, וואָס שמאַכט דאָ פאַרשפאַרט,
האַלב טויט אין אַ קאַמף אין אַ שטילן."

(מהר"ם מראָטענבורג)

נאָר ליעסין אַליין, אין זיין פּאָעמע, „אידיש", דערקלערט דעם לעצטן זין פאַר דעם

„וואונדער פון ווילן און ווי —".

ליעסינס דראַנג האָט געשאַפן אין זיינע איבערלעבונגען אַ ווילנ־פולן טראַגיזם, אַן אינערלעכן זוכן צו פאַרייניקן דעם עטישן ריס: צווישן אויספיר און אנאַליז; צווישן „הייליקע תורות", פאַר וואָס מען דאַרף „שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי", און דעם צווייפל; צווישן גלויבן און ניט־גלויבן. ווי טראַגיש דערדאַזיקער דראַנג זאָל ניט זיין, איז דערדאָזיקער דואַליזם ביי ליעסינען אַ מין אַסקעטישער גענוס. ווען ער דערגרייכט דעם סינטעז, ווען „אַלץ גיסט זיך אינגאַנצן צונויף מיטן ליכט",

„פאַרמאַך איך די אויגן און חלש."

דער וועג צו דעמדאָזיקן סינטעז איז אַ מאַטערנדיקער. ער ווערט פון ליעסינען באַלויכטן קאָנטעמפּלאַטיוו־רעליגיעז, ווייל ווייסט איז דער רוף פון זיינע טיפענישן:

„איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר:
אַ וואו נאָר דיין ליכטיקייט פליסט,
זאָל לויכטן אויך מיר!
איך גיי אין די שאָטנס פון שטאַרבנדע טעג
נאָך בלאָנדזשנדע פלעמלעך, וואָס ווערן ניט באַלד.
ווי סומנע, ווי איינזאַם, ווי פוסט איז דער וועג,
און קאַלט, אַזוי קאַלט!

(ממעמקים)

די תפילה־פאָרם איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ליעסינס זוכן שלימות, באַזעלונג, וואָס ווערט ביי אים אונטערגעריסן פון דעם קריטיש־אַנאַליטישן עלעמענט פון דער דערזעלבער עטיק, וואָס נערט ביידע.

„איך בין אין די בלויע פאַרטאָגן
אַרויס די ביכּורים צו טראָגן.

איך בין, ווי אין חלום, געגאַנגען
אַרויף־צו, צום באַרג צום געזוכטן,
געטראָגן די ערשטע פון זאַנגען,
געטראָגן די ערשטע פון פרוכטן.

געטראָגן די ערשטע פון פריידן,
די אָפּפער־עקסטאַזן פון לעבן,
געגעבן זיך פריידיק אין ליידן,
אין גאַנצן זיך איבערגעגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב די פאַרנעבלטע וועגן
נאָך קוים־וואָס געקאָנט אונטערשיידן,
דאָס בין איך מיין שטערן אַנטקעגן
געגאַנגען אין פלייצנדע פריידן.

איך האָב זיך אַלץ העכער געהויבן,
און ראָזיקער האָט זיך אַלץ אויבן
צעגליט דער פרימאָרגן פון גלויבן."

(ביכּורים)

ליעסינס באַדויער,

„ווי גיך, אָ, ווי גיך איז אַריבער
דער חג הביכּורים דער ליבער",

ווערט דורך זיין ענערגישקייט פאַרוואַנדלט אין דורשטנדיקע זוכעניש. זיי פירן אים צו פעסימיזם און פאַרצווייפלונג. זיי שוואַכן

אבער דערביי נישט אַפּ זיין דראַנג נאָך שלימות. פּאַרקערט, זיי פאַרשטאַרקן אים. אַט שווימט ארויס אַ שטימונג, וואָס קאָן פירן צו אומעטיקער רעזיגנאַציע:

„דו טיילסט פון מיר זיך אָפּ, מיט ווייט און נאַכט
פאַרהאַנגען,
עס שווינדט דער לעצטער ליכט־פאַס פון צוזאַמענהאַנג,
און ווילד־פרעמד גליווערן די פלאַמיקע פאַרלאַנגען,
און ווילד־פרעמד וועפּט זיך אויס דער איידל־אַלטער
דראַנג."

און אַט ווערט „דער איידל־אַלטער דראַנג", וואָס וועפּט זיך אויס אַזוי אַקטיוו, „ווילד־פרעמד", פאַרוואַנדלט אין אַ שטייגונג:

„וואו זיינען דיינע שליסלען פון גענאָד, אָ, וואו?"

אזא שטייגונג פירט אים שטענדיק צו אַ פאַרצווייפלונג, ניט קיין היציק־באַוועגלעכע, גייערט אַ שווערמוטיקע, דורכגעגליט מיט אינער־לעכן אויסדויער:

„איך וויין פאַרן גרויסן באַלויכטער אין האַרצן:
פאַרהויל פון מיין זעל מיט דיין שטראַלנדער מאַכט
דעם אָפּגרונט דעם בייזן פון גאָרניט פון שוואַרצן,
וואָס האָט זיך געעפנט פאַר מיר אין דער נאַכט.

ווי ווייט דאָ מיט וויימוט די וויסטקייט פון וועלטן,
וואָס איז אַזוי ענדלאָז און דאָך אַזוי ענג!
ווי אָטעמט דאָ טויטלעך מיט הינטער־וועלט קעלטן
די גאָרניט־געהיימניש אין גרוילן־געדרענג!

— — — — — — — — — — — — — — —

דיין ליכט־דינער קניט זיך אין שטויב דיר אונטקעגן
און רופט אין פאַרצווייפלונג אין טיפער צו דיר:
דערוואַרעם מיך, גאָטהייט, באַלויכט מיר די וועגן —
ווי קאַלט און ווי פוסט און ווי פינצטער איז מיר."

(אין דער פרי)

אין די מאטערנישן פון אינערלעכן פאַלן און אויפשטייגן, שטענדיקן אָפּפלום און צופלום פון „פלאמיקע פארלאנגען" און פארצווייפלונגען, העלפט אים ניט דער געדאנק פון נישטיקייט, אז

„עס פאַרלעשן זיך די פאַרבן,
און עס שטאַרבט די פלאַמען־פראַכט"

און אז

„אַלע זיינען גלייך און הילפלאָז
פאַר דער אַלטער שוואַרצער נאַכט"

(אַן אָוונט אין די בערג)

נייערט נידערט אים פון נישטיקייט נאָך טיפער אין דעם „נישט".

„איך זוך אים, דעם בליץ־שפור, אומזיסט
און נישטער אין טויט־שרעק און נישטער;
ער שווינדט אין דער שוואַרץ אַ פאַרווישטער —
אין אייביקן נישט."

(ביים תהום)

„און וואָס שוואַרצעס איז איבערגעפלויגן
און איז אין דעם חושך אַוועק."

ווי שמערצלעך איך האָב זיך אים כאַפּן געמאַטערט —
ער איז אין דעם חושך אַוועק"

אין דורכפלי פון שאָטענס, טיף־איינזאַם אין ציטער,
פאַרלאָרן אין סוד פון דער נאַכט"

(אין דורכפלי)

אָ, כישוף אָרויס מיך פון גאָרניט פון שוואַרצן !

(אין דער פרי)

דער „נישט" איז אָבער ביי ליעסינען, א דאַנק זיין שווערמוטיקער קאָנ־טעמפּלאַטיווקייט, ניט קיין אַנטגילטיק־לעצטע קאַטעגאָריע, נאָר אַן עלעמענטאַלער אור, אַן אייביק לויערנדיקע תהומיקייט. בלויז א דאַנק זיין נאַכטראַכטן און אויסדויער, טראָגט ער אַרויס צום פולן אויסדרוק בילדער־באַגריפן פון כאַאָס, וואָס דייטן אָן, אין זייער פאָרם, אויף אָנשטרענגונג און דיסציפּלין.

„איך ווייַן אַזוי וויסט מיט מיין ניט־אויג און ווייַן
נאָך ערד־ווייען לאַנג־שוין פאַרווייטע,
און הער מיטן ניט־אויער מיינעם אַליין,
ווי שטום איז דער עלנט פון טויטע.

(ערדישקייט)

אָדער:

ווער שפּרייט אין די הויכן
די אָפּגעהאַקט־פּעסטע
פאַרצווייפלונג־סיגנאַלן ?
אָט דאָרט אין די רויכן
פון וואָלקנס געפּרעסטע
און שוים־כף־הקלן

(אין שטורעם)

כאַאָטישע אורן ווערן ליעסינס מאַטעריאַל, און דאָך איז דער אור־כאַאָס ביי אים אויסגעדריקט פאַרשטענדלעך. וואָלט די פאַר־שטענדלעכקייט דערגרייכט געוואָרן דורך דעם באַוואוסטזיניקן אָנ־שטרענג אייַנצוצאַמען און אויסדריקן דאָס אומבאַוואוסטע, וואָלט זיין תהומיקייט, אַרויסקומענדיק ביי אים פאַרשטענדלעך, געמוזט ווירקן באַרואיקנדיק. ליעסינס פאַרשטענדלעכקייט אָבער איז ניט א פּועל יוצא פון באַוואוסטזיניקער סינטעטישקייט פון דעם כאַאָטישן, וואו

זיינע „שוים־כף־הקלן“ טויכן־אויף מיט „פארצווייפלונג־סיגנאלן“. דער סינטעז איז אן אומרואיקער, אפילו א דינאמישער, וואס לאזט איבער א טיפן אנרעגנדיקן רושם, אן עכא, א קאסמיש־פאטאלן צוזאמענ־האנג. דער דואליזם דא איז א קאמבינאציע פון שלימות און שרעק. זיין אינערלעכע שלימות איז בלויז אן אנערקענונג פון א טיף־וויטער אנגעהעריקייט צום אוניווערסאלן זיין.

„דערפיל איך אמאל, אז זיי זיינען פאראן
אין מיר וואו, די פארבן פון אלט־אקעאן.

זיי פלאמען א וויל מיר אדורך און פארשווינדן
צוריק אין דער אור־שווארצן אפגרונט דעם בלינדן.“

(ביים ים)

צוליב דעם עלעמענט פון שרעק און צוליב דעם דיכטערס פאר־שטענדלעכע דערקלערונגען, דארף דידאזיקע אנערקענונג באטראכט ווערן ווי א פרימיטיוו באוואוסטזיין. דאסדאזיקע פרימיטיווע בא־וואוסטזיין איז כאראקטעריסטיש פאר דער פאר־אינדיווידואליסטישער עפאכע אין דער אידישער פאעזיע. ביי ליעסינען אבער דערהייבט זיך דאס פרימיטיווע באוואוסטזיין. ספעציעל אין יענע לידער, וואס טראגן אין זייער מאטעריאל גופא: אדער א ווייטערע דיסטאנץ, ווי אין די לידער באזירט אויף היסטארישן אינהאלט, אדער א טיפן אפגרונט פאר עכאס, וואס צווינגען נאכצוטראכטן, ווי אין זיינע נאטור, ים און פסיכאלאגיש־געשטאלטנדיקע לידער. אין די לידער פון זיין גאר פריסטער פעריאדע און אין די, וואו דער מאטעריאל אליין פירט ניט ארוים אויף ווייטע פאעטישע וויסטאס, באמערקט זיך, טיילמאל, דער קלאנג פון גראם. אמת, אזעלכע לידער זיינען ביי ליעסינען ניט פאראן פיל, אבער זיי זיינען עדות, אז ער, ווי יעדער שאפנדיקער גייסט, אן אויסנאם, צאלט אין דער יוגנט צינזן פאר די פענטעם פון זיין צייט.

„איך וויים, צו דער מענטשהייט אנטקעגן דער

מענטשהייט אליין

איז שווידערלעך־דום נאָכאנאנד אָפּעלירן;
נאָר אויפגעבן אויך אָט דעם גלויבן, וואָלט הייסן

דאָך שוין

דאָס לעצטע פאַרלירן!"

— — — — — — — — — — — — — — —

„איך וויל פאַר אַ נביא ניט גילטן
איך קען דיך ניט שימפן און שילטן.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך קען מיט אַ וואָרט מיט אַ פרעכן
דיין הייליקן גייסט ניט פאַרשוועכן

— — — — — — — — — — — — — — —

עס בלייבט אין דער וועלט אין דער ליבער
נאָר טויט און פארלענדונג אונדז איבער.

(און פלעגט אויף דיר אָנפאַלן)

דער ריטם פאַרנעמט דאָ דעם אויבנאָן, ווערט געשלאָסן מיטן גראַם אַזוי, אַז דאָס געוויכט פאַלט אויפן גראַם און פירט אים בולט אַרויס.

„נאָר זי הערט ניט און באַמערקט ניט,
אימער שטאָלץ און אימער שלאַנק,
פול מיט מאַכט און פראַכט און צויבער,
פול מיט שטרעבן און געדאַנק."

(די סטאַטוע פון פרייהייט)

„נאָך אַ יאָר איז אַוועק, פול עינויים און שלעק —
אַ ביטערער פינצטערער יאָר!
און עס נעמט ניט קיין עק צו די רדיפות און שרעק —
דיזעלבע אַזוי ווי בעפאָר!

און מיר שטייען געוואַרט, אין די געטאָס פאַרשפּאַרט,
און זוכן אַ וועג פון אָסטראָג;
און מיר טאַפּן פאַרשמאַכט אין דער פינצטערער נאַכט,
און זוכן אַ סימן פון טאָג"

(נאָך אַ יאָר איז אַוועק)

„דאָס לאָזט זיך אַוועק אויפן מערב צופוס
די הונגערנדע, שמאַכטנדע, בלוטנדע רוס"

— — — — — — — — — — — — — — —

זי גייט מיטן אַלטן היסטאָרישן וועג
פון הון און פון טאָטער און פון פעטשעניעג"

(רוסלאַנד)

דער עלעמענט פון באַשעפטיקן זיך און בייקומען די שרעק באַ־שטעטיקט נאָך מער זיין דערהייבן זיך איבערן פּרימיטיוו. דאָרט איז דער אינהאַלט אין אַ פּראָצעס פון סינטעזירן זיך מיט זיין אור־כאַאָס. ווען נאָך אַ קינד האָט ליעסין געזען שרעק אין אַרומיקן לעבן. דער מוסר, מיט זיין „דע לפני מי אתה עומד" און שווערן פּאַטום פון דעם גרויסן יום הדין, האָט אים געגערט מיט שרעק. אין קלויז זעט ער אימה.

„און אימהדיק קוקן די אַלע געזיכטער,
פאַרהילטע ביינאַכט אין טליתים,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך דאָ הוידען און שאָקלען
אַ גרויזאַמער קהל פון מתים."

(דער קליינער צווייפלער)

דאָסזעלבע אויך אין די לידער פון איינזאַמקייט, אָפּגרונטן און „נישט":
„זיי האָבן געלאָזן אין שרעק
מיך איינעם מיט זיך."

— — — — — — — — — — — — — — —

איך שרעק זיך און קען זיך אַליין ניט פאַרשטיין.

(אַליין)

„און איצט, ביים סוף וועג, ווען איך גיי פון דיין וועלט
אין שוואַרצן און אייביקן גאָרנישט אַוועק,
דערפיל איך די פרעמדקייט — אַ טויטלעכע קעלט,
אַן אָפּגרונט פון שרעק !"

(ממעמקים)

„און פלוצלונג האָט שנעל אַ געדאַנק דורכגעפּלאַטערט,
אין שטילקייט פון נאַכטיקער שרעק."

(אין דורכפלי)

„איך זוך אים, דעם בליץ־שפור, אומזיסט
און נישטער אין טויט־שרעק און נישטער.

(ביים תהום)

„זי זאָל ניט אין מיטן פון די ווייטסטע אימות
פאַרשווינדן ווי די אינדן אין צעשטויבטן שוים"

(אויפן וועג צו סאנדי הוק)

עס איז אמת, ליעסינס עלעמענטאַלקייט ברענגט אים ניט צו אַ מין נירוואנא. צוזאַמען מיט דעם פאַנאַנדערלערן זיך אין ברייטנדיקע תהומען פון פוסטקייט און אור־באַגריפן, גייט אויך אָן דאָס אָנלאָדן זיך מיט תהומען פון שווערמוטיקער געהיימניש און שרעק. דאָס באַוועגלעכע ווערט ניט איינגעשטילט. פאַרקערט, צוליב זיין „ווילן און ווייז" ווערט זי דינאַמיש. דורך דערדאָזיקער דינאַמישקייט פאַרזינקט ער אין דעם כאַאָטישן אור פון זיין. זיין אויסדויער און די־זעלביקע דינאַמישקייט ווערן אין אים פאַראייניקט, האַלטן גלייכגע־וויכט צווישן כאַאָס און זיין „ווילן און ווייז". דאָס היט אָפּ זיין אויסדרוק פון ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אומאָרגאַניזירט געשריי.

דערדאָזיקער אָנשטרענג ווידער רופט אַרויס אין ליעסינס אויסדרוק געצאַמטקייט און קאָמפּאַקטקייט.

ליעסינס קאָמפּאַקטקייט און געצאַמטקייט זיינען אויך אַ רעזולטאַט פון זיין קינסטלערישער געדולדיקייט. דאָס בולטסטע וואָס די פריערדיקע טראַדיציע האָט צוגעגרייט פאַר די דיכטער פון ליעסינס עפּאָכע איז געווען באַרעדעוודיקייט. דאָס אַרויסקריגן דעם תמצית פון אַן אינהאַלט דורך דעם סאַמע עקאָנאָמישסטן וואָרט, ד. ה. דורך אַ קינסטלערישער פאָרמולע, האָט אין דער אידישער פּאָעזיע זיך אַנטוויקלט מדרגהווייז. אין דערדאָזיקער אַנטוויקלונג האָט ליעסין געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל מיט זיין נייגונג צו קאָמפּאַקטקייט און געצאַמטקייט. דורך דידאָזיקע אייגנשאַפטן האָט שוין ליעסין געשאַפן: די אָנגעלאָדענע שורה. אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָט ער ניט נאָר פּאַרפעקטיקט די אָנגעלאָדענע שורה אין דער אידישער פּאָעזיע, נייערט אויך אָנגעשלאָגן אין דער פאָרמולאַטיווער שורה. ווען אַ שורה ווערט דערבראַכט צו אַ פּאָעטישן מאַקסים, צו אַ פּאָעטישער פאָרמולע, ווערט דער מאַטעריאַל אין איר אַזוי קאָנצענטרירט, אַז אין דערדאָזיקער שורה בלייבט אָרט פאַר רעפלעקטן און אָנרעגן, — פּלאַץ און מעגלעכקייט פאַר דעם נאָכשאַף פונם לעזער.

„איך גיי אין די שאָטנס פון שטאַרבנדע טעג" (ממעמקים)
„פאַרמאַך איך די אויגן און חלש" (ערדישקייט)
„וואו זיינען דיינע שליסלען פון גענאָד, אָ, וואו?"

(אין דערווייטערונג)

„אַלע זיינען גלייך און הילפלאָז
„פאַר דער אַלטער שוואַרצער נאַכט" (אַן אָוונט אין

די בערג)

אין די לידער אָבער, וואו עס הערשט בלויז די אָנגעלאָדנקייט פון דער שורה, זיינען די מעגלעכקייטן צו פאַרוואַנדלען דעם מאַטעריאַל אין קאָנצענטרירטער ענערגיע אַ סך קלענער.

„זי דערשיינט אונדז אין חורבן, אין רויטן פאַרהילט
מיטן פאַקעל, וואָס פלאַקערט און קנאַקט אַזוי ווילד".

(די נקמה).

„און עס קוילעט דער קוילער אין בלוט ביז די קני (נקמה)

„אָ, קיין וועג און קיין שטראַל ! עס איז שוואַרץ

איבעראַל,

און דיק איז דער חושך און שטום ;
סיהערט זיך אָפּט נאָר אַ קנאַל פון דעם פיינדס איבערפאַל
דעם צורנס אַ שרעקלעכער ברום."

(נאָך אַ יאָר איז אַוועק)

„דאָס קינד פאַלט אין שטראַלן אַנידער
מיט אויגלעך צעעפנטע גרויס ;
די מוטער דערזעט עס און ווידער
איר קוואַל פון די טרערן ברעכט אויס."

(די מוטער און דאָס קינד)

אָבער ליעסין נוצט אויס זיינע אָנגעלאָדענע שורות אויף אַ גלענצנדיקן אופן אין יענע לידער, וואו עס טרעט ביי אים אַרויס אַ גוטמוטיק אונ־טערלאַכן. מיט דער הילף פון דעמדאָזיגען גוטמוטיקן טאָן בינדט ער אָבזיכטלעך צונויף זיין אָנגעלאָדענע שורה מיט איבערטרייבונג, נוזמא („באַמבאַדירן היים דעם בורא"). ער שאַפט אַזוינאָך אין זיין מילדן סאַרקאַזם אַ נייעם עלעמענט אין דער פּאָעזיע פון זיין עפּאָכע: דעם גראָטעסק. („עקספּלואַטאַטאָר", „געלעכטער", „שמחת בית השואבה")

דער וויכטיקסטער אויפטו אין זיין דערהויבן דאָס ליד איבער זיין „צייט און סביבה" באַשטייט אין זיינע סינטעטיזירטע פּאַראַלעג־

מיינערוונגען און דעטאַלן. דורך דעמדאָזיקן סינטעז האָט ער בולט ארויסגעבראַכט און באַפעסטיקט דעם אַטריבוט. מיט אים באַנוצט ער זיך דערפאָלגרייך, און ער האָט דערמיט פריי געמאַכט דעם וועג פאַרן אַנקומענדיקן סימבאָל.

דער רייפער סימבאָל איז אַ פאָרמולע; דער אַטריבוט איז אַ צו־שרייבונג. דער אַטריבוט געפינט ניט, ווי דער סימבאָל, דעם אויס־דרוק אין אַן אַנדער אָביעקט. ער שרייבט־צו צום אָביעקט, דרויסן פון אים, אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס דער קינסטלער גלויבט אין מאָ־מענט פון אויסדרוק, אַז דער אָביעקט באַזיצט זיי אין זיך. אין דער אמתן איז דאָס בלויז אַ צופעליג אָדער אַן אראָפּנעם פונם קעגנשטאַנד. דאָס ווערט געטאָן מיט דער הילף פון צוגעבן ווערטער, בילדער, אדיעק־טיוון. דער אַטריבוט קאָן פאַרעכנט ווערן פאַרן שטאַפּל, וואָס פירט פון מאָטיוון געזעלשאַפטלעכע צו אינדיווידועלע, פון באַהויפּטונגען צו סימבאָלן. אַזוינאָך איז דער אַטריבוט געוואָרן אַ נויטווענדיקער איבערגאַנג־שטאַפּל אין דער אידישער פּאָעזיע. ער ווערט אויסגעדריקט אַמבולטסטן דורך ליעסינגן, אין ווען דער איבערגאַנג פלעגט פאַר־זיגלט ווערן ווי אַ סינטעז. דער אַטריבוט איז מערסטן אויסער דעם קעגנשטאַנד און ווערט געבאָרן אין דער עמאָציע פון דעם דיכטער, זייער אָפט אין דעם ראַציאָנאַליזירטן עמאָציאָנאַליזם.

„און אָט זע איך אים אויפגיין אין חושך
ווי דער צאָרן פון פאָלק, אַזוי גרויס.“

(בר־כוכבא)

„איך לויף און עס לויפט פאַר מיר בלאַס
אַ פחד אין פראָסט־בלויען רוים“.

(אגרת בת מחלת)

„און עפּעס די גאַנצע נאַטור האָט אַזוי ווי
אַ פּלוצלעכן שוידער געגעבן.“

(אור וחשך)

„עס פֿאַרלעשן זיך די פֿאַרבן,
און עס שטאַרבט די פֿלאַמען־פּראַכט"

„אונטן ליגט דער טאָל אין נאַכט שוין
פֿול מיט טונקעלן פֿאַרדרוס"

(אַן אָוונט אין די בערג)

אַזוי ווי דער אַטריבוט איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון אַ פֿאָרמולע, מוז ער אויך, צייטנווייז, אַרויסרופֿן פֿאַראַלגעמיינערונגען ביים דיכטער. ניט פֿונם מאַטעריאַל, נאָר פֿון אויסדרוק־מיטלען, כדי צו באַהערשן די ענערגיע פֿונם אויסדרוק:

„און עס בייט זיך אַלץ אַרום
און פֿאַרשלינגען אַלץ אַרום

„איך זע זיי, די שרעק־בילדער, בלייכער און בלייכער,
און ווייט, אַזוי ווייט ערגעץ־וואו".

„פֿאַרשווינדט עס אין גאָרניט פֿון בלויקייט."

(אין שלאָפֿלאָזן אומעט)

„אין אוראַלטן וואַלד ערגעץ־וואו".
(נעבל)

„און איצט ביים סאָף וועג, ווען איך גיי פֿון דיין וועלט
אין שוואַרצן און אייביקן גאָרנישט אַוועק."

(ממעקים)

נעפּל, שוים, גאָרנישט, נאַכט, זיינען ליעסינס באַליבטסטע ווערטער. צוליב דעם כאַראַקטער וואָס זיי טראָגן אין זיך, איז זייער פֿאַראַלגעמ־

מיינערונג אפילו גרעסער פון דעם אַלגעמיינעם וואָרט „אַזוי". אויב ביי די איינגערע פּאָעטן איז דאָס געווען אַן אומפּאַגעבלעכער מיטל פון גרינגסטן ווידערשטאַנד, אַן אָפּשוואַך און ענערגיע־לאָזיקייט, איז דאָס ביי ליעסינען געווען אַן עלעמענט אין זיין סינטעז פון צוויי קעמפנדיקע פּאָעטישע פאָרמען. צוזאַמען מיט זיין

„און נעם מיך אַרום אַזוי שטיל"

„איך פיל אַזוי רואיק, אַז עפּעס אַזוי ווי
אַ בושה דערוועקט זיך אין מיר"

„עס ברענען די ליכט אזוי מיד־מעלאַנכאָליש"

(דער קליינער צווייפלער)

„עס הענגט אַזוי שטום"

(נעבל)

„איר באַק איז געווען אַזוי שוואַרץ"

(אין חלום)

איז אויך געגאַנגען אַן אָנשטרענג צו געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט און דעם פּאַסיקן גראַם. אויסדריקנדיק זיינע אַטריבוטן, ספּעציעל אין יענע לידער, וואו ער דריקט אויס אומבאַשטימטע אורן, זוכט זיין באַוואוסטזיין דאָס נאָך־ניט־עקזיסטירנדיקע וואָרט.

די צוויי־וואָרט קאָמבינאַציע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ליעסינען: אייביקייט־נאַכט, בליץ־שפּור, גאַס־וויסן, קיל־שטילן, הינטער־וועלט קעלטן, פּוסט־וויסטע וועלט, דיין ליכט־דינער, קאַלט־שווערן שטיין, דאָס ליכט־בעט, ערד־וויינען, ניט־אויג, ניט־אויער, טרוים־לייכט, די ביז־די־קני באָרד, די וועלט־ווינטערס, די יענע־זייט, ווייט־וואו, קאַש־מאַרן־געשפּענצטער, שוים־כף־הקלן.

דער גראַם ווערט אויך ביי ליעסינען געזוכט אַזוי, אַז ער זאָל זיין אַמפּאַסיקסטן צו דער אַנגעלאָדנקייט, וואָס זיין שורה פאָדערט, און וואָס זאָל פאַרענטפערן זיין אָנשטרענג:

„און ווידער זע איך: עשו יאָגט אין ווילדן צאָרן:
אָט פּלאַקערט אויף דער ערשטער אידישער פּאָגראָם!
און כיטרע ווערט ביי יעקבן דער פּלאַן געבאָרן,
וואָס איז דער סוד פון אונדזער קיום עד־היום.

(אל תירא עבדי יעקב)

„מיט טויזנט וואונדן בלוטעט גוסס שוין די אומה.
און טויט צו שטיקן איז זיין האַנט נאָך אויסגעשטרעקט,
ניט האָבן זאָל די אומה אויך אין גייסט קיין תקומה,
עס זאָל ישראלס נאָמען ווערן אָפּגעמעקט."

(רבי יהודה בן בבא)

דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי ליעסינען איז די אָנגעלאָדנקייט פון: שורה, וואָרט און גראַם. עס איז נויטיק צוצוגעבן, אַז זיין קאָמפּאַקטקייט געווינט זייער אַ סך אין זיינע נאַראַטיווע, נאַטור און עלעמענטאַל־לידער. דאָרט ווערט די פּאַראַלגעמיינערונג און, אין דער זעלביקער צייט, געצאַמטקייט, דערהויבן דורך זיין לירישקייט. דאָרט גרייכט ער דעם אומדירעקטן אומבייט צווישן מענטש, נאַטור און דעם לעבן הינטער זיי. די דיסטאַנץ, וואָס שאַפט זיך אין זיינע נאַראַטיווע און נאַטור־לידער, ווערט דערהויבן פון דעם שאַבלאָן, מיט וואָס עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די לידער פון דער עפּאָכע פאַר אים. דידאַקטישע דיסטאַנץ טראָגט מיט זיך אַ לירישן אָנווי פון ווייטע בילדער און געדאַנקען. דאָ טרעט ארויס ליעסין ווי אַ ליריקער, וואָס האָט דערגרייכט דעם סינטעז צווישן דעם געזעלשאַפטלעכן עלעמענט און דעם אינדיווידועלן; צווישן דעם אָביעקט, דרויסן פון אים, און זיין אינדיווידועלן צופאַרב.

ליעסין, דער דואַליסט, האָט געקאָנט פאַרפיקסירן דעמדאָזיקן ברויזנדיקן איבערגאַנג אין דער אידישער פּאָעזיע אין אַ סינטעז, ווייל ער איז געווען קינסטלעריש רייפער פון זיינע פאָרגענגער. זיין באַציאונג צו זיין שפּראַך־מעדיום איז געווען אַ העברעע. זיין אידיש איז ניט געווען פאַר אים די שפּראַך:

„פון ווילנער מאַרק און דינאבורגער **יאַטקעס**
מיט אַלערליי פּאַרוואַלגערטע אַסטאַטקעס" **(ש. פרוג)**

„פון אידישע ווערטער אלטמאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָן אַ קלאַנג,
פון טענער אָפּט ווייניק מעלאָדישע"
(מאָריס ווינטשעווסקי)

וואָס האָט

„קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן!
ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל
נישט קיין פּאַסנד וואָרט, קיין סטיל...
(י. ל. פּרץ)

פּאַר אים איז אידיש געווען

„אַזוי ווי די שיינקייט פון מענטשלעכע **זעלן,**
„אַזוי ווי די שיינקייט פון פאָלקס־זעל אַליין."

דאָס לשון, וואָס האָט „נאָר די חנ'ען פון תחינות **פון פרומע.... די**
שיינקייט פון קידוש השם",

„..פלעג אין פאַרטאָגן אין **שטילע**
מיט ציטער מיט צאַרטן אַריין —
אַ פליסטער פון עפּעס אַ תפילה,
אַ שימער פון עפּעס אַ שיין.
און ערגעץ אין חושך אין **שטילן**
פלעגט דענסטמאָל אַ וואונדער געשען:
איך פלעג דאָס פאַרהוילענע פילן,
איך פלעג אומגעזעענע זען.
— — — — — — — — — — — — — — — ......
און האַרציק, מיט טרייסטונג **מיט גוטער,**
פלעגט קלינגען מעלאָדיש אַ קול
— — — — — — — — — — — — — — —
מיט שטילע באַהאַלטענע פריידן,
אַזוי ווי מיין מוטער אַמאָל.
— — — — — — — — — — — — — — —

איך פלעג אין זיך פליגלען דערפילן,
איך פלעג אין דער הויך זיך דערזען.
און אויסברעכן פלעגן מער טרערן
פון גרויסער אַנטציקנדער פרייד,
און וויינענדיק פלעג איך איר שווערן
אַ רינגל צו זיין אין דער קייט,
צו ציען אַלץ ווייטער דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און וויי.

(אידיש)

אַן צוגעגרייטע קונסט־באַגריפן פון דער פריערדיקער אידישער פּאָעזיע, אין אַ צייט פון משכילישע און „באַוועגונג־פּאָעזיע"־שאַבלאָנען, האָט ליעסין, אַ דאַנק זיין דואַליזם, אַריינגעבראַכט אין דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע דעם סינטעז צווישן:

1) דעם דירעקטן און אומדירעקטן מעטאָד אין באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל;

2) דעם געזעלשאַפטלעכן און אינדיווידואַליסטישן וועלט־באַנעם;

3) פּרימיטיוון באַוואוסטזיין און לירישער פאַרגעסנקייט;

4) אַקטיווקייט פון פּאָעטישער פאַרטראַכטונג און רעפלעקטיווקייט;

5) יאוש און ווילנפולן טראַגיזם.

דאָס אַלץ האָט געפירט צו אַן אָנהויב פון שלימות צווישן עטיק און עסטעטיק, אויסגעדריקט אין אַ פיל־באַדייטנדיקער האַרמאָניע פון אינהאַלט און פאָרם.

אברהם רייזען

(דער דיכטער פון ליד)

אברהם רייזען

(דער דיכטער פון ליד)

רייזענס אינהאַלט און פאָרם זעען אויס, פון אויבנאויף, זעלבסט־פאַרשטענדלעך און איינפאַך. דערדאָזיקער איינדרוק איז אָבער אַ פאַרפירערישער. ביים אָפּגעבן זיך חשבון, ווערט קלאָר, אַז מען איז געווען אין אַ צושטאַנד פון אַ ווייטער און העכערער אומוואַנדלונג; אַ לעבן־דערפאַרונג דערבראַכט צו אַ לעבן־דערקענטניש; פון דער פּשוטער ווירקלעכקייט ביז אַ הויכער באַגרייפלעכקייט.

יעדע עמאָציאָנעלע דערפאַרונג, געבויט, ווייזט אויס, אויף אונד־זער פאַרשטעלונגס־קראַפט, שאַפט אַ צושטאַנד פון אומוואַנדלונג. לייענענדיק רייזענען אָבער, שאַפט זיך די אומוואַנדלונג אַזוי אומ־באַמערקט, ניט געזען און ניט געפילט, אַז בלויז ביים באַטראַכטן דעם איינדרוק דערפילט מען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ באַווירקונג־פּראָ־צעס ווי דורך אַ טראַנס. דערדאָזיקער אומבאַמערקטער פּראָצעס שוועבט הינטער זיין שאַפן, און אין אים ליגט דער סוד פון רייזענס גרויסער מייסטערשאַפט.

דער אינהאַלט פון זיינע לידער איז אַ רעאַליסטישער; די פאָרם איז פּשטות פון געדאַנק. ער דריקט אָבער אויס זיין כלומרשט איינ־פאַכן אינהאַלט און פּשוטע פאָרם אויף אַזאַ אופן, אַז זיי ווערן פאַר־וואַנדלט אומבאַמערקט אין ווייט־אָפּגערוקטע בילדער, געדאַנקען און שטימונגען, וואָס שאַפן פּערספּעקטיוו, און, במילא, אַ געפיל פון שטייגונג.

נאָכצופאָלגן זיין „איינפאַכן" מעטאָד איז זייער שווער, ווייל ער איז, ווי פריער דערמאָנט, ניט קיין מערקבאַרער. זיין אינהאַלט און פאָרם קאָן מען נאָך נאָכגיין, ווען מען באַטראַכט זיי ווי אָפּשפּיג־לונגען פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז ביי רייזענען בלויז די שאַ־לעכץ. ווען מען זוכט געניי צו באַשטימען זיין אופן פון מיטטיילן

זיינע פּאָעטישע דערפאַרונגען, ווערט זיין מעטאָד פּלוצים ווי פאַר־שוואונדן פון אונדזער אויג. וויל מען פּרובירן צוריק אויפשטעלן אַלע באַשטאַנד־טיילן פון זיינס אַ ליד, אָן זיין אייגנאַרטיקן אופן פון מיטטיילן, קומט פאַר דערזעלביקער פּראָצעס: די פּערספּעקטיוו און געפיל פון שטייגונג ווערן צערונען. עס ווערט אוממעגלעך ארויס־צוקריגן צוריק דיזעלביקע אָפּגעווייטערטע בילדער, געדאַנקען און שטימונגען, וואָס רייזען שאַפט, בלויז אַ דאַנק זיין אייגנאַרטיקן אופן פון מיטטיילן. הינטער זיינע קאָנקרעטע און איינפאַכע ווערטער און פורעמס באַזיצט רייזען אַ שפע ניט־באַמערקטע און פאַרשידנ־אַרטיקע באַציאונגען — דאָס איז דער ערשטער געדאַנק, וואָס שאַפט זיך, בעת מען פּרובירט צו לייזן די פּראָבלעם פון אומבאַמערקטער אומוואַנדלונג. דערדאָזיקער ערשטער געדאַנק ווערט באַלד אַרוי־בערגעטראָגן אויף די תנאים, וואָס אונטער זיי האָט רייזען געשאַפן זיינע ווערק. זיינע פילע באַציאונגען קומען צו אים פון דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצוגיין און, אַ דאַנק זיין פילבאַרן גע־שמאַק, פאַרהיטן אין זיך אַלע שטאַפּלען פון דעם רעאַליסטישן קאָ־לעקטיוו־באַגריף ביז דער ראָמאַנטישער יחידישקייט, וואָס אונדזער פּאָעזיע האָט דערפאַרן אין איר אַנטוויקלונג ביז דער וועלט־מלחמה.

זיין מייסטערשאַפט אָבער באַשטייט אין דורכפירן זיינע פיל־פאַכיקע באַציאונגען מיט דער העכסטער עמאָציאָנעלער אָרדענונג און באַגרייפלעכקייט. ער פאַרפאַרטיקט זיי טראָץ יענע שוועריקייטן, וואָס באַווייזן זיך אויפן וועג פון איינעם, אויף וועמעס גורל איז אויס־געפאַלן צו זיין אַ פּיאָנער און אַן איינפּונדעווער, אַ שליסער פון אַ פּעריאָד און אַן אָנזאָגער און צוגרייטער פון נייע וועגן.

דעם פּיאָנער, ווי דעם שליסער פון אַ פּעריאָד, איז שווער ביי־צוקומען פאַרשידענע אומגינסטיקייטן, וואָס קומען אים אַנטקעגן. זיין בילד בלייבט אָבער גאַנץ און דער רעזולטאַט ווערט דאָך ניט צעשטערט. אַנדערש איז אָבער מיט דעם, וואָס טראָגט אויס מיט זיך די קריסטאַליזאַציע פון זיין עפּאָכע. ביי אים צעפאַלט דאָס בילד אין אַ סך געזיכטן, אַפילו אין סתירות און אין פילע שטראָמען פון בייטנדיקע דוכטענישן. דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך דאָס וויסן

פונם פּיאָנער אָדער סומירער, הייבט זיך אָן דער אומפּאַרשטענד־לעכער פּאַרלאַנג אָפּצוזונדערן זיך פון דעם וויסן, זיך צו דערשפּירן אין דער ספער פון אומבאַטראָכטענער און אומבאַגריפענער אָנונג. זעט ניט אויס דער וועג פון יעדן שאַפנדיקן וואַנדערער, יעדן קריס־טאַליזאַטאָר, ווי אַ שטענדיקער אויפלויכט פון פּענטענדיקע און צווי־בערנדיקע רעגונגען? און פּאַרפירן דען ניט דידאָזיקע רעגונגען אין פּאַטאַלע גרייזן און ווידערשפּרוכן, ביז דורשט געבערט אַנטפּלעקונג, און ביז די כּישוף־בליצן ווערן אונטערוואָרפן דער באַזיניקונג? קאָן מען דען אַנדערש פּאַרוואַנדלען זיך אַליין פון אַן אומבאַשטימטקייט אין אַ דורכזיכטיקער וויזיע, אויב ניט דורך אונטערוואַרפן זיך אַליין דער באַזיניקונג, דער עמאָציאָנעלער אָרדענונג? וויפל טעותן און קאָנפליקטן זוכן זיך אויסצולעבן, זיך באַרואיקן און אויסגעגלעט צו ווערן אין אַ פול און פּאַרגאַנצט בילד. און דאָס ווערט געזוכט אין דעם מאַגישן פייער פונם באַוואוסטזיין. זוניקט דען ניט הינטער יעדן טראַכטן, אַפילו דעם מעטאַפיזישן, דאָס קלאָרע אָנגעזיכט פון אַ באַשטימטער פּאָרשטעלונג?

אין דערזעלביקער דעקאַדע, ווען די פּאָטערס פון דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע האָבן אָנגעמערקט אירע טריט, באַווייזט זיך רייזען צווישן זיי מיט זיין קינסטלעריש פאָרמולירן דעם כּלל־גייסט פון זיין צייט. אַ פּיאָנער צוזאַמען מיט זיי, דאָך טיילט ער זיך אינגיכן אָפּ פון זייער גרונט־באַציאונג: די פּאַראַלגעמיינערונג פונם כּלל. פּאַר אים איז די גענעראַליזאַציע שוין דעמלט געווען אַ דערגרייכט און זעלבסטפּאַרשטענדלעך וויסן. ער, דער צוקונפטיקער איינסטאַלירער פון זיין עפּאָכע, לאָזט זיך אַוועק אויף פּאַרשידענע וועגן, בייוועגן און שטרויכלונגען. ער זוכט נאָכצושפּירן און זיך פּאַרייניקן מיט די פּאַרשידנאַרטיקע און ווידערשפּרעכנדיקע איבערלעבונגען פון דעם איינצלנעם.

צו זיין אַ דיכטער, וואָס אין אים און דורך אים ווערן אויסגע־קריסטאַליזירט די עמפינדלעכקייטן און סתירות פון זיין עפּאָכע, און דערביי ניט אַרויסווייזן אַפילו קיין סימנים פון צעריסנקייט און כאַ־אָס, איז אַ באַווייז: 1) פון קלאָרן עמאָציאָנעלן אויפנעמען איינ־

דרוקן, און 2) פון אָרדענונגפּולער באַגרייפלעכקייט. דידאַזיקע צוויי מעלות זיינען דער גרונט־שליסל פון רייזענס אויסערגעוויינלעכער אויפריכטיקייט. עס איז געגנוג צו דערמאָנען זיך אין זיינע אוטאָ־ביאָגראַפישע לידער, כדי איינצוזען מיט וואָס פאַרא גרויסער איינ־פאַכקייט ער שטרייכט אונטער זיין סביבה, זיין היים־טראַדיציע. אמבולטסטן זיינען יענע שורות, וואו ער ווייזט אָן ווי אוממעגלעך ס'איז פאַר אים צו באַזיצן „שיינקייט" אין זיין פּאָעטישן באַנעם. דידאַזיקע גרויסע פשטות און, נאָכמער, דאָס אָנווייזן אויף די טעמים פון זיין „אומקינסטלערישקייט", זיינען ניט נאָר אויבנאויפיק רירנ־דיק. זיי זאָגן עדות וועגן יענער עלעמענטאַלער אויפריכטיקייט, וואָס פאַרגיטיקט די פּאָעטישע קלאָרקייט און געבערט אַ העכערן באַדייט. דאָס זיינען פאַרטיפטע מארק־שאַגאַלישע מאָטיוון.

„ווי קום איך צו שיינקייט? פון וואַנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרים און וויסט,
ביי איטלעכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט...

(ווי קום איך?)

„נאַכט און קאַלט. דאָס קליינע שטיבל
קוקט ווי אַ גרויסער קבר אויס,
און דאָס אָרימע געזינדל
קאָן פון דאָרטן ניט אַרויס.

— — — — — — — — — — — — —

ס'שפּילט דער ווינט אַ מתים־נגון
הינטער שטיבל אויף דער גאַס
און די מתים אין דעם שטיבל
האָרכן צו אָן צער, אָן כעס..."

(נאַכט און קאַלט)

רייזענס זעלבסט־קריטיק, ווי מען זעט עס אין זיין דירעקטן אופן פון באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל, איז אַ זעלטענער פאַל אין זיין

סביבה. עס איז אָן שום צווייפל, אַז יעדער קינסטלער מוז פריער אָדער שפּעטער זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם באָדן און די גרענעצן, וואָס זיין טראַדיציע האָט פאַר אים צוגעגרייט. רייזענס פערזן באַווייזן גרינטלעך, אַז ער פאַרלירט קיינמאָל ניט פון אויג זיין געירשנטע טראַדיציע. ער ווייס ווען זי שטערט און פילט ווי זי העלפט. ער איז דערפאַר טיף־אויפריכטיק וועגן זיינע פערזענלעכע בלומרשטע „באַגרענעצונגען". ער גייט קיינמאָל ניט אַרויס פון זיינע אייגענע אָנגעצייכנטע ברעגעס. ער געהערט צו דעם וואָס ער שאַפט, און איז אַ טייל דערפון. אין זיינע לידער זיינען ניטאָ קיין בולטע רווּ־קייטן און איבערטרייבונגען, אַזעלכע וואָס האָבן צונישט געמאַכט אַ סך לידער פון וויכטיקע דיכטער פון זיין צייט. רייזענס שטריך ניט צו רייסן זיך אַריבער די גרענעצן פון זיינע מעגלעכקייטן ליגט ניט דווקא נאָר אין זיין טעמפּעראַמענט, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמירט אונטער די „אָרימע און וויסטע" לעבן־באַדינגונגען. דער שטריך ליגט גיכער אין זיין קינסטלערישער לאָגישקייט. זוכן און געפינען די גרענעצן און באַגרענעצונגען פון דער אייגענער ענערגיע היט זייער אָפּט אָפּ פון אומזיסטע געוואַגטקייטן און צוועקלאָזע דורכפאַלן. אַזאַ זעלבסט־קריטיק, צוזאַמען מיטן אָנגעשטרענגטן דעם גאַנצן פּאָעטישן כוח צו קולטיווירן דעם שטח, איז אַ הויכע מדרגה. דאָס מיינט: מוט, אויפריכטיקייט און אמתע באַשיידנקייט. אָבער דאָס וויכטיקסטע דערביי איז די קינסטלערישע פּילבאַרקייט און פאַרשטייעניש.

„און מיין לעבן איז געגליכן,
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער ניט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער ניט קיין קראַפט!..."

(לעבן ווילט זיך)

רייזענס פּילבאַרקייט צוזאַמען מיט זיין פּאָעטישער קלאָרקייט האָבן גענערט זיין זעלבסט־קריטיק. זיי האָבן אים אויך אָפּגעהיט פון אַ מעגלעכער באַאַטישקייט. דאָס בילד ביי זיינע פאָרלויפער איז ניט געווען סימבאָליש און ניט פילגעזיכטיק. עס האָט געהאַט די

איינגשאפטן בלויז פון פערזאָניפיקאציע. די פרטים פון דעם בילד האָבן זיך בולט ניט ארויסגעזען. זיי האָבן זיך ניט באוויזן אין שארפן רעליעף און זיינען ניט געווען פארטיפט. דאָס בילד אין דער פאָעזיע פון זיין צייט איז אין מערסטע פאלן געווען א כלל־גענעראליזאציע. רייזען האָט זיך ניט באנוגנט מיט דערהאָזיקער אומקלאָרער פאראלגעמיינערונג. ער האָט זיך אוועקגעלאָזן צו דערקענען די פרטים פון דעם כלל. זיין וואנדערוועלט איז געוואָרן פאר אים א לאבירינט פון אן אומענדלעכער צאָל איינצלנע געזיכטער, אין וואָס זיין כלל האָט זיך אנגעהויבן אויסשיילן. צייטנווייז האָבן די געזיכטער אויסגעזען ווי סתירות, ווי כאאָס. זיין פילבארקייט און קלאָרקייט האָבן אים דאָ געהאָלפן. יעדע דערשיינונג און יעדער יחיד פון דער כלל־גענעראליזאציע ווערט ביי רייזענען ניט נאָר אן ארויסגעהויבענער אָדער פארטיפטער פרט, נאָר טאקע א פולער, זעלבסטשטענדיקער איינס. דער איינס בלייבט אָבער שטענדיק אין זיין פולקאָמער אָנגעהעריקייט צום גאנצן כלל.

דערשיינונגען און איבערלעבונגען ווערן פאר רייזענען אנטפלעקט איינציקווייז. זיי ווערן פון אים אויפגעכאפט אין איינצלנע אָנבליקן, און אויסגעדריקט ווי איינצלנע דערפארונגען פון דער פיל־געזיכטיקער רעאליטעט. די ווירקלעכקייט, וואָס גייט דורך רייזענס פסיכיק, דארף ווערן פאר אים, ווי פאר יעדן מענטשן, פריער פאר אלץ א ריין־סוביעקטיווע דערקענטניש. דאָס דערקענטע ווערט איינס מיט אים אליין. דאָך ניט ענג־ און פערזענלעך־איכיש. זי ווערט ביי אים א פאָעטישע זאכלעכקייט, אויסגעטאָן סיי פון אומבאשטימטער סוביעקטיווער קרענלעכקייט, סיי פון בלענדענישן און ראשי־קייטן. רייזענס פאָעטישע דערקענטניש איז א רעאלע פאָעטישע חכמה.

ביי קיין אידישן דיכטער איז ניט פאראן אזא שפע לידער, וואָס רירט אָן אזוי פיל און אזעלכע פארשידענע מאָמענטן פון זיין לעבן. די לידער ברענגען ארוים פון יעדן מאָמענט די לעבן־חכמה פון דעם דיכטערס דערפארונג. און קיינער אין דער אידישער פאָעזיע איז ניט און קאָן ניט זיין אזוי פראָדוקטיוו ווי ער, און דאָך דערביי ניט ארייננפאלן אין א פאָעטיזירנדיקן פערזן־זשורנאליזם.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו באַטראַכטן רייזענען פֿאַר אַן אינ־דיווידואַליסט, אין דעם זין, ווי מיר זיינען געוואוינט געווען צו באַנוצן דעם טערמין. דאָ דאַרף אינדיווידואַליזם ניט פֿאַרשטאַנען ווערן אינם ענגסטן זין: אַן ארויסשטעל פֿון עגאָצענטרישקייט, אַ פּרימי־טיווער אופֿן פֿון אָפּגעבן זיך מיט זיך, מיט די אייגענע גלוסטונגען און פֿאַרלאַנגען. צו דער קאַטעגאָריע טאָר מען רייזענען בשום אופֿן ניט צורעכענען. רייזען איז דער אינדיווידואַליסט פֿון קאָסמישן אָפּ־בילד, און ניט דער איינזייטיקער סוביעקטיוויסט. ער איז דער דע־טאַליזירער פֿון איינצלנע פֿאַזעס פֿון דער גרויסער קאָסמישער אָנגע־העריקייט. ער ווערט ניט דער בלוטלאָזער, צימערדיקער פֿאַרצוויפֿ־לער. ער איז ניט קיין קרבן פֿון אַן עגאָאיזם, וואָס איז אונטערוואָרפֿן דעם שפּיל פֿון דרויסנדיקע רעגונגען, אויף וויפֿל זיי פֿאַרשאַפֿן ליינ־דערונג בלויז אים אַליין. ער איז דער רעאַליסט, וואָס צעאיינצלט און דערהויבט מאָטיוון און טיילן פֿון דערווירקלעכקייט. ער רעאַגירט באַוואוסטזיניק אויף יעדער דרויסנדיקער רעגונג. ער נעמט־אויף איינציקווייז דאָס לעבן־דערפֿאַרענע אין איר ווירקלעכקייט־באַדייט. אָבער ניט דאָס איז די סיבה, וואָס ער ווערט ניט כאַאָטיש אין זיין אויפֿנעמען אַלערלייאיקע איינדרוקן. ער איז טאַקע ניט קאַליידאָס־קאָפּיש אין אויפֿכאַפּן דאָס לעבן. זיינע אָנצאָליקע איינדרוקן זיינען אָבער פֿול מיט קעגנזאַצן און פֿאַרשידנקייטן. ניט צוגעבונדן צו אַן איינזייטיקייט, צו אַ באַשטימטער איין־ליניקייט, לעבט ער זיך אויס אין יעדער רעגונג, וואָס רירט אים אָן. דאָ קומט פֿאַר די פֿאַרבלענ־דעניש פֿון זיין פּשטות. זיינע טעמעס און זיין פֿאָרם זעען אויס צו זיין איינפֿאַכע. זיינע טעמעס זיינען איינפֿאַכע, אָבער פֿאַרשידנ־אַרטיקע און קעגנזעצלעכע. אָבער זיין רעאַגירן אויף יעדן אָנריר איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז, מערסטנטייל, זעען אויס זיינע רעאַקציעס ווי אומבאַשטימטע און ניט גענוי־דערקענטע באַפֿאַרבונגען. און דאָך זיינען זיי ניט אין דעם צושטאַנד פֿון ווירוואַר און ווערן געהאַלטן אין פֿולער האַרמאָנישקייט, בלויז אַ דאַנק זיין באַשטימטער און גע־נויער פֿאָרם, וואָס רוט אויף קלאָרקייט.

רייזען שאַפֿט מיט זיך אַ זעלטענע געלעגנהייט צו באַטראַכטן אַ סתירה, וואָס איז שווער אָנצוכאַפּן און וואָס איז אין דערזעלביקער

ציִיט אַ פּראָדוקט פון הארמאָניע. ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט: אומבאַשטימטע און ניט־גענוי־דערקענטע באַפאַרבונגען פון זיינע רע־אַקציעס ווערן אריבערגעטראָגן אין דער ספער פון אַ באַשטימטער און גענויער פאָרם. פאָרם דאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ קינסטלעריש־דערלייזטע באַגרייפלעכקייט. די טעמעס, ווי איינפאַך זיי זאָלן ניט זיין, ווי פאַרשידנאַרטיק און ווי ווידערשפּרעכנדיק; די רעאַקציעס פון יעדן שטריך אָדער פונם גאַנצן געוועב ווי סתירהדיק; איז אָבער די פאָרם יענער כוח, וואָס נעמט דאָס אַלץ אַרום און האַלט עס אי פריי, אי סאָליד, פּילבאַוועגנדיק און דאָך סטאַביל. די פאָרם איז דאָס פולע פּנים, דער גאַנצער מהות פונם דיכטער. ווען מען דערקענט גענוי די אַלע פונקציעס און באַשטאַנדטיילן פון רייזענס טעמע, רעאַקציע און פאָרם, דערקענט מען אויך, אַז אַלע קנייטשן און צוזאַמענשטויסן אין זיינע טעמעס און מאָטיוון זיינען אין דער אמתן קנייטשן און צוזאַמענשטויסן אין די גרענעצן פון איין באַשטימטן, אויסגעשפּראָכענעם קינסטלערישן כאַ־ראַקטער.

עס איז וויכטיק אָנצואווייזן אויף די שייכותן צווישן פאַרשידענע איינהייטן אין רייזענס לידער. אמבולטסטן טרעט אַרויס זיין אינ־דיווידועל באַנעמען דעם עבר און עתיד אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קעגנוואַרט. יעדער מאָטיוו פון אַ פאַרגאַנגענער פּאַסירונג, אָדער פון אַ פאַרטראַכטונג אין דער צוקונפט, דינט פאַר אים ווי אַן אָפּ־שפּיגלונג: זי ווערט אַן אַלעגאָריע פון דער קעגנוואַרט. דאָס וואָס ער האָט דערלערנט אין דעם עבר און וואָס ער פאַרטראַכט אין דעם עתיד פאַרוואַנדלט ער אין באַשטימטע עטאַפּן פון זיין ווירקלעכקייט. דער ווערב ווערט געברויכט אין דער איצטיקער צייט און דערמיט שאַפט זיך דער איינדרוק פון דינאַמישקייט, דירעקטקייט, נאָענטקייט און באַשטימטקייט.

זיין קעגנוואַרט איז אַ דערנעענטערונג פונם עבר און עתיד, פון ווייטע קאַטעגאָריעס, וואָס זיינען אומבאַשטימט און אַטמאָספעריש. דערפאַר זעען אויס זיין דינאַמישקייט, דירעקטקייט, נאָענטקייט און באַשטימטקייט פון דער איצטיקער צייט איינפאַך בלויז פון אויבנ־אויף. אין גרונט זיינען דאָס אָבער שייכותן פון פאַרשידענע איינ־

הייטן, צייטנווייז אפילו קעגנזעצלעכע, אָבער אַלץ אין די ראַמען פון א באַשטימטער פאָרם, — אין דעם פאַל זיין קעגנוואַרט, זיין רעאַליסטישער וועלט־באַנעם.

אַן ענלעכן ביישפּיל פון פילפאַכקייט און כמעט פון ווידערשפּרעכלעכקייט זעען מיר אין זיין מאָטיוו פון איראָניע. אין זיין ליד „זיינע וואונדער" טרעט זיין איראָניע ארויס אַ ביטערע (ניט קיין פאַרביטערטע) און אַ טראַגישע. רייזען שפּעט אָפּ פון גאָטס וואונדער, „זיי זיינען גרויס אַז די וועלט — זי האַלט נאָך אויס..." און

„אַז ער זעט דאָס אַלץ און שווייגט,
האָט ער זעלבסט זיך איבערשטייגט..."

און אָט ווערט דאָסזעלביקע געפיל פאַרביטן אויף אַן איראָניע, וואָס גרענעצט זיך מיט רחמנות און ביטול. זייענדיק פאַרוואונדערט פון דעם, וואָס עס ווערט פינסטערער אויף דער גאַס פאַרטאָג, ווען „ער איז שטיל אהיים געגאַנגען", באַמערקט ער אַז

„עס איז אַ מענטשעלע אַ קליינס:
האָט עפּעס אין דער האַנט געהאַלטן
און מיט אַ בייזן בלאָז און קאַלטן
געלאָשן האָט ער איינס נאָך איינס.

מיין גליק איז דאַן געוועזן גרויס;
ווען איך פאַרשלאָף ווי אַלע נאַרן,
וואָלט איך דאָך קיינמאָל ניט דערפאַרן,
ווער סילעשט פאַרטאָג לאַמטערנעס אויס..."

(פאַרטאָג)

אין זיין ליד „פאַרגעבונג" זעען מיר גאָר אַן אַנדער אויסזען פון זיין איראָניע. גוטמוט און פאַרגעבונג פאַר די מענטשלעכע שפּיעלערייען מישן זיך צוזאַמען מיט סקעפּטישקייט און שיר ניט מיט ביטול צום לעבן:

„גיב זיך אָפּט אַ בייזער,
אָבער ניט צופיל!

דען די קינדער שפּילן,
ביז סיפאַרגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפן —
סיאיז קיין בייז דערפון."

(פאַרגעבונג)

און אַט גאָר אַן אַנדער אויסזען. אומהיימלעך ווערט פון זיין איראָניע ווענן דעם פילאָסאָף, וואָס האָט אויף יעדער פּשוטער פראַגע ווענן סאָציאַלן אומגליך און נויט, געענטפערט, גריבלענדיק זיך, און פיל־באַדייטנדיק: „נעם טיפער די פראַגע, נעם טיפער די זאַך..."

אַזוי זיינען יאָרן געשוואונדן אַלץ מער,
געפרעגט האָט זיך יענער, געענטפערט האָט דער...
ביז וואַנען איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט
האָט דער פילאָסאָף זיינע אויגן פאַרמאַכט...

געגראָבן אַ גרוב האָבן קברים־לייט צוויי —
דער חבר געשטאַנען איז האַרט נעבן זיי...
און סיהאָט זיך געדאַכט אים אַזוי ווי ער הערט
אַ שטים פון דעם טויטן: גראָבט טיפער די ערד..."

(דער פילאָסאָף)

אַזוי זיינען זיך סותר אין רייזענס איראָניע: גוטמוט און חוזק, רחמנות און ביטול, מיטגעפיל און וויציקייט. און די אַלע אָנגעזיכטן פון זיין איראָניע האַלט ער אין לאָגישער האַרמאָניע, אין די ראַמען פון אַ גאַנצקייט, פון זיין פאָרם, וואָס דריקט אייגנטלעך אויס זיין באַגרייפלעכקייט. אַזוי איז מיט זיינע אַלע מאָטיוון. צוליב די פאַרשידנאַרטיקייטן פון זיינעם אַ מאָטיוו, האַרמאָניש דורכגעפירט, ווערט זיין שאַפן באַרייכערט. זיינע סתירות שאַפן בייטנדיקע און

מיניענדיקע גאַמעס, וואָס ס'איז שווער אָנצוכאַפּן. פּינקטלעך אין דער טעמע און רייצנדיק־אומזיכער אין זיינע ענטפערס, לויכט רייזען אויף ווי אַ לעבן־חכם, וואָס האָט „נאָך אין לעבן פיל אַרבעט, פיל פּליכטן" און זוכט „וואו זאָל איך זיך מיט מיין שפּיל, מיט מיין שי־פּעלע זיך שטעלן?" און פּלוצים — אַ זאַרגלאָזער („זאָל עס פריי און האַסטיק פליסן"), אַ באַהעמער, וואָס וויל פאַרגעסן נאַרמעס, מוסר, און וועמעס לעבן הייסט אים:

„קלאַפּ אין אַלע לעבנס־טירן,
און ניט קלער וואוהין זיי פירן..."

(פריי זיך בחור)

אַ סענטימענטאַלער, וואָס האָט „אַלעס פיינט, וואָס לייכט און פינקלט", וואָס האָט נאָר ליב דאָס וואָס „אָרים און עלענד, דאָס וואָס מען דאַרף באַוויינען...", דערקלערט ער זיך מיטאַמאָל פאַר אַ ניכ־טערן און פאַר אַ פאַרפאַלגער

„איך בין ניכטער און מיר זעט זיך
וואָס איר טוט,
און איך הער אַ קול עס בעט זיך:
שווייג קיין בלוט.

יענעם קול נאָר מוז איך פאָלגן
כיפיל אים מיט,
און אָן אויפהער וועט פאַרפאָלגן,
אייך מיין ליד..."

(צו שיכורים)

און אָט דערקלערט ער זיך פאַר אַ שטרענגן און אומסענטימענטאַלן,

„איך בין קיינמאָל סענטימענטאַל,

— — — — — — — — — — — — —

און דער לבנהס געלבן שיין
פאַרטרוי איך ניט מיין האַרצנס־פּיין.
— — — — — — — — — — — —

און גיט דאָס האַרץ אַמאָל אַ קלעם, —
דאָס אויג איז אַן אַ טרער,
איך בין אַ זון פון דער וואָד און שטרענג:
קיין דומע שטיק, ווען סיוועט מיר ענג!"

און אַט וויל ער ווייזן פּאַרקערט, ווי סענטימענטאַל ער איז:

„און דאָד, מיין פיל געליבטע, דאָד:
כיגעפין אַ שטיקעלע פּאַפּיר
געשריבן לאַנג פון דיר צו מיר
און קען אויף אויסווייניק שוין לאַנג —
ווי ווערט מיר יום־טובדיק און באַנג!
און דאָס געשריפט צום האַרץ איך דריק
און בענק און וויין פאַר ווי און גליק!"

(איך בין קיינמאָל סענטימענטאַל)

אַט הערן זיך אין זיינע לידער הכנעהדיקע „ווערטער, שטיל, גע־וואוינגן, ווי עס פּאַסט פאַר אונדז קבצנים", די שרעק צו זינגען זיין ליד אין כאָר („עפּעס הער איך") און אַט זיין גאַרן צו הערן דעם שטורעם „מיט די שרעקן", מיטן „דונערן און וועקן" („שטורעם"). אַט איז ער גרייט צו פאַרגעבן דעם בייזן („ווען", „פאַרגעבונג") און אַט איז אַ שבועה „צו פאַדערן חשבון פאַר איטלעכן לעבן פון בלו־טיקן לאַנד..."

די טעמע פון

"כיטראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כיבין מיט ליבע רייך:
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זיינען גלייך."

גייט מיט דער טעמע:

„דריקער צו פאַרדאַמען
און געפּאַנגשאַפּט פלוכן..."

(דער אָדלער)

יאוש, פעסימיזם, אויסגעדריקט אין ווערטער, וואָס קלינגען ווי אַנגענומענע פאַקטן, זיינען אָפּט דעם דיכטערס געמיט־צושטאַנד:

„איך ווייס נאָר פאַרשימלט
איז אַלץ און פאַרדאָרבן..."

(איך ווייס ניט)

„אייביק בלייבן נאָר די צרות,
אייביק בלייבט דער טויט אַליין..."

(און דער זומער..)

זיי ווערן אָבער פאַרביטן פון א שטאַרקן גלויבן אין דער „צייט פון ליבע און פון שלום" (דאָס נייע ליד), אז „דורך די פלאַמען קוקט ארויס ס'נייע, פרייע, העלע הויז!..." (שטורעם). רייזענס רוף איז פול מיט האָפענונגען:

„זע ווי ס'ווינקט דער נייער וועג..." (בלאָנדזשען)
„שטייט צו לעבן אויף!" (די קירכן־גלאָקן)

הגם רייזענס טעמאַטיק האָט געקוואָלט פון די טיפסטע גרונטן פון פאָלק, איז זיין מעטאָד, אין די ערשטע יאָרן, געווען דער אַל־געמיינער משכּילישער־געזעלשאַפטלעכער: א מין פּרימיטיווער רעאַליזם. אָפּטיילנדיק זיך פון דעמדאָזיקן באַגרענעצטן מעטאָד, האָט ער אָבער אין די פילפאַכע באַשטימטע און איינצלנע געזיכטן פון א דערשיי־נונג געפונען די געגאַרטע עסענץ. ער האָט טאַקע מיטגעטראָגן מיט זיך דאָס, פון וואָס ער האָט געוואָלט אוועקגיין; אָבער דערפאַר האָט ער אין די צעאיינצלטע געזיכטן פון א דערשיינונג דערזען אַלץ קאָנ־צענטריטער און בולטער, פּרטיותדיק און מענטשלעכער. פאַרענט־פערט דאָס ניט דעם פאַקט, וואָס רייזען האָט דערזען דאָס פאַר־

צווייגטע און דאָס פאַרפלאָנטערטע אין דער געזעלשאַפט — אָפּגעאָנסטן, אַמאַינטימסטן? אָבער די נייע פּראָבלעם פון אָן אינטימער און נאָענטער ווירקלעכקייט, האָט דאָך געזוכט אַ נייעם אויסדרוק, אַ נייעם מעטאָד. דאָס האָט געמוזט פירן צו אַ פאַרטיפטער סוביעקטיווקייט, ווי אַן עסענץ־טייל אין דער רעאַליסטישער ספערע. דאָס האָט נעפירט צו זיין דערוווייטערן זיך פון אַלגעמיין־אָנגעוואָרפענע שטריכן. די דערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט באַנעמט ער טיף פערזענלעך.

אויפכאַפּנדיק יעדן טייל און באַריר פון זיין ווירקלעכקייט, פאַרצייכנט רייזען דעם איינדרוק צוזאַמען מיט זיין אייגענעם ענטפער אויף דעם איינדרוק. דערפאַר ציטערט אַן אינטימער אָפּשיין הינטער רייזענס לידער. ער איז פאַרחושט אין יעדן פּרט; ער איז פאַרשלונגען אין יעדער איבערלעבונג, מיטן ענטפערן

„. . . נייע נגונים
צום אייביקן טעקסט".

(דאָס אייביקע ליד)

אַ דאַנק רייזענס באַרירן די פאַרשידנאַרטיקע איינצלהייטן פון דער ווירקלעכקייט ווערן זיין אינהאַלט, מאָטיוון און פאָרם באַרייכערט און אויסגעברייטערט. זיי קריגן נייע אינטאָנאַציעס און נייע באַפאַרבונגען. כדי דאָס צו דערזען איז נויטיק פריער צו פאַרענטפערן פיר פראַגעס:

1) ווי אַזוי האָט זיך געביטן רייזענס פּאָעטישער געדאַנק?

2) וואָס איז געווען זיין ליט־מאָטיוו?

3) וואָס זיינען געווען זיינע איינדרוקן? און

4) ווי אַזוי האָט ער געענטפערט אויף זיי?

מען דאַרף געדענקען, אַז רייזען האָט געשאַפן אונטערן צייכן פון אַ פולן צייט־אָפּשניט:

1) ווי אַן אָנהייבער אין אַ נייעם דרך,

2) ווי אַ פֿאָרגעמער פֿון דעמזעלביקן דרך, און

3) ווי אַ סומירער פֿון זיין עפּאָכע.

צוליב די סיבות האָט זיין פּאָעטישער געדאַנק זיך פאנאנדערגעוויקלט אין דער פולסטער רייפקייט, און איז נאַטירלעכערהייט, דורכגעגאנגען דעם טראדיציאָנעלן, דעם קריטישן, דעם פּאָזיטיוון און דעם אידעאַליזירטן אופן פון טראַכטן. אַזוינאָך קאָן מען דעם גאַנצן רייזענעם דערזען קלאָר דורך אַלע זיינע אומצייליקע סתירות. מען דאַרף בלויז נאָכגיין דער אַנטוויקלונג פון זיין טראַכטן. עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז יעדע פון די פיר שטופעס פון רייזענס טראַכטן האָט ניט דורכגעמאַכט איר גרענעץ־באַשטימטע אַנטוויקלונג. יעדע שטופע, נאָך איר אָפּטרעטן, האָט געלאָזן אויך סימנים פון דער פריערדיקער אַנטוויקלונג. און יעדע שטופע, בעת איר רייפקייט, האָט געטראָגן אין זיך אָנזאָגן פון דער שפּעטערדיקער באַנייאונג. רייזען האָט דאָס אַלץ אויסגענוצט: ער האָט געהאַלטן אין איין מאָדולירן, באַרייכערן, בייטן. און אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען דעם:

1) פרימיטיוון רעאַליזם,

2) קריטישן,

3) פּאָזיטיוון, און,

4) דעם ראָמאַנטישן רעאַליזם.

זיין טראַדיציאָנעל טראַכטן האָט ער שנעל פאַרלאָזן. די פּאַראַלגעמיינערונג פונם כּלל, די אַבסטראַקטע גענעראַליזאַציעס, דער פּרימיטיווער רעאַליזם — דאָס אַלץ האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. דאָך האָט ער זיין טראַדיציע געצאָלט מעשׂר.

די פאָלגנדיקע שורות קאָנען אונדז דינען ווי אַ ביישפּיל. דער פאַראַלגעמיינערטער כּלל ווערט דאָרט פאָרמולירט ווי „די גאַנצע

וועלט"; די אבסטראַקטע גענעראַליזאַציע ווערט אויסגעדריקט אין דעם בילד „וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע איינגעלאַדן אין מיין הויז"; און דער פּרימיטיווער רעאַליזם ליגט אין דעם, וואָס ער באַשרייבט דירעקט און איינפאַך ווי אזוי ער וואָלט געהאַנדלט און גערעדט מיט דער וועלט:

„ווען די גאַנצע וועלט וואָלטליידן
גוט אַליין זאָל מיר זיין בלויז:
וואָלט איך דאַן די וועלט די גאַנצע
איינגעלאַדן אין מיין הויז.

איך וואָלט טרייסטן זי און צערטלען,
און געזאָגט: ניט זאָרג זיך וועלט,
ביז די וואָלט צו זיך געקומען
און זיך אויף די פיס געשטעלט."

(איך און די וועלט)

„איך טראָג אין האַרץ אַ גרויסן צער —
ער איז ניט מיינער;
אָ, וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער,
ער איז דאָך דיינער."

(צווייערליי צער)

אין איינעם פון זיינע ערשטע ווערק „מיין צוריקקער אהיים" באַווייזט זיך קלאָר רייזענס פּרימיטיווער רעאַליזם. דאָס איז דער רעאַליזם פון זיין צייט. דאָס איז זיין טראַדיציע, פון וואָס ער האָט שנעל זיך אָפּגעריסן, בעת ער איז אַוועק אויף פיל־פאַרצווייגטע און פאַרטיפטע וועגן. אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען דער פּרימיטיווער רעאַליזם? ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געשילדערט די אויבערפלאַך פונם ארומיקן נאָענטן לעבן. ער האָט צייטנווייז אַפילו געפונען פאַרענטפערונגען. צו די וואָרצלען אָבער

פון דעמדאָזיקן לעבן, צו די קוואַלן, ווי צו אונטערשטע טיפערע פּראָ־צעסן פון לעבן, האָט ער זיך ניט דערשלאָגן.

די סאָציאַלע אומגלייכקייט און אומגערעכטיקייט האָט שטענדיק אַרויסגערופן אין רייזענען טרויעריקע און פיינלעכע געפילן. אין דער צייט פון זיין פּרימיטיוון רעאַליזם, איז די אומגערעכטיקייט געווען פאַר אים בלויז אַן עמאָציאָנעלע דערפאַרונג, אָן שום קריטיש־קלאָרער באַלויכטונג. זיין גרייטקייט צו זיין איינס מיטן אונטערדריקטן און ליידנדיקן פאָלק איז ניט קיין פּועל־יוצא פון ספּעקולאַטיוון אויסקלייב אָדער אינטעלעקטועלער עכטקייט, נאָר פון עמאָציאָנעלן צוגאַנג: פון מיטלייד. אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן פאַרצייכנט ער פאַרשידענע דערשיינונגען פון סאָציאַלן לעבן. ער גיט אָבער דערביי ניט אָן קיין שום באַשטימטע צייכנס פון זיין פאַרלאַנג צו אַנטפּלעקן די טיפע וואָרצלען, צילן און שטרעבונגען פון די ליידנדיקע מאַסן. צוזאַמען מיטן פּאָעטישן מעטאָד פון זיין צייט האָט אויף אים מן הסתם אויך געווירקט דאָס אומקלאָרע בילד פון דער אידישער אָרעמשאַפט. די אָרעמשאַפט האָט זיך ערשט שפּעטער אָנגעהויבן קלאָר אויסצושיילן אין אַ באַשטימטן קלאַס, אין דער פּראָלעטאַריזירנדיקער מאַסע. דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז רייזענס פּאָעטישער געדאַנק זאָל אָנהייבן צו זוכן פאַרטיפונגען און קלאָרערע ליניעס פאַר זיינע בילדער. דעמלט טאַקע האָט זיין טראַכטן אָנגעהויבן אַרויסצושיילן די אומצייליקע אָנבליקן פון דער ווירקלעכקייט. דאָ האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן די בלומרשטדיקע ווידערשפּרוכן פון די פאַרשידענע פּרטים פון יעדער דערשיינונג. יעדער איינער פון זיי האָט אויף אַן אַנדער אופן און פון אַן אַנדער אָרט באַלויכטן די ווירקלעכקייט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די מייסטערשאַפט צו האַלטן באַלאַנס און די קינסטלערישע באַגרייפלעכקייט אויסנוצן די עשירות פון אַזויפיל פּרטים.

זיין טראַדיציאָנעל־פּאַרטיקער געדאַנק האָט צוזאַמען מיטן פּרימיטיוון רעאַליזם אָפּגעטראָטן דעם וועג אַ העכערער אַנטוויקלונג. די העכערע אַנטוויקלונג האָט אים געפירט דורך קריטישן טראַכטן, צום קריטישן רעאַליזם. דידאָזיקע פאַרטיפונג פונם פּאָעטישן געדאַנק

האָט הויפּטזאַכלעך געשאַפן אַ פאַרמערונג פון פּאָעטישע באַציאונגען און נייע באַלייכטונגען.

ווען אַ גלויבן פאַרלירט זיין לעבן־קראַפט און נייע אויסבליקן ווייזן זיך ניט, דעמלט שווימט־אַרויף דער פּעסימיזם. די שוואַכערע פירט עס צו ציניזם און פאַנאַנדערפאַל, די שטאַרקערע צו סקעפּטיש־קייט. דאָס לעצטע פאַרמאָגט גענוג טרייבקראַפט צו דערנערן קרי־טישע באַטראַכטונגען.

רייזענס קריטישע באַציאונגען צו יעדן פּרט פון דער גרויסער ווירקלעכקייט שטראָמען אייגנטלעך אַרוים פון זיין סקעפּטישן בליק אויף דעם טראַדיציאָנעלן אופן פון טראַכטן. דאָס אָנגענומענע האָט פאַר אים אָנגעוואָרן זיין אָנהאַלט. באַשרייבונגען ווערן אַלץ בולטער אַרויסגעבראַכט. נאָך מער, איבער דעם גרעסטן טייל פון רייזענס שאַפן באַווייזט זיך דער פּאָעטישער אויסדרוק, וואָס באַצייכנט געניויע סיבות. דאָס בילד ווערט אַלץ קלערער. די פריערדיקע אַבסטראַקטע פאַראַלגעמיינערונגען ווערן פאַרוואַנדלט אין פּינקטלעכע באַגריפן.

די אַנטיקע סקעפּטיקער האָבן דורך זייער אומצוטרוי צו אַלץ זיך איבערגעגעבן דער פולשטענדיקער רו און באַפרידיקונג פון לאַ־גישע ווענדונגען. די ראָמאַנטיקער האָט דער סקעפּטיציזם פּאַריאָגט אין אַ באַהעלטעניש און אין אַ טרוים וועגן אַ ניט־דאַאיקער וועלט. ביי רייזענען, דעם רעאַליסט און סאָציאַלן עטיקער, האָט אָבער דער סקעפּטיציזם געהאַלטן אין איין אויסוויקלען פּרט נאָך פּרט, מאָטיוו נאָך מאָטיוו פון זיין גרויסער ווירקלעכקייט. זיין סקעפּטיציזם איז אַ טעטיקער, „ניט קיין שטענדיקער רו־אָרט פאַרן מענטשלעכן גע־דאַנק", נוצנדיק קאַנטס אַן אויסדרוק. אָפּטרעטנדיק פון דער טראַ־דיציע, און פאַרלאָזנדיק זי מיטן אייגענעם ווילן, עפנט זיך פאַרן דיכטער אַ תהום. ער צווייפלט אָפילו אין זיינע אייגענע זובענישן. די אייביקע תהומען צווישן זיין גלויבן און זיין אומזיכערקייט, זיין סקעפּטיציזם און אַקטיווקייט. ס'איז איראָניש, אָבער עס מוז באַ־מערקט ווערן: רייזענס טראַגישקייט איז עשירות פאַר זיין שטענדי־קער פּאָעטישער קוואַליקייט.

ווען דער סקעפּטיציזם אין באַצוג צום פריערדיקן טראַדיציאָ־
נעלן אידישן לעבן־באַגריף האָט באַדאַרפט דעמדאָזיקן באַגריף פאַר־
בייטן, האָט רייזען געפילט, אַז

„מיר װעלן זײַן פרײַ, דאָך געבונדן
צו דעם וואָס געווען און פאַרשוואונדן...״

(טונקעלע נביאות)

„נײַע ווערטן וועלן אַלטע
און די אַלטע דרייט מען איבער.״ (כּיוויס)

ער שטרייכט אָפּט אונטער:
„איך האָב קיין גאָט צו קניען פאַר אים,
דער הימל איז מיר לער.״

(איך בין קיינמאָל סענטימענטאַל)

ער צווייפלט אויך אין דעם מענטש, ווען ער ווייזט אַרויס אַזויפיל
רחמנות און מיטגעפיל:

„אַמאָל וועט די וועלט ווערן שיין!״
איך הער זי, די טרייסט, נאָכאַנאַנד:
דאָך, ווער וועט זי שיין מאַכן, ווער? —
פאַרשטיין עס בין איך ניט אין שטאַנד.

דער מענטש! — אַך, מיר קענען אים גוט,
מיר ווייסן שוין קלאָר, ווער ער איז:
מיר האָבן געזען אים ניט לאַנג —
אַנטקעגן זײַן פריינט מיט אַ שפּיז.

דער מענטש, וואָס ער האָט זיך פאַרשטעקט
אַזוי ווי אַ חיה אין וואַלד,
געלויערט אויף איינעם, ווי ער,
געשאַפן אין זעלבן געשטאַלט.״

(דער זעלביקער)

„אַלעס וועט ווערן פאַריכט,
גלייך וועלן ווערן די טאָלן,
זיין וועט דער שאָדן באַצאָלט —
מיר אָבער ווער וועט באַצאָלן?

כיהאָב אין דעם מענטשן געגלויבט,
פלעג אים אַלס ברודער זיך מאָלן, —
האָט מען מיין גלויבן גערויבט —
ווער וועט מיין שאָדן באַצאָלן?" (שאָדנס)

אָן אַ גאָט, פול מיט צווייפל אין דעם מענטשן, דאַכט זיך אים אויס, אַז איבער אונדזער לעבן הענגט אַ פּאַטום,

„קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגן,
אָן זיין רצון, אָן זיין ווילן."

(מאי־קא משמע־לן?)

„די נאַרישע שפּיל פון פרייהייט און גליק, דער אייביקער ציל — גייט הין און צוריק", און קיין זין איז ניטאָ אין דעם אַלעם („די נאַרישע שפּיל") און „אַז די אַלע גליקן האָבן ניט קיין ווערט" („קהלת") און וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, וועט אונדזער לעבן אַלץ פאַרבלייבן „אַ דריקנדיקער פאַלשער ניגון" („אַ געדאַנק")

און וואָס וועט דיר העלפן פאַרמאַכן די אויגן
און ווידער זיך קליגלען? —
דו זעסט דאָך, דער אָדלער אַליין איז פאַרבלוטיקט —
צעבראָכן די פליגלען!..."

(אָ, שטאָלצעס האַרץ מיינס...)

ער איז פול מיט „שרעק און פיין", „פינצטערקייט אין יעדער זייט", „און דעם פירער" זעט ער ניט („אין טונעל"). די אומרואיקע סקעפּ־

טישקייט און דער דאַזיקער פּעסימיזם, די עצבות וועקן אין אים אויף א פאַרלאַנג, א בענקשאַפט:

„פאָרן פאָר איך צו אַ ציל:
ערגעץ דאַרף איך גליקלעך זיין —" (אין טונעל)

און זיין גלויבן און מונטערקייט ווערט, ניט אויף לאַנג, ווידער באַנייט, באַשאַפט „אַ נייעם גלאָק... צו דערוואַכן טויטע שקלאַפן... צו וועקן גאָר די וועלט אין אַלע עקן" („קירכן־גלאָקן"). ער גלויבט ווידער, אַז די צייט פון נייעם ליד איז ניט ווייט, נאָר זיין פּערזענלעכער טרויער בלייבט אים ליב:

„און ווען יענע פרייהייט וועט קומען
און לעבן וועט זיין מיר באַשערט,
לאָזט איבער פאַר מיר צוויי דריי בלומען
אויף אונדזער בשותּפישער ערד.

לאָזט איבער אַ ביכעלע לידער
און טרויעריק זאָלן זיי זיין;
און אויב עס איז אייך ניט דערווידער —
לאָזט איבער אַ קריגעלע וויין.

און צווינגט מיך ניט גליקלעך צו לעבן
און לאָזט מיך צורו און אַליין;
און איך וועל מיין ברכה דאַן געבן
דער פרייהייט, וואָס איז אזוי שיין..." (יענע פרייהייט)

זיינע קריטישע פאַרטראַכטונגען האָבן אָבער רייזענען דערפירט ביז צו אַ באַשטימטקייט: צו אַ פּאָזיטיווער באַשטעטיקונג.

אין דער צייט פון זיין פּאָעטישן פּאָזיטיוויזם ווייזן זיך פולשטענדיק בולט אַרויס צוויי עלעמענטן. זיי האָבן שוין געשטראַמט אין זיין פריערדיק שאַפן, נאָך איידער זיי האָבן געפונען רייפקייט און אויסגעשפּראָכנקייט. די צוויי עלעמענטן זיינען שפּעטער געוואָרן דער

יסוד פון דר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור פון די לעצטע יאָרן. זיי זיי־נען — צילבאַוואוסטקייט און צוועקבאַוואוסטקייט.

דריי סיבות האָבן געפירט דערצו:

1) די פאַרצווייפלונג און די פאַרלאָרנקייט האָבן אין אים גע־שטאַרקט דעם מאמין אין דעם אַנטגילטיקן זיג פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט;

2) זיין פאַרטיפט איבן זיך אין די לאַבירינטן פון קריטישן רעאַליזם; און

3) די רוסישע רעוואָלוציע.

אינם גרונט פון זיין צווייפל און קריטישן אופן פון טראַכטן איז געלעגן דער וועג צו רייזענס פּאָזיטיוון וועלט־באַנעם. אויפן וועג צום פּאָזיטיוון געדאַנק האָבן זיך געפורעמט רייזענס רייפסטע פּאָעטישע באַציאונגען און מעטאָדן.

אָן דעם עטישן גרונטטאָן אָבער, וואָלט רייזענס סקעפּטיציזם, ביים אָפּרייסן זיך פון דער טראַדיציע און אַנטזאָגן זיך פון בלינדע באַגריפן, אים פאַרוואַנדלט אין אַ פרוכטלאָזן און אַנמעכטיקן ראָ־מאַנטיקער אָדער גאָר ציניקער. זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צום כלל און דער טיפער חוש פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט האָבן רייזענען געפירט פון זיינע פאַראַלגעמיינערטע באַגריפן, ד. ה., פון זיין פּרימי־טיוון רעאַליזם, צו אַ העכערן גראַד סקעפּטיציזם, — צו יענעם גראַד, וואו עס ווייזט זיך די טראַגישע אומזיכערקייט, אפילו אין דעם סקעפּ־טיציזם גופא. און ווייל רייזען איז עטיש אין זיין באַציאונג צום כלל און צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, האָט זיין צווייפל אינם צווייפל גופא אים געבראַכט ניט צו יאוש, נאָר צו טיפן גלויבן. רייזען קאָן ניט אָננעמען דעם געדאַנק, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. און וואָס מער די שוועלן צום ליכטיקן טאָג פאַלן פאַנאַנ־דער פאַר זיינע אויגן, וואָס טיפער דער תהום, אַלץ זיכערער ווערט ער, אַז עס גרייט זיך דער סוף פון „מענטשלעכן עלנט און נויט“. אינם פעריאָד פון זיין קריטיש־סקעפּטישן צוגאַנג און טראַכטן

באנוגנט זיך ניט רייזען מיט בלויז קאָנסטאַטירן שלעכטס. ער ווייזט אָן ניט בלויז סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, נאָר אויך זייערע וואָרצלען, זייערע סיבות. דאָס איז שוין אַן אַנדער קינסטלערישער מאַטעריאַל און אַן אַנדער מעטאָד. דער קריטישער רעאַליזם איז אַזוינאַך דאָ פאַרטיפט.

די אַקטועלקייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע לידער ווי יעדע ווירקלעכקייט. דאָס ליד פון פרייהייט און פרייד, פון זיכערקייט און דערקענטן אמת פלעגט אויך פריער דורכלייטערן דורך זיינע לידער פון נויט און דערשלאָגנקייט. די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט אָבער פאַריאָגט פון אים זיינע יאוש־מאָטיוון און אַרויסגערוקט רייזענס מונטערקייט, און צילבאַוואוסטקייט. די צוועקמעסיקייט איז פאַר אים דער קוואַל פון אַ דויערנדיקער שטימונג, וואָס לעבט מיט באַנייטער שאַפונג־קראַפט. ער דערקענט אין זיך דעם סימבאָל פון דער רעוואָלוציע, דעם זינגער פון „זייער צער", „פון זייער קאַמף — דער צייכן".

זיין לשון, בילד, פּאָעטישע באַשטימונג ווערן ממשותדיקער, קאָנקרעטער און דייטלעכער.

„איך וועל ניט ווערן אַנדערש,
ווי פריינד פון מיר פאַרלאַנגען;
איך בין דעם וועג צו פרייהייט
פון יוגנט אָן געגאַנגען.

איך וועל ניט ווערן אַנדערש,
ווי סימיינען גאָר די ווייטע;
איך האָב אין זיירע רייען
געזונגען פון באַפרייטע . . .

עס וועט מיר בלויז זיין גרינגער
די אַלע פריינד צו גרייכן;
פון זייער צער — דער זינגער,
פון זייער קאַמף — דער צייכן".

די פערטע פאַזע פון רייזענס פּאָעטישן מהות וואָלט מען געקאָנט באַצייכענען מיטן נאָמען: ראָמאַנטישער רעאַליזם. ביז דער

פאזע האט רייזענס רעאליזם פארענדיקט זיין קרייז. ער האט אנגעזאגט די פארטיפונג פונם יסוד, וואס עקזיסטירט הינטער דער אויגנשיינלעכער ווירקלעכקייט. דא טרעט ארויס רייזען ווי דער אנזאגער פון דער נייער ווירקלעכקייט. אז אנהייבער פונם רעאליזם אין זיין פרימיטיוון אויסזען, גייט רייזען דורך דעם וועג פון קריטישן רעאליזם; ציט אונטער סך־הכלען אין דעם אויסגערייפטן פאזיטיוון רעאליזם. און פון אונטער די סך־הכלען שטראמט שוין רייזענס אנזאג פון דער

„. . . בענקשאפט אן א נאמען,
א האפענונג א מאטע ;
אין הויכן, צי אין תהומען,
נאר ניט אין וועגן גלאטע".

(אין שטילקייט)

אין דערדאזיקער בענקשאפט ליגט שוין דער אנרעג פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון אינדיווידואליזם אין דער אידישער פאעזיע. רייזען האט גערעדט וועגן דערפארונגען, וואס געפינען זיך הינטער אויסגעאיבטע און אויסגעפרואווטע דערקענטנישן. ער רעדט וועגן דעם ניט־אנכאפנדיקן, דעם ניט־גערעדטן און וועגן „שיינקייטס־דורשט" ליידן. דא טרעטן שוין ארויס אלע סימנים, וואס האבן נעהערשט אין דעם אינדיווידואליסטישן ראמאנטיזם פון די „יונגע".

„קיינמאל ניט גערעדטע ווערטער
ווילט זיך מיר געפינען,
זיי באנעמען זאל דאס הארץ נאר,
אבער ניט דער זינען.

נאך פון קיינעם ניט גערעדטע
און נאך ניט באגריפן,
וואלט איך זיך אין זייער צויבער
בלויז אליין פארטיפן.

װאָלט איך זיי ניט װידערהאָלן,
רעדן זיי — פּאַרמיטן;
בלויז פֿאַר דעם, װאָס האָט אױך שטענדיק
שײנקייטס־דורשט געליטן. .

(ניט געזעדטע װערטער)

דער לייט־מאָטיװ, װאָס שטראָמט דורך אַלע לידער רייזענס, אין אַלע זיינע אַנטװיקלונגען, איז דער סאָציאַל־עטישער, פֿון אַ בעל־רחמים. צוליב דערדאָזיקער עטישער פּליכט צום כלל, טרעט ער ניט אָפּ פֿון דער װירקלעכקייט. אין דעם ליגט טאַקע די סיבה פֿון זיינע אַנטװיקלונגען אין דעם רעאַליזם גופא. ער דערגרייכט דערפֿאַר דאָס אינטימסטע בנוגע דעם פּרט, דעם אומצייליקן טייל פֿון כלל. דער װעג פֿירט צוריק צום אינדיװידואַליזם, און רייזען איז טאַקע דער שליסער פֿונם פֿאַרפֿולקאָמטן רעאַליסטישן פּאָעטישן געדאַנק אין דער אידישער פּאָעזיע, און דער אָנזאָגער פֿונם שפּעטערדיקן אינדיװידואַליזם. זיין אינדיװידואַליזם איז אָבער ניט קיין עגאָצענטרישער, ניט קיין ענג־איכיקער, נאָר אַן עטישער: שטענדיק אין שייכות מיטן מיטמענטש.

אָפּגיין פֿון דער װירקלעכקייט איז שוין ביי רייזענען אַ בולטע פּראָבלעם. ער לייזט דידאָזיקע פּראָבלעם דערמיט װאָס ער זאָגט זיך אָפּ צו באַפֿרייען זיך פֿון זיינע אייגענע ליידן. בלויז װען „יענע פֿרייהייט" װעט קומען, װען דער מענטש װעט זיין אויסגעלייזט, בלויז דעמלט װעט ער שיקן זיין ברכה „דער פֿרייהייט, װאָס איז אַזוי שיין" און בלייבן אַליין מיט „צװיי דריי בלומען... אַ קריגעלע װיין... און טרויעריקע לידער..." אָבער ביז דעמלט איז דאָס גליק קיין שום גליק ניט, כל זמן מיטמענטשן ליידן.

גייענדיק אין די „רייען" פֿון כלל און זייענדיק זייער „זינגער" און „צייכן", װיל זיך רייזען ניט באַפֿרייען פֿון זיינע אייגענע „שטריק". ער נעמט אָן פֿאַר ליב זיינע אייגענע ליידן.

„אָ, לייטער זיך, האַרץ מיינס, לייטער זיך אויס!
קיין אויסגאַנג ניטאָ אויף דער ערד.
דער צער פֿון דער װעלט איז אומענדלעך און גרויס —
דיין אייגענער צער האָט קיין װערט!

װאָס זוכסטו? צי קאָנסטו געפֿינען דען רו,

ווען סיבלאָנדזשעט די מענטשהייט אָן זין ?
און וועסטו געפינען דאָס גליק ערגעץ וואו —
דאָס אומגליק וועט גרייכן אַהין.
און ווען עס זאָל ווערן די מענטשהייט באַפרייט
פון גאָר אַל דאָס בייז און דעם פּיין,
נאָר איינער וועט זיין ערגעץ וואו, וואָס ער לייַדט —
וועסטו קאָנען גליקלעך דען זיין ?"

(אָ, לייטער)

ניט וועלן זען די ווירקלעכקייט, „פארמאכן די אויגן און ווידער זיך קלינגלען", וואָלט אפשר אים אַליין געהאָלפן. דער בעל־רחמים אין אים איז אָבער צונויפגעהאפט מיטן מענטשן.

אין זיינע „קינדערשע גליקן און פריידן" האָט ער ניט געפילט, ווי אידישע קינדער פלעגן פילן, אז „יאַנעק דער גזלן", וואָס „האָט זיך דאן קיינמאָל געשלאָגן" און „מארפא, די שכנה, די גויע" זיינען מענטשן פון א נידעריקערן מין און קאָנען זיך ניט גלייכן צו אידן. פארקערט, אים פלעגט זיך אויסדאכטן, אז „מענטשן דאָך זיינען מיר אַלע" (ביים זיידנס הויז). די שקאָצים, וואָס „לאָזן ניט דורכגיין גאָר קיין מענטשן", מוז ער „שטילערהייט זיי בענטשן... אין האַרץ" (פייער) און אז

„אַלעס וועלן מיר פאַרגעבן
אין דעם ווייטן, ווייטן שפעטער
ווען מיר וועלן נאָכאַנאַנד
מישן די פאַרוויינטע בלעטער..."

(אייביק)

רייזען זאָגט זיך אָפּ פון צו זיין גליקלעך אין אָנזיכט פון פרעמדע אומגליקן. עס זוניקט פון רייזענס לידער אן אויסגעוויינלעכע ליבשאפט צו מענטשן. ער פארליַרט אָפּט די אמונה אין זיי, ווען ער זעט דעם מענטש, „אזוי ווי א חיה אין וואלד, געלויערט אויף איינעם, ווי ער, געשאפן אין זעלבן געשטאלט." ער צווייפלט אָפטמאָל אין אים אַלס א מענלעכן דערלייזער, פארדאמט אונטערדיקער, באדויערט פארצווייפלטערהייט „די קרוין דער וועלט, ס'העכסטע פון די בריות!—" דאָך איז רחמים דער העכסטער אמת, דער זין פון דערלייזונג.

„אַ טעמפּל אינמיטן געשטאַנען איז לער, —
די הייליקע בילדער — געווען ניט מער:
ער האָט אים, דעם טעמפּל, דער מידער דערקענט
ער האָט אים געשענדט מיט די אייגענע הענט . . .

דאָך איז נאָך אין טעמפּל געבליבן איין בילד,
וואָס האָט אויפן מידן געקוקט אַזוי מילד,
ער האָט אים דאָס בילד ווייך געגלעט און געטרייסט
און האָט ווי געשמייכלט: ניט זיי צופיל דרייסט".

(פאַרגעבונג)

זיין ליבשאַפט און מיטליידן פאַרענטפערן זיין טרייסטן דעם גע־ליטענעם, זיין לינדערן די לײדן, זיין האָפן און גלויבן אין דעם זיג פון גוטסקייט. כדי „ווייניקער טרערן צו זיין אויף דער ערד" איז זיין טרייסט דער גרויסער יום־טוב, וואָס דאַרף קומען.

און אַ חוץ זיין רוף צום קאַמף, אין זיין טרייסטן, אין מונטערן, פאַרוואַנדלט דער גרויסער בעל־רחמים די שטרויכלונגען פון ביטערן לעבן אין אַ שפּיל, אויב מעגלעך אין אַ שפּאַס, ווי גראָטעסק און טראַגיש דאָס זאָל ניט זיין.

„מיר וואַרטן אויף יום־טוב און וואַרטן
און בלאָנדזשען און טומלען אָן ציל,"

(דער דערוואַרטעטער טאָג)

„און זוכן אַלץ זיך מער באַטריגן".

(געדאַנק)

„וואָס איך בעט און וואָס איך וויל,
ווילסטו קיינמאָל ניט דערפילן: —
מזל, אויב דאָס איז אַ שפּיל,
דאַן געפעלט מיר — לאָמיר שפּילן! . . ."

(צום מזל)

ער אַליין פאַרשפּילט זיך אין ביטערן שפּיל אַזוי, אַז אים דאַכט זיך אָפט, אַז די וועלט ווערט „דאַן שענער, העלער". ער בלייבט אין דער ספער פון ווירקלעכקייט און בייט די שטימונג אין זיך, כדי די וועלט זאָל אַנדערש אויסזען. ער שאַפט איבער אין לויף פון „באַ־

טריגן זיך" די האַרטע ווירקלעכקייט און לינדערט די יסורים פון טראָגן דעם יאָך פון לעבן. און אין דעם „באַטריגן זיך" הערן זיך שוין אינדיווידואַליסטישע מאָטיוון און באַאָבאַכטונגען.

„איך האָב ליב די אינסטרומענטן
פון דעם שפּילנדן אָרקעסטער:
יעדער איז מיר אַ באַקאַנטער,
סיי דער קלענסטער, סיי דער גרעסטער,

כ'קאָן זיי אַלע מיט די נעמען
און די שטימען און די טענער,
און די שטעל, וואָס זיי פאַרנעמען —
ווער ס'איז גרויס און ווער ס'איז קלענער:

אַלע זייערע געדאַנקען,
אַלע זייערע געפילן:
ווען זיי צערטלען זיך און צאַנקען,
ווען זיי שווייגן, ווען זיי שפּילן,

ווען זיי ווילן איבעריאָגן,
איינס דעם צווייטן איבערשטייגן,
און ווי קיינער קאָן פאַרטראָגן,
ווען דער „פירער" הייסט אים שווייגן . . .

כ'קען די פידעלע די צאַרטע —
קיינער קען איר ווייטיק שאַצן:
נאָר זי רעדט צו הערצער האַרטע,
ביז די סטרונעס אירע פּלאַצן,

כ'קען די „טשעלאָ", דער בעל־תפילה,
וואָס ער שפּילט זיין אייגענעם ניגון:
ווען עס שפּילן זיי די פילע,
ווערט ער דעמאָלט שטאָלץ אַנטשוויגן . . .

כ'קען דעם קאָנטראַבאַס, דעם שווערן,
מיט די פּאָר געציילטע נאָטן:

ווען ער לאָזט אַליין זיך הערן,
לייגט זיך אויפן האַרץ אַ שאָטן,

דער טראָמפּייט איז מיר קיין ווייטער,
לאָזט זיך הערן גאָר אָן צילן;
ווי אַ אינגל אַ פאַרשייטער
רופט ער: קומט מלחמה שפּילן!

און די פלייט! ווי נאַכטיגאַלן
רופן דיך פון שטאָט און ישוב:
הייבט זי פייפן אָן און שאַלן —
ציט אין פעלד דיך, ווי מיט כישוף,

הײנט דער פּויק! דאָס איז אַ גיבור,
פון אַ פעל גאָר אַ געזונטער:
לאָזט אַרויס אַ קול, דער ליבער —
דאַכט זיך, אַז די וועלט גייט אונטער ..

כיקען און ווייס פון וואַן זיי שטאַמען,
ווייס פון מאַנכן אויך זיין פעלער:
אָבער שפּילן זיי צוזאַמען —
ווערט די וועלט דאַן שענער, העלער..."

ער קען יעדן איינעם באַזונדער, גיט איבער מיט ליבשאַפט פון א קאַריקאַטוריסט זייערע אייגנשאַפטן און „פעלערן“. דערביי מי־נערט ער ניט אויף אַ האָר קיינעמס וויכטיקייט. ער פאַרענטפערט און פאַרשענערט יעדערנס באַזונדערע ערנסטע פונקציע, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ גוטמוטיק אינם דיכטער גופא. און אין צוזאַמענשפּיל פון אַלע איינצלנע אַטריבוטן פון איין כלל פאַרפולקאָמט ער פאַר זיך דעם באַגריף פון א שענערער וועלט. די לײדן פון איינצלנעם ווערן, אַזוינאָך, געלייזט אין פילטאָניקן צוזאַמענשפּיל פון אַלע איינצלנע אין איין קאָלעקטיוו. אין דעם ליגט די עסענץ פון רייזענס באַנעמען די וועלט: קאָמפּליצירט אין יחיד־כלל שייכותן, אידישלעך־דיאַניסיש אין טרויעריקן שפּיל, און פול מיט רחמים־ליבשאַפט, וואָס פירט צו חכמה און הומאָר. זיין חכמה שעפּט איר דערפאַרונג: פון דעם רע־

אַליזם, — דורך סקעפּטיציזם, האָפענונג און ביטער־שפּאַסיקן שפּיל. זיין הומאָר וואַרימט־דורך זיין עמאָציע: פון ביטערן פּעסימיזם, דורך רחמנות, ביז גוטמוטיקן ביטול.

די חכמה פון עפּיקורייער שטרייכט־אונטער די אומוויכטיקייט און אַטראָפירונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און שווינדלאַזיקייט פון דער קעגנוואַרט. ביידע וואַקסן אַרויס ביי רייזענען פון דעם הומאַניטאַרישן שטריך: אין דעם מוז צו לינדערן די ליידן פון דעם מיט־מענטשן, און אין דער נויטווענדיקייט צו קרעפּטיקן אים מיט טרייסט און רוף. צוליב זיין שטענדיקער געפיל־וואַכזאַמקייט און צוליב זיינע מאָמענטאַלע פּאָעטישע רעאַקציעס אויף דערשיינונגען, איז שווער אָנצוכאַפּן רייזענס באַשטימטע כאַראַקטער־שטריכן. דאָך קאָן מען פעסטשטעלן רייזענס לעבן־חכמה פון אַן עפּיקורייער און זיין איראָניע פון אַ גרויסן אוהב, ווי די פונדאַמענטאַלע הויפּט־שטראָמען פון זיין אינערער וועלט.

ווי אַן ערשטע באַשטעטיקונג קאָן דינען דער פאָלגנדיקער פאַקט: ווי נאָר די קעגנוואַרט שיינט צו זיין דערטרעגלעך און די ביטערקייט פון דערווירקלעכקייט אָפּגעשוואַכט, ווערט דער עפּיקורייער פאַרביטן אויף אַ רואיקן טראַכטער. ער חלומט ניט דעמלט וועגן אַ יום־טוב, וואָס דאַרף טרייסטן און לינדערן יסורים, נאָר וועגן אַ יום־טוב פון זעליקייט. רייזענען איז דאָס אין תוך פרעמד. דער גרויסער יום־טוב „מיט ליכט און מיט שטראַלן און רו", די טרוימען וועגן דעם יום־טוב, דאָס מעדיטירן וועגן זיין אָנקום און וועגן די סיבות פון זיין זעליקייט, דעם מענטשנס גליק אין אַראָפּברעננען דידאַזיקע אייביקע מנוחה — דאָס אַלץ איז רייזענען פרעמד. פאַר רייזענען, וואָס האָט

„....אַ שבועה געגעבן
ניט וועלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען און ווידמען מיין לעבן
דעם מענטשלעכן עלנט און נויט".

איז ניט כאַראַקטעריסטיש צו טרוימען וועגן דעם דערוואַרטן יום־טוב ווי וועגן דעם אַפּאָטעאָז פון גליקזעליקייט, און דערביי רעפלעקטירן וועגן אונדזער קוויטיקייט. רייזענען גייט אָן דאָס לינדערן ליידן,

דאָס ענטפּערן גלייך אויף נויטן. דערדאָזיקער יום־טוב איז ניט קיין שפּיל, ניט קיין דערהויבענע אָפּנאַרעריי.

„ליגט דער יום־טוב אין דער שויס פון דעם הימל
און גליט אין דער זון פורפּור־רויט;
ער קאָן זיך פאַר אונדז נאָך ניט ווייזן —
עס איז נאָך די ערד פול מיט קויט.

די וועט אָבער ריין אַמאָל ווערן
(דער מענטש — ער מוז העלפן דערצו)
און נידערן וועט ער פון הימל
מיט ליכט און מיט שטראַלן און רו."

(דער דערוואַרטעטער)

ווי א צווייטע באַשטעטיקונג קאָן דינען רייזענס איבערגאַנג פון איראָניע צו ביטול. זיין הומאָר איז, ווי זיין גאַנצע פּאָעזיע, דורכ־געדרונגען מיט א הומאַניטאַרישן לעבן־באַנעם. זיין הומאָר זוכט צו דערהויבן די חשיבות פונם מענטשן דורך פאַרגרינגערן זיין ליידן־וועג:

„דער שטילער הומאָר,
די פליסנדע רייך —
ווי וואַסערן קלאָר
זיי לייטערן לייד.

דער צאָרן, דער האַס —
דאָס לעבן אין רינג;
גוטמוטיקער שפּאַס
און ליידן ווערט גרינג".

(הומאָר)

דער ביטול אָבער, וואָס טרעט אַמאָל אַרויס פון צווישן די פילע שאַטירונגען פון רייזענס „גוטמוטיקן שפּאַס", איז בשום אופן ניט די געוויינלעכע אָנגענומענע פאַראַכטונג. דאָס איראָניזירן איבערן גרויסן גליק, וואָס ער האָט אַמאָל ניט „פאַרשלאָפן ווי אַלע נאַרן", און דורכדעם דערפאַרן „ווער ס'לעשט פאַרטאָג לאַמטערנעס אויס...",

און דער ביטולדיקער שפּאַס, אַז „עס איז אַ מענטשעלע אַ קליינס“, וואָס טוט אַפּ אַזעלכע גרויסע חידושים ווי פּאַרלעשן נאַכט־ליכט פּאַר־טאָג („פּאַרטאָג“) — דאָס איז ניט דער צוגאַנג פון אויבן־אַראָפּ. אמת, עס איז שווער אַפּילו אָנצואווייזן אויף דער בולטקייט פון זיין בלומרשטן ביטול. ספּעציעל איז עס שווער אָנצודייטן אין יענע לי־דער, וואו דער צוועק איז אויסשליסלעך צו דערהויבן דעם געליטע־נעם. אין אַזעלכע לידער איז דער ביטול פּאַרבאָרגן. ער ווערט פּאַרשאָטנט פון אַ גרעסער, פּאַר רייזענען מער כּאַראַקטעריסטיש, געפיל פון וועלן לינדערן ליידן. און דערפאַר זעט עס אויס ניט ווי קיין גרינגשעצונג, נאָר ווי אַ טראַגישע הומאָרפולע דערפּאַרונג. אין ליד „מוטער“ דייט אָן דער דיכטער, דורך אַ מערקווירדיק מלחמה־בילד, אויף מאָדנע גראָטעסקע אויספירן. ווען דאָס הונגעריקע יתומל פּרעגט „טאָ וואָס־זשע שוויגט דער פּעטער דאָרט, אין לאַנד פון גאָלד דעם וויטן?“, אירָאָניזירט דער דיכטער איבערן זאָטן פּעטער אויף אַ מאָדנעם אומהיימלעכן אופן. און, כאָטש דער ביטול צום פּעטער פילט זיך אין דער ביטערער שפּאַסיקייט, ווערט ער פּאַרטרונ־קען פון אַ הויכן גוטמוט, וואָס מונטערט און טרייסט די מוטער דורך דעם קינדס העכערן באַגריף פון גוטסקייט, וואָס דער „זאָטער פּע־טער באַזיצט ניט:

„— דיין פּעטער, קינד ניט פּרעג, ניט פּרעג —
אַן אומגליק האָט געטראָפן:
ער האָט אַ זאָטער זיך געלייגט
און איז פעסט איינגעשלאָפן.

און אויפגעשטאַנען אין דער פרי —
אָ, ווי צו מיינע יאָרן! —
פון גוטן פּעטער מיט זיין גאָלד
איז גלייך אַ שטיין געוואָרן“.

דאָס קינד שטעלט אויס די אויגעלעך
פול שרעק און פול סכנות,
און ענדלעך ווייזט עס: מאַמעשי,
דעם פּעטער — אַ רחמנות!...“ (מוטער)

די ווירקלעכקייט מיט אירע ווידערשפּרעכנדיקע דערשיינונגען איז דער קוואַל פֿון רייזענס איינדרוקן. זיינע ענטפֿערס אויף אַלע אירע אָנשלאָגן ווערן שנעל געבוירן. זיי זאָגן עדות וועגן אַ שאַרף־עמפּינדלעכן קינסטלער. יעדער ריר אין דער ווירקלעכקייט פֿון רייזענס מיטלעבן, רופֿט אין אים אַרויס אַן אָפּקלאַנג. זיינע לידער קאָנען דינען ווי די געשיכטע פֿון זיין צייט, און אויך פֿון זיינע אַלע איבערלעבונגען. די פּראָבלעם פֿון באַהערשן באַלדיקן קעגנוואַרטיקן מאַטעריאַל האָט פֿון אים געמוזט געלייזט ווערן דורך אַן אייגענעם מעטאָד. פֿאַרוואַנדלען ווירקלעכקייטן אין אַ פּאָעטישן אויסדרוק איז ניט אַזוי שווער, ווען מען נוצט דעם מעטאָד פֿון שילדערן דעטאַלן אָדער ווען מען דערציילט וועגן זיי. אַרויסברענגען אָבער די תּיכפֿדיקע ווירקלעכקייט דורך אַ לירישער לאַקאָנישקייט איז זייער שווער. דאָ פֿאָדערט זיך שוין מייסטערשאַפֿט. דאָס געפֿיל אַליין שאַפֿט דאָ דעם קינסטלערישן אויפֿלייז פֿונם מאַטעריאַל, דורכלויכטנדיק אים מיט אַן אומרעאַלער שיין. ביי רייזענען איז זעלטן צו טרעפֿן לידער, וואו דער נאַראַטיוו אָדער די שילדערונג זאָל ווערן אויסגעדריקט אין דער פֿולער דעטאַליזירונג, און וואָס זאָל דורכאויס טראָגן דיזעלבע טעמפּאָ. זיי פֿאַרוואַנדלען זיך שנעל אין אַ ווייטקייט, אין אַ פֿאַרטראַכטקייט. זיי ווערן געפֿורעמט דורך איינצלנע און פּרעציזע שטריכן, וואָס לייזן־אויף אַ דורכגעליטענע עמאָציע.

די מיטלען, וואָס רייזען באַנוצט פֿאַר דעם, שיינען צו זיין אומרעאַל צוליב זייער פֿאַרבאָרגנקייט הינטער זייער מאַטעריאַל. ער רעאַגירט אויף יעדער דערשיינונג; זאַפּט־איין אין זיך יעדן קלאַנג, וואָס שוועבט דורך; און באַאַרבעט עס מיט זיין ספּעציפֿיש־שנעלער באַציאונג. דעמדאָזיקן אויגנבליקלעכן, אומבאַוואוסטזיניקן פּראָצעס ברענגט ער אָבער אַרויס צום אויסדרוק אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופֿן. ער ווייזט דערביי אַרויס אַ הויכע מייסטערשאַפֿט, ווייל ער באַנוצט זיך מיט אַ שווערן מעטאָד, וואָס ער אַליין האָט פֿאַר זיך באַשטימט.

זיינע לידער זעען אויס, אויפֿן ערשטן בליק, ווי אַן אויסדרוק פֿון דורכגעטראַכטע טרואיזמען, איבערפֿלעכלעכע באַאָבאַכטונגען. זיי ווערן אָבער שנעל פֿאַרוואַנדלט, אומבאַמערקטערהייט, אין אַ קאָמ־

פליצירט געוועב פון זעאונגען געמישט מיט פּאָעטישער חכמה. וואָס מער דערציילעריש אָדער אלעגאָריש עלעמענט זיינס א ליד באַזיצט, אלץ מערקבארער איז דער איבערוואַנדל פון א ווירקלעכן פאקט אין א ווייטער זעאונג. אָבער די סיוזשעטיק פון זיינע לידער איז מערסטן ניט דערציילעריש. דער רעאַליזם, אָן דער פולער דערציילערישקייט, ווערט פון אים קוים געציינכנט. יעדנפאלס — מיט גאָר ווייניק און מיט מאטע שטריכן.

קלאָר ווערט דאָס געזען אין איינס פון זיינע פּרעכטיקסטע לידער:

„איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד, —
עס האָט דער צער מיך ווייט געטריבן,
ביז וואַנען איך בין שטיין געבליבן,
איך האָב דערהערט דעם טרויער פון דער וועלט.

ס'איז שטיל געווען, דאָך איך האָב געהערט
ווי עמיצער איז שטיל ארומגעגאַנגען
און פול געוואָרן איז די לופט מיט קלאַנגען,
און שטיל געטרויערט האָט די גאַנצע ערד.

און אָט איז נאַכט געוואָרן, די לבנה הויך —
איך ווייס ניט ווי אַזוי, פון וואַנען,
איז אויפן הימל ציטערדיק געשטאַנען
און האָט געטרויערט, דאַכט זיך, אויך.

און וואָס די גאַנצע וועלט האָט דורכגעלעבט,
אין אַלע אירע צייטן דורכגעליטן, —
האָט שטיל פּאַרביי מיר דורכגעריטן,
און דורכגעקלונגען, דורכגעשוועבט..."

(וועלט־טרויער)

בולטער באַווייזט זיך דער אומבייט דאָרט, וואו דער סיוזשעט פון ליד איז א קאָנקרעטער. דעמלט איז דער איבערגאַנג פון ווירקלעכקייט אין אומווירקלעכקייט א סך שאַרפער:

„נאַכט און קאַלט. דאָס קליינע שטיבל
קוקט ווי אַ גרויסער קבר אויס,
און דאָס אָרימע געזינדל
קאָן פון דאָרטן ניט אַרויס.

— — — — — — — — — — — — —

ס׳שפּילט דער ווינט אַ מתים־נגון
הינטער שטיבל אויפן גאַס,
און די מתים אין דעם שטיבל
האָרכן צו אָן צער, אָן כעס...“

(נאַכט און קאַלט)

פון דער צווייטער זייט, וואָס קאָנצענטרירטער עס איז דער עפּי־גראַם־עלעמענט אין זיינעם אַ פערז, אַלץ ריינער און דורכזיכטיקער שטייגט זיין לירישע לעבן־חכמה. אויך אין דעם פאַל איז די עפּי־גראַמאַטישקייט פון זיינע לידער קוים געצייכנט.

„האָסט געוואָלט זיך נאַרן
אין די שענסטע יאָרן,
איצט פון אַלע צערן
איז נאָר פרייד געוואָרן.

און דאָס לאַנג דערגרייכטע,
פול מיט יוגנטס־ברענען,
שמייכלט אַ פאַרבלייכטע,
גאָרניט צו דערקענען.“

(האָסט געוואָלט זיך נאַרן)

„ביטער איז געווען מיין נעכטן
און דער היינט איז אויך פיל זאָרגן —
און דער היינט און נעכטן —ביידע
שאַפן, וועבן מיר מיין מאָרגן.

אָ, אַזעלכע צוויי שלימזלס
קענען רעכטס דען עפּעס מאַכן? —
סיוועט אַרויסקומען אַ מאָרגן
נאָר צום חוזק, נאָר צום לאַכן..." (מיינע טעג)

„איך פּאָר אַלע טאָג אויפן בריק —
פּעסט העגגט ער אויף אייזערנע שטריק.
און מעג דער טראַמוויי זיין ווי שווער —
דער בריק איז נאָך שטאַרקער ווי ער.

איז זיץ איך מיר רואיק און טראַכט:
ווי זיכער מען האָט עס געמאַכט!
נאָר אָפטמאָל דערשרעקט זיך מיין האַרץ.
אַ וואָגן באַגעגן איך שוואַרץ.

ער פאָרט מיטן זעלביקן בריק,
וואָס העגגט אויף די אייזערנע שטריק....
אין אָרון ליגט עמיצער שטום — —
דאַן דאַכט מיר, דער בריק וויגט זיך אום..."
(אויפן בריק)

לפנים נעמט רייזען אויף די ווירקלעכקייט אימפּולסיוו. אין דעם מעטאָד פון זיין אויסדרוק פילט זיך אָבער עפּעס באַשטימטס, איבערלייגנדיקס און באַוואוסטזיניקס.

אין די קאָנגזייטיקע בייטענישן צווישן בילד און איבערלעבונג, פּאָעטישן געדאַנק און באַטראַכטונג, דערגרייכט ער אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט. ער דערגרייכט דעמדאָזיקן שטריך מיט דער הילף פון שאַפן אַ פּערספּעקטיוו פאַר זיין ווירקלעכקייט. זיין מעטאָד צווינגט צו דערשפּירן אַ דערווייטערטן אָפּשיין און אַ מאַטן אָפּקלאַנג פון אַ האַלב־וואַכן צושטאַנד. ווי לעבן־געטריי און ניכטער רייזען זאָל ניט אָנהייבן זיינס אַ ליד, איז שווער אָנצודייטן ווי אַזוי מען איז אומבאַמערקטערהייט פאַרנאַרט געוואָרן אין אַן איבערגעוואַנדל־טער שטימונג. די כלומרשטע ניכטערקייט פון ליד ווערט שטיל אויס־

געוועפט און דערפאַר ווערט זי ווי אַוועקגעטראָגן אין אַ ווייטקייט, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס עטערישע פון דער ווירקלעכקייט. אַזוינאָך ווערן ביי אים קאָנקרעטע שילדערונגען פאַרוואַנדלט אין אויפלויכטנ־דיקע בילדער, אין מינאָרע זעאונגען.

אין זיין פּראַקטישער דערפאַרונג זעט רייזען די ווירקלעכקייט נאָענט. אין זיין פּאָעטישער דערפאַרונג זעט ער די ווירקלעכקייט אין פּערספּעקטיוו. אין ביידע פאַלן איז זיין ווירקלעכקייט אַ סטאַטישע, הן רעאַליסטיש, הן פאַרגייסטיקט. פון נאָענטן זעט ער דורכדרינג־לעך דעם פאַקט. פון ווייטן זעט ער דאָס טיפערע, דאָס עצמדיקערע פון דעם פאַקט. און ביידע געפינען זיך אין זיינע פערזן אין איין און דערזעלביקער צייט. און דאָס איז דאָס רייצנדיקע פון זיין ליד. רעאַליסטיש אין אומפּאַס, כלומרשט פּשוט און ניכטער אין אויס־דרוק, צווינגט ער אַרויף אַ מין אַלעגאָריע און סימבאָלישקייט, אַ מין אידעאַליזם. אָבער דער סוד פון פאַרוואונדערונג און אומדער־וואַרטקייט ליגט אין זיין דינאַמיק. דאָס איז זיין אומבאַוואוסטער איבערגאַנג פון איין סטאַטישקייט צו אַ צווייטער, ד. ה. פון זיין פּאַק־טישער אין זיין פּאָעטישער דערפאַרונג. דאָ ליגן קערנער פון דעם שפּעטער־אויפבליענדיקן אינדיווידואַליזם אין דער אידישער פּאָעזיע. דאָ ליגט דער סוד פון

„ . . . דעם ווייטן רויש פון ווערטער,
וואָס פון אַ ליד טראָגט,
דעם אָפּקלאַנג פון די בלאַנקע ערטער,
דאָס וואָרט, וואָס ניט דערזאָגט". (כיהאָב ליב)

אָנגערעגט פון אַן אימפּרעסיע ווערט רייזען גלייך באַוואוסט־זיניק וועגן זיך אַליין אין אָנגעזיכט פון דעם אָביעקט, וואָס האָט אויף אים געווירקט. זיין באַציאונג צום אָביעקט ווערט אַ וואַריאירנדיקע. זי ווערט אינטימער דערמיט, וואָס ער באַרירט זיך אַליין, דורך זיין נאָענטקייט צום אָביעקט. די אומצייליקע פּרטים פון דעם אָב־יעקט רופן אַרויס אויך אומצייליקע פּרטים אין רייזענס פּאָעטישע ענטפערס. ביי רייזענען ווערט די בייטבאַרקייט און קאָמפּליצירטקייט

נאָך מער וואַריאירט צוליב דעם, וואָס דער אָביעקט ווערט געביטן פון אַ נאָענט־באַגרענעצטער קאַטעגאָריע אין אַ ווייטער און אַ צו־נויפגעגאָסענער מיט די שייכותן פון אַנדערע עקזיסטענצן. אַזוינאָך ווערט די אינטימקייט צו דעם, וואָס ער באַהאַנדלט, נאָך נענטער. אין פלוג גיט ער אַ בילד. נאָר הינטער דעם איז פאַרבאָרגן אַ פסיכאָ־געזעלשאַפטלעכער און פסיכאָ־אינדיווידועלער הינטערגרונט, ד. ה. אַ שייכות צווישן אַ פסיכאָלאָגישער רעאַגירונג און אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער סיטואַציע; אָדער אַ שייכות צווישן אַ פסיכאָלאָגישער דערשיינונג און אַ פערזענלעך־אייגענעם באַוואוסטזיין. ביים פלוצימדיקן דערווייטערן דעם אָביעקט פון זיך, דערזעען מיר די פאַר־שידענע לפנימדיקע סתירות אין זייער האַרמאָנישן צוזאַמענהאַנג.

אַ דאַנק זיין אינטימקייט מיטן אָביעקט דערגרייכט ער די פלו־צימדיקע דערווייטערונג פונם אָביעקט דורך שטילע שטריכן, אויס־געדריקט אין אַ שאַרפער לאַקאָנישער פראַזירונג. דערפון, אייגנט־לעך, נעמט זיך די שווערקייט אָנצואווייזן אויף דעם מעכאַניזם פון זיין ליד און אויף דעם תוך פון זיין פאָרם.

דער שטילער, קוים־געהערטער טאָן איז זיין באַליבעטער רויש. ער האָט ליב

„דאָס שטילע מורמלען ווי פון קוואַלן,
וואָס דיר איז ניט באַקאַנט
פון וואו זיי גייען, וואו זיי פאַלן —
אין ווענעס וואונדערלאַנד...“ (כיהאָב ליב)

שטילקייט איז זיין געמיט־צושטאַנד און די טיף פון אַלע זיינע אי־בערלעבונגען. זיינע פריוהייט־לידער, וואָס טראָגן מיט זיך אַ מונ־טערקייט און דערהויבנקייט, רייסן זיך קיינמאָל ניט אַריבער די גרע־נעצן פון הויכע טענער. זיי פאַלן קיינמאָל ניט אַריין אין דעם שאַ־בלאָן פון שרייעדיקער דעקלאַמאַציע. פאַרקערט, זייער יסוד איז די שטילקייט און זייער צאָרן איז דער גליענדיקער, פאַרצווייפלטער, אָבער ניט־היסטערישער אָפּשיין פון פיין. די ווערטער וואָס דריקן אויס שטילקייט, ווי שמייכל, גוטמוט, לייטערונג, פליסן, בלייך א. א. זיינען

זיינע באַליבטע ווערטער און באַשטימונגען. דאָס וואָרט אַליין „שטיל“ קאָן מען טרעפן כמעט אין יעדן צווייטן ליד:

„ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקל...“
(מאַי־קאַ משמע־לן?)

„אַז מיר ריידן,
לאָזן מיר אַראָפּ דעם פּנים
און די ווערטער שטיל, געוואויגן,
ווי עס פּאַסט פאַר אונדז, קבצנים“ (מיר קבצנים)
„— — — — — — — — — —

ווען די לופט איז פול מיט קלאַנגען
און די שטילקייט זינגט איר ליד...“ (אָפּטמאָל)

„ווער איז געווען אַמאָל דער ערשטער,
וואָס האָט די אותיה אויסגעטראַכט? —
געזעסן איז ער אַ באַהערשטער,
אין שטילקייט פון געהיימער מאַכט...“ (ווער?)

אין דעם קעגנזאַץ פון זיין שטילקייט און זיין שאַרפער לאַקאָנישער פראַזירונג ליגט דער סוד, וואָס זיין פראַזירונג זעט אויס פּאַטעטיש. אין זיין העלן ליד רוט אַ דעמער־פאַרב און פאַרוווייכטער קלאַנג. דער „איבערגאַנג פון דעם טאָג אין נאַכט“ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין איבערגאַנג פוןווירקלעכקייט אין ראָמאַנטיק:

„אין דעם איבערגאַנג
פון דעם טאָג אין נאַכט,
אין דער צווישן־שעה
איז אַזויפיל גנאָד, גזעגנג,
איז אַזויפיל גוטסקייט דאָ.

זע, ווי פאָרזיכטיק און זאַכט
גייט די זון איר וועג
אין איר העלער פּראַכט
צו דעם מערבֿס ברעג...

זע, ווי לאַנגזאַם אירע טריט,
ווי זי וואָלט געוואַכט,
ווי זי וואָלט געהיט,
פּלוצלונג זאָל ניט ווערן נאַכט...

און ווי לאַנגזאַם שטיל עס דעקן
שאָטנס אַלע מעקן און גאַסן,
שלייכן צווישן זונען־פּאַסן
אַזוי אומבאַמערקט, געלאַסן,
אַזוי פאָרזיכטיק, באַדאַכט,

אום די וועלט ניט צו דערשרעקן
פּלוצלונג מיט דער נאַכט..."

(אין איבערגאַנג)

רייזענס לאַקאָנישע און זאַכלעכע שורה, אין איר גאַנג דורך זיין שטילקייט און באַדאַכטקייט, שאַפט „דאָס וואָרט, וואָס ניט דער־זאָגט", די וויטקייט פון „קיינמאָל ניט גערעדטע ווערטער". ביי עט־לעכע שפּעטערדיקע דיכטער פאַרמערט זיך די געפּרעסטקייט און די פּינקטלעכקייט פון דער שורה. ביי רייזענען אָבער איז עס שוין אַ כאַראַקטעריסטישער פאַרטיפטער שטריך. זיין פּשוט לשון ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָעטיש, ניט מיט דער הילף פון נוצן פּאָעטישע באַשטימונג־ווערטער אָנשטאָט פּשוטע, נאָר צוליב זיין צאַרטן און שפּאָרעוודיקן צייכענען די קאָנטורן פון וואָרט. דאָס פירט צום צמצום. און ביי רייזענען באַווייזן זיך קלאָרע אָנזאָגן און ביישפּילן פון דער פאָרמולע־שורה. דאָס לעצטע איז ניט בלויז צמצום, אָדער אַן אונטערגעשטראָכענער באַשטאַנדטייל. די פאָרמולע־שורה לעבט, ווי אַן אינדיווידועל וועזן, איר אייגן זעלבסטשטענדיק לעבן. און אָנ־געזאָגט האָט רייזען די פאָרמולאַטיווע שורה מיט קאָנקרעטע ביי־שפּילן. זיין גרויסער אָנזאָג און צוגרייט איז געלעגן אין דער עפּי־גראַמאַטישקייט און, נאָכמער, אין דעם אומעדרוואַרטן ווענד צום סוף ליד. דער אומגעריכטער קלימאַקס און זיין אויפלייז צום סוף פון ליד רופט אַרויס

„דאָס ציטערדיקע זיך פאַרטראַכטן,
ביים לעצטן וואָרט און קלאַנג,

ווי דו פֿאַרטראַכסט זיך אין פֿאַרנאַכטן
ביים שטילן זון־פֿאַרגאַנג..."

(כיהאָב ליב)

„דאָס ציטערדיקע זיך פֿאַרטראַכטן" העלפֿט נאָך מער טראַכטן וועגן דער באַרירטער דערשיינונג און זען זי אויף אַ ווייטערער דיסטאַנץ. אינם ליד „אויף דער חתונה, צ. ב., דערציילט רייזען וועגן אַן אָרימען קרוב, וואָס „פֿאַר דעם טיש איז ער קיין ציר — זיצט דער אָרעמער ביים טיר". די שילדערונג פֿון דער חתונה פֿליסט אַזוי, אַז זיין אָרימקייט און דערשלאָגנקייט זאָל ווערן אונטערשטראָכן ווי אַ קעגנזאַץ צו אַ רייכער חתונה. פּלוצים, ביים סוף פֿון ליד, דערפֿילט זיך אַן אומדערוואַרטע שטייגונג אין דעם אָרימאַנס שטימונג. דאָס קומט־פֿאָר אַ דאַנק רייזענס וועגד אין זיין טעכניק פֿון צוגרייטן כסדרדיקע קעגנזאַצן, און ווען אַ ווייטערדיקער קעגנזאַץ ווערט נאַטירלעכערהייט דערוואַרט, ווענדט ער אָן דאָס אויף וואָס מען האָט זיך לחלוטין ניט גערעכט. אין דעם נאָרוואָס דערמאָנטן ליד, צ. ב. גרייט ער צו די פֿאַרטיפֿונג פֿונם אונטערשייד צווישן אָרים און רייך. מער פֿון אַלעמען פֿילט און לעבט איבער דעם ווייטיק דער אָרימאַן אַליין, דער פֿאַרשעמטער און פֿאַרשטויסענער ביי דער טיר. אָבער

„נעמען דאָך די קלעזמער שפּילן,
הייבט ער אָן זיך הויך דערפֿילן.
קלאַנגען קומען גלייך צום טיר,
און ער שמייכלט ווי אַ גביר..."

דאָ קומט פֿאָר דיזעלבע פּסיכאָלאָגישע צוגרייטונג פֿאַר איין איבערלעבונג און דער פּלוצימדיקער איבערקער צו אַ פֿאַרקערטן אויספֿיר. דערדאָזיקער אומגעריכטער ווענד רוקט אָפּ דאָס שוין־באַנומענע אויף אַ ווייטן שטח. דערמיט רופֿט עס אַרויס ביים לעזער מער ענערגיע און אָנרעגונג נאָכצוטראַכטן דאָס דערווייטערנדיקע. אומבאַוואוסטזיניק האָבן מיר שטענדיק אַ נייגונג אָפּצופֿלאָנטערן די קאָמפּליצירטקייט פֿון צוויי בייטנדיקע קעגנזאַצן. דאָס שאַפֿט אַ מער דויערנדיקע ווירקונג און רופֿט אַרויס אַ פֿאַרלאַנג מיטצופֿילן. רייזענס לידער „דאָס ניגערל", „קריסטלעך", „צוויי בילדער", „פֿאַרטאָג", „אַמאָל איז", „ניט זאָגט", „פֿאַרגעבונג", „אַ טרוים", אויסרעכענענדיק בלויז צו־

פעליק אָנגעכאַפּטע לידער פון איין באַנד, זיינען קאָנקרעטע אילו־סטראַציעס פון זיין אומגעריכטן סוף־וועגד אינם ליד.

אַנאַליזירן רייזענס פּאָעטישע אַנטוויקלונג מיינט אויך אַנאַליזירן די פולע פאַרענדיקטע אַנטוויקלונג פון רעאַליזם אין דער אידישער פּאָעזיע. רייזען איז דורכגעגאַנגען דעם פּרימיטיוון, דעם קריטישן און דעם פּאָזיטיוון רעאַליזם. דורך אַלע עטאַפּן פון זיין רעאַליזם פילן זיך אָנדייטן פונם אָנקומענדיקן אימפּרעסיאָניזם. רייזען לאָזט אויף זיך שטראָמען אומציילליקע מאָמענט־איינדרוקן. אַ רעאַליסט נאָך דער טראַדיציע נאָך, אָן אימפּרעסיאָניסט נאָכן טעמפּעראַמענט, גייט ער דורך דעם וועג פון כסדרדיקע מערנדיקע סתירות פון דער ווירקלעכ־קייט. דער אַקטיווער סקעפּטיקער, וואָס געפינט אין זיך פאַרשידענע אָנגעזיכטן פון אַ מאמין, זוכט ער אינטימקייט אין קלענסטן פּרט פון דערשיינונגען, אין ווייטסטן אָפּקלאַנג. אויף אַלץ ענטפערט ער ווי אַ טיפער עטיקער — אַ בעל־רחמים, אַ זוכנדיקער צווייפלער, אַ טראַגישער איראָניקער, אפילו אַ ראָמאַנטיקער.

מיט דעם קול פון ראָמאַנטיקער רעדט רייזען דער אָנזאָגער פון אידיווידואַליזם אין דער אידישער פּאָעזיע. אָבער איבער אַלץ הערשט זיין האַרמאָניע איבער סתירות. ער דערגרייכט דידאַקטיקע הויכע באַ־גרייפלעכקייט דורך דעם מעטאָד פון שילדערן די ווירקלעכקייט, ווערנ־דיק אויפגעלייזט אין איר. נאָכמער אָבער דורך דערוווייטערן זי, כדי זי טיפער דערזען און דורכדעם זי באַהערשן. בלויז מייסטערס דער־גרייכן די פולשטענדיקע באַהערשונג פון זייערע קאַטעגאָריעס, און קאָנען אַזוינאָך קומען צו יענער גרויסער באַגרייפלעכקייט, וואָס זאָל באַרעכטיקן זייער אויספיר, אַז

„מיין ליד איז געבויט
מיט מאָס און מיט קלאַנג,
— — — — — — — — — — — — —
איך ווייס וואו איך גיי...‟

(צי איז דאָס מאָדערן)